STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02554

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אלטען אוצר

(פיערטע זאמלונג)

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
כל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט

פון ב. יאושזאהן

אכטער באנד:
במדבר
דברים
חמש מגלות
ימים טובים
פרקי אבות

ווארשא — תרח״ץ

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבער־
זעצען, בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1938 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

B. JEUSZSOHN

FUN UNZER ALTEN OJCER

WARSZAWA 1938.

Druk. „GRAFIA", W-wa, Nowolipki 7. גערעצט ביי ש. שטיינזאלץ, ווארשא, וואלעווא 8.

ספר במדבר

בַּמִּדְבָּר

וְאִתְּכֶם יִהְיוּ אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה... (א. ד.)

פאַרוואָס איז גראַד איצט אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז ביים צעהלען די שבטים זאָל דערביי אָנוועזענד זיין דער ראש פון יעדען שבט, פאַרוואָס ווערט דאָס זעלבע נישט געזאָגט אין פ׳ כי תשא ?

ווייל די איצטיגע צעהלונג איז געמאַכט געוואָרען אַלס פאָרברייטונג צום כיבוש־הארץ, וועלכע האָט געדאַרפט פערטיילט ווערען לויט דער צאָהל און גרויס פון יעדען שבט : „לרב תרבה נחלתו ולמעט תמעיט נחלתו״. מען האָט דעריבער געדאַרפט פערהיטען, אַז עס זאָלען נישט פאָרקומען קיין מיסברויכען, אַז אַ טייל שבטים זאָלען נישט אַמאָל אויפגעבען בכיון אַ גרעסערע צאָהל, בכדי זיי זאָלען דאַדורך בעקומען אַ גרעסערע נחלה אין לאַנד, און דערפאַר איז נויטיג געווען דער „ואתכם יהיו איש איש למטה״, אַז די צעהלונג זאָל שטרענג קאָנטראָלירט ווערען דורכ׳ן אָנפיהרער פון יעדען שבט, וועלכער זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר דער ריכטיגקייט פון דער אָנגעגעבענער צאָהל...

(רבי שמעלקי מניקלשבורג)

לְשִׁמְעוֹן שְׁלֻמִיאֵל בֶּן צוּרִישַׁדָּי... (א. ו.)

אויף אַנ׳אָרימאַן, אַ שלימזל, איז מען געוואוינט אין העברעאישען צו בענוצען זיך מיט׳ן אויסדרוק „שלומיאל״. פונוואַנען נעהמט זיך עס ?

וואַהרשיינליך דערפון, וואָס דער אָרימסטער און שלימזל׳דיגסטער שבט איז געווען דער שבט שמעון (ווי עס ווערט געזאָגט אין בראשית רבה פרשת צ״ח : „רובן של עניים משבט שמעון״), און שלומיאל איז געווען דער ראש פונ׳ם דאָזיגען שבט...

(אוסם בוסם)

ויתילדו על משפחותם לבית אבותם... (א. יח.)

„ואתיחסו על זרעיתהון לבית אבהתהון" (תרגום אונקלס)

ביי אנדערע פעלקער איז דאס וויכטיגסטע פאר די יוצאי צבא, זיי זאלען זיך אויסצייכנען מיט העלדישקייט, מיט גבורה, מיט רציחה, ביי אידען אבער האט די תורה אנגעוויזען, אז זייער הויפט־קוואליפיקאציע דארף זיין: יחוס, פאמיליען־ריינקייט, קיין זרע־פסול האט מען, לויט'ן אי־דישען דין, נישט געטארט שיקען אין דער מלחמה.

דען דוקא אויף די יוצאי־צבא דארף מען אכטונג געבען, זיי זאלען זיין איידעלע מענשען, כשר'ע קינדער, וועלכע זאלען זיך אויסצייכענען מיט רחמנות און וואס־ווענינער בלוט פערגיסען. און נישט בעגעהן קיין אומזיסטע רציחות דארט, וואו עס איז נישט נויטיג...

(רבי שמשון רפאל הירש)

וידיו כל פקודי בני ישראל... (א. מה.)

עס איז אנגענומען ביי חסידים, זיך מזכיר צו זיין פאר'ן רבי'ן בכתב, צו דערלאנגען איהם א קוויטעל, אין וועלכען עס ווערט אנגעשרי־בען דער נאמען און די נויטיגע בקשות. אלס מקור צום דאזיגען מנהג ווערט אין די אלטע חסידישע ספרים אנגעוויזען אויפ'ן רמב"ן פון דאזיגען פסוק, אין וועלכען עס ווערט געזאגט: „כי הבא לפני אבי כל הנביאים ואחיו קדוש ד' והוא נודע עליהם בשמו — יהי' לו בדבר זה זכות וחיים, כי בא בסוד ד' ובכתב בני ישראל וכו' כי ישימו עליהם עינם לטובה, יבקשו עליהם רחמים..."

ואתה הפקד את הלוים... (א. נ.)

שנים במסורה וכו' וזהו שאמרו, אין אדם נעשה שוטר מלמטה אלא אם כן נעשה רשע מלמעלה" (בעל הטורים).

אינטערעסאנט איז די ערקלערונג, וואס ווערט געגעבען דערויף אין פירוש המשניות להרמב"ם (אבות א. י.) און נעמליך:

„כי מפני שיקנאו בו בני אדם ויחלקו עליו יפסיד אמונתו, כמו שאמרו: כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה"—

דאָס הייסט, אַז אַ מנהיג, צוליב דער קנאה און מחלוקת, וואָס מען פיהרט געגען איהם, פערלירט ער די אמונה און ער ווערט אַ רשע...

וימת נדב ואביהוא וכו׳ ובנים לא הי׳ להם... (ג. ד.)

אַנטקעגען וואָס דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז „ובנים לא הי׳ להם״, און וואס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטען יאָ געהאַט קינדער?

נאָר אין מדרש רבה (ויקרא כ״ד) ווערט געזאָגט, אז אויב אַ מענש זינדיגט און ער האָט אַ זוהן אַ צדיק, דאַן ווערט דער פאָטער נישט גענש, דען אויב ער וועט נענש ווערען וועט אויך דער זוהן דערפון ליידען, און דער זוהן, אַלס צדיק, דארף דאָך נישט ליידען.

און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „ובנים לא הי׳ להם״, וואָרום ווען זיי וואָלטען געהאַט קינדער, איז מעגליך, אַז זיי וואָלטען אינ׳ם זכות פון די קינדער אויסגעמיטען דעם עונש...

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

ונשיא נשיאי הלוי אלעזר בן אהרן הכהן... (ג. לב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין ירושלמי (שבת פ״י), ווי אויך אין מדרש רבה (סוף פרשת ד׳): „אלעזר בן אהרן דוך דוכנין הוה״.

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר אין דער גמרא געפינען מיר: „מוקמינן ריש דוכנא״ (ב״ב כ״א), און דערויף זאָגט רש״י: „שומע מפי המלמד וחוזר ומשגירו בפי התינוקות״, דאָס וואָרט „דוכנא״ בעדייט אַלזאָ: אַ געהילף, און אין דעם אייגענטליך איז בעשטאַנען דער אַמט פון די לוים, זיי האָבען געדינט אַלס געהילפען פון די כהנים ביי דער עבודת־המקדש, און דאָס איז, אַגב, דער זין: „כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם״, די כהנים אין זייער עבודה, און די לוים — אין זייער מיטהילף.

וועגען אלעזר ווערט, אַלזאָ, געזאָגט, אַז ער איז געווען דער „דוך דוכנא״, דער ראש איבער אַלע געהילפען...

(רבי יוסף שאול נאטאנזאהן)

כל פקודי הלוים וכו׳ שנים ועשרים אלף... (ג. לט.)

דעריבער איז דער שבט לוי געווען דער קלענסטער אין דער צאהל פון אלע אנדערע שבטים, בכדי נישט ארויפצולעגען א צו־שווערען לאסט אויף די אידען, וועלכע האבען געדארפט מפרנס זיין די לוים און זיי אויסהאלטען...

(רבי יאשע בער בריסקער)

ולקחת חמשת שקלים לגלגלת... (ג. מז.)

אין הלכות פדיון הבן (יורה דעה סי׳ ש״ה) פסק׳נט דער ש״ך און דער ט״ז, אז פדיון הבן קאן אויך געמאכט ווערען דורך א שליח. וואונדערען זיך די מפרשים און פרעגען: וואו איז דער מקור פון דער דאזיגע הלכה, פונוואנען האבען זיי עס גענומען?

דערויף ווייזט־אן דער ווילנער גאון אויפ׳ן דאזיגען פסוק. עס איז געזאגט געווארען צו משה רבינו: „ולקחת חמשת שקלים לגלגומת וכו׳ ונתתה הכסף לאהרן ולבניו״. זעהט מען דאך, אז דער פדיון קאן אויך געמאכט ווערען דורך א שליח...

והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר...

(הפטורה, הושע ב׳)

בשעת עס האט זיך צווישען די אסימילירטע דייטשע אידען אנגעהויבען די בעוועגונג פון געמישטע חתונות, האט רבי יצחק׳ל האמבורגער זיך אויסגעדריקט, אז איצט פערשטעהט ער גאנץ אנדערש דעם פשט פון דעם מאמר אין דער גמרא: „כתיב והיה מספר בני ישראל כחול הים, וכתיב אשר לא ימד ולא יספר — כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין עושין רצונו של מקום״ (יומא כ״ב). געוועהנליך איז מען געוועהנט צו טייטשען, אז „לא ימד ולא יספר״ בעציהט זיך אויפ׳ן „עושין רצונו של מקום״, און „והיה מספר בני ישראל״ — אויפ׳ן „שאין עושין רצונו של מקום״. באמת אבער, זעהט אויס, ווערט געמיינט פערקעהרט: בשעת די אידען וועלען טהון רצונו של מקום, וועלען זיי זיין

כחול הים, אָבער זיי וועלען האָבען אַ בעשטימטען מספר, מען וועט קעׂנען וויסען וויפיעל אידען עס זענען פאַראַן, דאַגעגען „בזמן שאין עושין רצונו של מקום״, דאַן וועט זיין „אשר לא יומד ולא יספר״, וועט מען נישט וויסען מעהר קיין מספר, וואָרום צוליעב די געמישטע חתונות וועט שווער זיין צו דערגעהן, ווער עס איז ווירקליך אַ איד און ווער עס איז באמת אַ גוי...

נָשׂא

והתודו את חטאתם וכו׳ והשיב את אשמו... (ה. ז.)

פאַרוואָס הויבט אָן דער פסוק מיט אַ לשון רבים: „והתודו את חטאתם״ און ענדיגט מיט אַ לשון יחיד: „והשיב את אשמו בראשו״?

ווייל אזוי איז שוין, ליידער, דער דרך העולם: צו קלאַפּען זיך על-חטא, מתודה צו זיין זיך מיט׳ן מויל, דערויף זענען אַלע גרייט. בשעת עס קומט אָבער צום „והשיב את הגזלה״, מען זאָל די געזאָגטע ודוי מקיים זיין במעשה און נישט יוצא זיין בלויז מיט׳ן מויל, זענען שוין פאַרהאַן דערויף גאָר ווייניג בעלנים און פונם רבים ווערט אַ יחיד...

(רשפי אש)

מיין ושכר יַזִיר... (ו. ג.)

אין שופטים (י.ג.) ווערט דערצעהלט, אַז דער מלאך האָט אנגעזאָגט שמשון׳ס מוטער: „ואל תשתי יין ושכר וכו׳ כי נזיר אלקים יהי׳ הנער״.

איז דאָך אייגענטליך קשה: פאַרוואָס זאָל זי, צוליעב דעם וואָס דאָס קינד וועט זיין אַ נזיר, נישט טאָרען טרינקען קיין וויין? לויט דער תורה איז דאָך דער דאָזיגער איסור חל נור אויפ׳ן נזיר זעלבסט, אָבער נישט אויף זיין מוטער?

נאָר מען קאָן נישט פערלאַנגען פון אַ קינד, ער זאָל זיין פרומער פון די עלטערען. מן התורה איז טאַקי שמשון׳ס מוטער נישט מחויב געווען אינ׳ם דאָזיגען דין, עס געשיקט זיך אָבער נישט, אַז די מאַמע זאָל ערציהען דאָס קינד אַלס נזיר, שטרענג אַכטונג געבען אויף איהם, ער זאָל זיך צו קיין שום משקה נישט צוריהרען, און אַליין זאָל זי זיך עס יאָ ערלויבען...

(אור כשלמה)

וכפר עליו מאשר חטא על הנפש... (ו, יא)

„וכי באיזה נפש חטא זה? — אלא שציער עצמו מן היין" (נדרים י׳)
וועגן חכם צבי ווערט דערצעהלט, אז פאר יציאת-נשמה האט ער זיך געהייסען דערלאנגען צום טרינקען א גלעזעל וויין, בכדי דערמיט מפייס זיין — ווי ער האט ערקלערט — דעם שוואכען גוף זיינעם, וועלכען ער האט דעם גאנצען לעבען געהאלטען אין איין פייניגען...

רבי נפתלי ראפשיצער האט געטייטשט: „ומבשרך אל תתעלם", דו זאלסט נישט פרעמד זיין און נישט פערמאכען די אויגען אויף דיין אייגען פלייש, אויף דיין קערפער, דו זאלסט איהם נישט צופיעל מאטערען, נישט צופיעל פייניגען...

דער אפטער רבי, רבי אברהם העשיל, האט נישט פערטראגען די וואס האלטען אין איין פראוועז סיגופים און תעניתים. איינמאל איז ער געקומען אין א שטעדטעל אריין אין א טאג, ווען די קהלה האט צוליעב דעם, וואס עס איז א לאנגע צייט נישט געגאנגען קיין רעגען, גוזר תענית געווען. רבי אברהם העשיל האט זיך נישט געמאכט דערפון, ער איז אוועק אויף דער אכסניא, אבגעדאווענט און זיך אוועקגעזעצט צום טיש עסען. אז די שטאדט-לייט זענען דערפון געוואהר געווארען, זענען זיי גע-קומען צו לויפען מיט א רעש: רבי, מען טאר היינט נישט עסען! ס'איז א תענית-צבור ביי אונז! מיר דארפען האבען רעגען!

— צוליעב וואס — ענטפערט זיי דער אפטער בנעימות — דארפט איהר אייגענטליך האבען דעם רעגען? כדי די תבואה אויף די פעלדער זאל וואקסען, כדי עס זאל זיין א גערעטעניש, כדי מען זאל האבען פרנסה, און וואס טהוט איהר דערצו? איהר זעצט זיך אוועק פאסטען און ווייזט דערמיט דעם רבונו של עולם, אז מען קאן אויסקומען אהן פרנסה, אהן אכילה ושתיה, איז דאס א דרך?... איי שוטים, שוטים! פערקעהרט דארף מען אין אזא פאל טהון: וואס מעהר עסען, וואס מעהר טרינקען! זאל דער רבונו של עולם, אדרבה, זעהען. אז איהר דארפט א סך, אז אייערע בע-דערפעניששען זענען גרויס און דאן וועט ער אייך זיכער נישט זשאלעווען און אייך געבען בעגוג רעגען...

מען האט אמאל געפרעגט דעם אסטראווצער רבי'ן, וועלכער פלעגט, כידוע, פאסטען כסדר תעניתים, הלמאי ער פייניגט זיך אזוי פיעל, וועהרענד מיר געפינען דאך, אז א נזיר דארף ברענגען א קרבן בלויז דערפאר „שציער עצמו מן היין" און עס איז דאך א בפירוש'ע גמרא: „כל היושב בתענית נקרא חוטא" (תענית י"א)? האט ער דערויף געענטפערט: עס שטעהט נישט „כל המתענה", נאר „כל היושב בתענית", דער דיוק איז אויפ'ן ווארט „היושב", אז דאס איז חל נור אויף אזעלכען, וואס דאס פאסטען שוואכט איהם אב און שטערט איהם צו שטייגען העכער אין עבודת-השם און ער ווערט א „יושב", בלייבענדיג זיצען אויף איין ארט, נאר אזעלכער טאר נישט פאסטען...

כה תברכו את בני ישראל... (ו. כג.)

„כה תברכו – בנשיאת כפים, נאמר כאן כה תברכו ונאמר להלן וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם" (סוטה לח).

ברכת כהנים דארף נישט בעשטעהן בלויז פון ווערטער, נאר עס דארף אויך זיין דערביי „נשיאת כפים", מען זאל צולעגען א האנד צו דער ברכה, זי זאל זיך אויסדריקען אין מעשים, און אזוי האט זיך אויך נוהג געווען אהרן הכהן: „וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם", ער האט נישט יוצא געווען מיט זיצען פערלעגט די הענד און טיילען דעם עולם ברכות און ווינשענישען, נאר ער האט צוגעטהון א פעולה צו די ברכות, העלפענ-דיג שלום מאכען בין אדם לחבירו, זארגענדיג צו בעזייטיגען די שנאה און מחלוקת ביי אידען: און נור אזעלכע ברכות, ברכות מיט „נשיאות־כפים", האבען א ווערט...

(רבי יוסף חיים קרא)

יברכך ד' וישמרך... (ו. כד.)

„יברכך — בממון, וישמרך — מן המזיקים" (ספרי)

וואס פאר א שייכות האבען צווישען זיך די צוויי ברכות?

נאר די חז"ל זאגען, אז די ברכה איז נישט מצויה בדבר המדוד והמנויה והשקול, נאר בדבר הסמוי מן העין, ביי אונגעצעהלט געלד (בבא מציעא מ"ב), דאגעגען איז פארהאן א צווייטער מאמר, אז מזיקים האבען

אַ שליטה דוקא אויף אונגעצעהלט געלד, אויף אַ דבר הסמוי מן העין (חולין ק״ה).

נאָך דער ברכה, אַלזאָ, פון „יברכך בממון״, אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען אַ דבר הסמוי מן העין, דען אַנדערש קאָן די ברכה נישט חל זיין, מוז דעריבער גלייך צוגעגעבען ווערען אַ צווייטע ברכה: „וישמרך מן המזיקים״. אַז כאָטש עס איז סמוי מן העין, דאָך זאָלען די מזיקים דערויף קיין שליטה נישט האָבען...

(ספר שים)

„יברכך — בבנים, וישמרך — בבנות״ (ספרי)

דען אין דער גמרא ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ספר בן סירא, אַז דער, וואָס האָט טעכטער, קאָן ער נישט שלאָפען במנוחה, מחמת ער מוז אויף זיי כסדר אַכטונג געבען (סנהדרין ק׳), און דעריבער איז דערויף נויטיג אַ בעזונדערע ברכה: „וישמרך — בבנות״...

(הרב ברוך עפשטיין)

ישא ד׳ פניו אליך... (ו׳ כו.)

„וכי לא אשא פנים לישראל שכתבתי עליהם בתורתי ואכלת ושבעת וברכת וכו׳ והם מדקדקים על עצמם עד כזית עד כביצה״ (ברכות כ׳).

אָט דאָס איז דער סוד־הקיום פון אידישען פאָלק. ביי יעדען אַנדערען פאָלק שטעהט אויפ׳ן ערשטען פּלאַץ דער „ואכלת ושבעת״, דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד. זאָל ווערען פון זיי אויסקומען צוליעב זיין רעליגיע און נאַציאָנאַליזם צופיעל צו ליידען, צו לעבען אַ לענגערע צייט אין אָרימקייט און הונגער, דאַן — „והיה כי ירעב והתקצף וקלל במלכו ובאלוהיו״ (ישעי׳ ח׳ כא), קאָן מען לייכט פועל׳ן ביי איהם, ער זאָל צוליעב׳ן „ואכלת ושבעת״ מותר זיין און זיך אָבזאָגען פון אַלע זיינע הייליגסטע, דאַגעגען „והם מדקדקים על עצמם עד כזית עד כביצה״, ביי אידען איז דער „ואכלת ושבעת״ ווייט נישט דער תכלית און הויפּט־צוועק, נאָר אַ מיטעל. אידען זענען גרייט, אין קאַמף פאַר אידישקייט, אויסצוקומען מיט אַ כזית, צו לעבען אין די ערגסטע מאַטעריעלע בעדינגונגען און נישט אונטערגעבען זיך...

(דברי יואל)

ויביאו את קרבנם וכו׳ שש עגלות צב ושני עשר בקר...

(ג. ז.)

אַ מערקווירדיגען מאמר געפינען מיר דערויף אין מדרש רבה (פרשה י״ג אות י״ח):

„והי׳ לעבוד — ניתן להם הויה, שיהי׳ קיימים לעולם וכו׳ תני בשם ר״מ עד עכשיו הן העגלות והפרות קיימות ולא הוממו ולא הזקינו ולא הטרפו ולא נשברו״. דאָס הייסט, אַז די שני עשר בקר לעבען נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג און צוזאַמען מיט זיי עקזיסטירען נאָך ביז היינט די שש עגלות צב...

דער זעלבער מאמר געפינט זיך אויך אין מדרש רבה שיר-השירים פרשה ו׳...

כי עבודת הקדש עליהם בכתף ישאו... (ז. ט.)

דער וואָרקער רבי, רבי מרדכי מנחם, איז נפטר געוואָרען אין יאָהר תרל״ח אין ווארשא, און נוהג איז מען זיך אין ווארשא, אַז די נפטרים טראָגט מען נישט צום בית-החיים אויף די אַקסלען, נאָר אין אַנ׳עגלה. דער אַלעקסאַנדערער רבי, וועלכער איז געווען זיין תלמיד, האָט אָבער געהאַלטען פאַר אַ פחיתות-הכבוד, אַז מען זאָל זיין רבי׳ן פיהרען אין אַנ׳עגלה און ער איז דעריבער אַוועק צום דאַמאָלסדיגען ווארשאווער רב, רבי בעריש מייזעלש, מיט אַ בקשה, ער זאָל ערלויבען, מען זאָל דעם חשוב׳ן נפטר טראָגען אויף די אַקסלען. רבי בעריש האָט נישט געוואָלט מסכים זיין, ער-קלערענדיג, אַז מען טאָר נישט משנה זיין קיין שטאָדטישען מגהג און מען געפינט נישט אין ערגיץ, אַז דאָס זאָל זיין אַ גרעסערער כבוד ווי פיהרען אין אַנ׳עגלה.

— מען געפינט יאָ — רופט זיך אָן דער אַלעקסאַנדערער רבי — עס איז בפי׳רוש מרומז אין דער תורה, עס שטעהט: „כי עבודת הקדש עליהם בכתף ישאו״, אַזעלכע, וואָס עס איז „עבודת הקדש עליהם״, וועלכע האָבען עוסק געווען אין עבודת הקדש, „בכתף ישאו״, דאַרפען געטראָגען ווערען אויף די אַקסלען...

דעם ווארשאווער רב איז דאָס דאָזיגע וואָרט שטאַרק געפעלען גע-וואָרען און ער האָט תיכף געגעבען זיין הסכמה.

נשיא אחד ליום נשיא אחד ליום יקריבו את קרבנם...

(ז. יא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „מכאן שחנוכת הנשיאים דוחה שבת".

ווי אַזוי איז דאָס געדרינגען פון דאָזיגען פסוק?

האָט געזאָגט דערויף רבי חיים וואָלאָזשינער: אין דער גמרא גע־פינען מיר, אַז דער טאָג, אין וועלכען עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען דער משכן, איז אויסגעפאַלען אום זונטאָג. ווען, אַלזאָ, דער חנוכת המזבח וואָלט נישט דוחה געווען שבת, וואָלט אויסגעקומען, אַז די חנוכה וואָלט זיך גע־צויגען גאַנצע צוויי וואָכען. זעקס נשיאים וואלטען מקריב געווען זייערע קרבנות אין די זעקס טעג פון זונטאג ביז פרייטאָג פון דער ערשטער וואָך, און זעקס נשיאים פון זונטאג ביז פרייטאג די צווייטע וואך. יעדער טאג פון דער וואך וואלט אויף אַזאַ אופן זוכה געווען, אַז עס זאל זיך אין איהם איבער'חזר'ען צוויי מאל דער חנוכת המזבח, אין דעם ערשטען זונטאג און אינ'ם צווייטען זונטאג, אינם ערשטען מאנטאג און אינ'ם צווי־טען מאנטאג, און אַזוי דינסטאָג און מיטוואך א. אַז. וו. ביז פרייטאג. אבער פון די ווערטער אין פסוק „נשיא אחד ליום נשיא אחד ליום יקריבו את קרבנם" איז משמע, אַז צוויי טעג זענען געווען במשך פון די צוויי וואָכען, אין וועלכע דער חנוכת המזבח האָט זיך נישט איבערגע'חזר'ט צוויי מאָל און דאָס איז מעגליך נאָר אין דעם פאַל, אויב דער חנוכת המזבח האָט דוחה געווען שבת. דאַן האָבען אין דער ערשטער וואָך מקריב געווען גאַנצע זיבען נשיאים, פון זונטאָג ביז שבת, און די צווייטע וואָך, אין וועל־כער עס זענען געבליבען פינף נשיאים, האָט מען נור מקריב געווען ביז דאָנערשטאָג, אַזוי אַז במשך פונ'ם חנוכת המזבח איז געווען נישט מעהר ווי איין פרייטאָג און איין שבת. דערויף, אַלזאָ, שטיצט זיך דער דיוק פון מדרש: „נשיא אחד ליום נשיא אחד ליום יקריבו", צוויי טעג זאָלען זיין, אין וועלכע די נשיאים זאָלען נור איין מאל מקריב זיין און — „מכאן שחנוכת הנשיאים דוחה שבת"...

פאַרוואָס איז דער שבט לוי אויסגעשלאָסען געוואָרען פון חנוכת המזבח און זייער נשיא האָט זיך נישט בעטייליגט אינ'ם מקריב זיין די קרבנות צוגלייך מיט אַלע איבריגע נשיאים?

דען אויפ'ן פסוק „דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו וכו'

כלי כסף וכלי זהב", ווערט ערקלערט, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרען נור צו די בני ישראל, וועלכע זענען געפּייניגט געוואָרען אין שעבוד מצרים און דערפאַר האָט מען זיי מתיר געמאַכט, אַז פאַר דער שווערער אַרבייט זאָלען זיי זיך איצט אָבנעהמען ביי די מצריים כלי כסף וכלי זהב, דאַגעגען דעם שבט לוי איז דער היתר נישט געגעבען געוואָרען, מחמת דער שבט לוי איז אין מצרים געווען פריי פון אַרבייט און ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין רעכט צו געניסען פון פרעמדע כלי כסף וכלי זהב, דאָס וואָלט געהייסען גזל... און היות ווי ביי חנוכת המזבח האָט יעדער נשיא נעמווט ברענגען אַ קערת כסף ומזרק כסף וכף אחת עשרה זהב, האָט זיך דעריבער דער שבט לוי נישט געקאָנט דערין בעטייליגען, דען די בני לוי זענען געווען אָרימע לייט, מחזירים על הגרנות, וועלכע האָבען געלעבט פון קצבה, פון מעשר...

(שער בת רבים)

בְּהַעֲלֹתְךָ

בהעלותך את הנרות... (ח. ב.)

„מכאן שמעלה היתה לפני המנורה שעליה עומד הכהן ומטיב" (רש"י)

אויף אָנצוצינדען די מנורה, וועלכע האָט געהאַלטען אינגאַנצען אַכטצעהן טפחים, האָט מען דאָך גאַנץ לייכט געקאָנט דערלאַנגען מיט דער האַנד און נאָכוואָס איז דערצו נויטיג געווען, אַז דער כהן גדול זאָל זיך דערביי אַרויפשטעלען אויף אַ ספּעציעלען בענקעל?

ווייל דער כהן גדול – האָט געענטפערט רבי יונתן אייבעשיץ — האָט נישט געטאָרט צו הויך אויפהויבען די האַנד. עס איז אַ בפירושע משנה: „כהן גדול אין מגביה את ידיו למעלה מן הציץ" (תמיד פרק ז')...

והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה... (יא. ד.)

איינער פון די מתנגדישע גדולים האָט אמאָל געטשעפּעט דעם רבי'ן ר' בונם און זיך פאַר איהם אויסגעדריקט, אַז לויט זיין מיינונג איז ווערען אַ רבי, אַ „גוטער איד", פּונקט אַזאַ תאוה ווי אַלע תאוות...

— גאַנץ ריכטיג – האָט איהם דער רבי ר' בונם דערויף געענטפערט —אָבער מען קאָן נישט פריהער דערגרייכען צו דער דאָזיגער תאוה, כל זמן מען צוברעכט נישט אין זיך אַלע אַנדערע תאוות...

זכרנו את הדגה וכו'... (יא. ה.)

דער דובנער מגיד טייטשט:

„זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים", מיר זאָלען זיך ווען דער

מאָהנען אין די פיש, וואָס מיר האָבען געגעסען אין מצרים — „חנם”, איז דאָס אַ בחנם׳דיגע בענקשאַפט, דאָס וועלען מיר שוין זיכער דאָ אין דער מדבר נישט בעקומען, אָבער הלואי זאָל מען אונז לכל־הפחות כאָטש געבען „את הקשואים ואת האבטיחים ואת החציר ואת הבצלים ואת השומים”, אָפילו דאָס דאָזיגע ארימע ביסעל ירקות האבען מיר נישט „ועתה נפשנו יבשה אין כל”...

וְהַמָּן כזרע גַּד הוא... (יא. ז.)

„גד שהיה מגיד להם לישראל מה שבחורין ובסדקין וכו׳ שנים שבאו לפני משה לדין, זה אומר עבדי גנבת וזה אומר אתה מכרת לי, אמר להם משה לבקר משפט וכו׳” (יומא ע״ה).

חס ושלום! — האט דערויף בעמערקט דער חתם סופר — אַז משה זאָל האבען גע׳פסקנ׳ט לויט די סימנים פון מן. „לא בשמים היא”! אַ פסק־הלכה דאַרף אַרויסגעגעבען ווערען נישט מיט מופתים און נישט עפ״י רוח הקדש, נאר עפ״י שלחן־ערוך... באמת האט משה גע׳פסקנ׳ט ווי דער דין איז עפ״י התורה הקדושה, נאר בשעת עס האבען זיך געפינען מערערים, וועלכע האבען געטענה׳ט, אַז ער האט נישט ריכטיג געפסקנ׳ט, האט זיי׳ צומארגענס דער מן איבערצייגט, אַז משה האט געהאַט רעכט...

וישארו שני אנשים במחנה שם האחד אלדד ושם השני מידד... (יא. כו.)

וועגען דער אבשטאמונג פון אלדד ומידד געפינען מיר פערשידענע נוסחאות. אין תרגום יונתן בן עוזיאל אויפ׳ן דאָזיגען פסוק ווערט געזאָגט, אַז אלדד ומידד זענען געווען יוכבד׳ס קינדער, וועלכע זי האָט געבוירען פון אלצפן בר פרנך אין דער צייט ווען זי האָט זיך געשיידט פון עמרם׳ן, איידער זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל. זיי זענען געווען משה׳ס ברידער פון איין מאַמען. דאָס זעלבע ווערט אויך גע־זאָגט אי׳ן „שלשלת הקבלה” (ערך „משה”), נאָר דאָרט איז דער נוסח שוין אַביסעל אַנדערש און נעמליך, אַז מיט אלצפן בר פרנך האָט יוכבד חתונה געהאַט אַלס אלמנה און געבוירען האָט זי פון איהם אלדד ומידד שוין נאָך

עמרם׳ס טויט. אַ דריטען נוסח ווידער געפינען מיר אין „מדרש תלפיות״ (ערך „אלדד ומידד״), לויט וועלכען אלדד ומידד זענען געווען נישט יוכבד׳ס, נאָר עמרם׳ס קינדער, וועלכע ער האָט געבוירען פון אַ צווייטע פרוי. דאַגע־גענען אין מדרש רבה (במדבר פרשה ט״ו) ווערט געזאָגט: אלדד הוא אלידד בן כסלון ומידד זה קמואל בן שפטן״...

ויאמר לו משה המקנא אתה לי... (יא. כט.)

רבי יוסף זכריה, דער שאוולער גאון, האָט נישט געמאַכט קיין גרויס וועזען פון יונגע רבנים און ער האָט זיי נישט איבריג נוהג־כבוד געווען. איינמאָל איז געקומען צו פאָהרען צו איהם דער דאָקשיצער עלוי, וואָס זיין נאָמען האָט שוין דאַמאָלס ווייט אָבגעקלונגען אין אַלע שטעדט און שטעדט־לעך. רבי יוסף זכרי׳ איז פון זיין לומדות שטאַרק נתפעל געוואָרען, אָבער בעצויגען האָט ער זיך פונדעסטוועגען צו איהם, ווי צו אַלע רבני׳שע יונגע־לייטלעך, פון וואָס דער דאָקשיצער עלוי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט.

רבי יוסף זכרי׳ האָט דאָס בעמערקט און ער רופט זיך אָן צו איהם מיט אַ שמייכעל:

— מכבד זיין דאַרף מען אַלטע רבנים, אָבער נישט אַזאַ יונגערמאַן, אַ שנעק, ווי דו...

— פון דער תורה — ענטפערט דער עלוי — ווייזט־אויס פערקעהרט: יהושע׳ן, אַננעהמענדיג זיך פאַר משה רבינו׳ס כבוד, האָט פערדראָסען, הלמאי „אלדד ומידד מתנבאים במחנה״. פאַרוואָס האָט ער נישט געהאַט דעם זעל־בען פערדרוס אויף די שבעים זקנים. אויך וועגען זיי ווערט דאָך דערצעהלט אין פריהערדיגען פסוק: „ויהי בנוח עליהם הרוח ויתנבאו ולא יספו״? — נאָר אויף די זקנים האָט איהם נישט געאַהרט, פאַר זייער קאָנקורענץ האָט ער קיין מורא נישט געהאַט, וואָרום זיי שטעהען דאָך שוין סיי־ווי מיט איין פוס אויף יענער וועלט. אלדד ומידד אָבער זענען נאָך געווען יונגעלייט און מיט יונגעלייט דאַרף מען זיך רעכענען, פון זיי קענען אַמאָל אַרויס־וואַקסען געפעהרליכע קאָנקורענטען...

ויאסף משה אל המחנה... (יא. ל.)

בשעת משה רבינו האָט דערפיהלט, אַז עס גרייט זיך אַ פורעניות

אויף אידען, דער שווערער עונש אין קברות התאוה, האָט ער געקומען זיין געצעלט, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפינען מחוץ למחנה, און זיך אַריבערטראָגען „אל המחנה". אויב אַ פורעניות — וויל ער זיין צוזאַמען מיט זיי און צווישען זיי...

(לקוטים חדשים)

ויאמרו הרק אך במשה דבר ד׳ וכו׳ והאיש משה עניו מאד... (יב. א. ב.)

דער צווייטער פסוק, „והאיש משה עניו מאד", קומט אַלס הסבר און ערקלערונג, פונוואַנען עס נעהמט זיך אַזאַ האַנדלונג צו אהרן ומרים. דע־ריבער — ווערט דערמיט ערקלערט — האָבען זיי זיך ערלויבט צו גלייכען צו משה׳ן און אויסצודריקען זיך: „הרק אך במשה דבר ד׳ הלא גם בנו דבר", ווייל — „והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה", ווייל ער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ פשוט׳ער מענש, נישט אַרויסגעוויזען פאַר קיינעם זיין גדלות, און יעדער איינער האָט דאַדורך געהאַט אַ גרונד צו מיינען, אַז ער איז פונקט אַזוי גרויס ווי משה...

(כלי חמדה)

והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה.. (יב. ג.)

פון דער טענה — פלעגט זאָגען רבי משה קאָברינער — וואָס קורח ועדתו האָבען געהאַט צו איהם, זאָגענדיג: „כי תשתרר עלינו גם תשתרר", איז צו זעהען, אַז משה רבינו האָט זיך נישט געלאָזט פון עולם קריכען אויפ׳ן קאָפּ און ער האָט געפיהרט זיין רבנות ביד רמה, און דאָך „והאיש משה עניו מאד", איז ער אין תוך, אין פנימיות, געווען מעהר עניו „מכל האדם אשר על פני האדמה", פון די אַלע, וואס געהען געבויגען מיט׳ן פנים צו דר׳ערד...

יעדער איד איז דאָך מחויב צו גלויבען אין די שלשה עשר עיקרים און אודאי האָט דאָך אויך משה רביגו אין זיי געגלויבט, טאָ ווי אַזוי האָט ער

געקענט זאָגען: „אני מאמין באמונה שלימה שנבואת משה רבינו עליו השלום היתה אמתית ושהוא היה אב לנביאים לקודמים לפניו ולבאים אחריו" און ווי אַזוי האָט ער געקענט גלויבען דערין, אין דער צייט וואָס ער איז ביי זיך געווען אַזאַ „עניו מאד מכל האדם"?

נאָר משה רבינו האָט געגלויבט, אַז פונקט ווי השי"ת האָט אויסגע־וועהלט דעם קלענסטען און נידריגסטען באַרג, דעם סיני, צו געבען אויף איהם די תורה, אַזוי האָט ער אויך איהם אויסגעוועהלט אלס „אב הנביאים" טאַקי דערפאַר, ווייל ער איז דער קטן שבקטנים, דער שפל שבשפלים...

(הנ"ל)

„והאיש משה עניו מאד — שפל וסבלן" (רש"י)

צו זיין ביי זיך אַ שפל — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי"ם — איז אודאי אַ גאָר גרויסע מדרגה, אָבער נאָך אַ גרעסערע מדרגה איז, צו קע־נען דערטראָגען און סובל זיין דאָס שפלות...

פאַרהאַן — פלעגט זאָגען דער כתב סופר — פערשידענע עֲנָוִים. פאַר־האַן אַנ'עניו, וועלכער וויל דורכ'ן וועג פון עניוות צוקומען צו כבוד, צו־ליעב זיין עניוות זאָל ער ווערען אָנגעזעהן און מכובד ביי מענשען... פאַר־האַן ווידער אַנ'עניו לשם־שמים, ווייל מען דאַרף מקיים זיין, וואָס די תורה הייסט, מען זאָל זיך האַלטען אין דער מדה פון עניוות. דער אמת'ער עניו אָבער איז דער יעניגער, וועלכער איז אַנ'עניו אָהן שום טעמים. נאָר גאָר פשוט, ווייל ער געפינט נישט אין זיך גאָרנישט, מיט וואָס ער זאָל זיך קע־נען גרויס האַלטען...

די תורה, ווערט ערקלערט, איז דעריבער געגעבען געוואָרען אויפ'ן הר סיני, אויפ'ן קלענסטען באַרג, כדי צו ווייזען דערמיט, אַז מען זאָל זיך מיט דער תורה נישט גרויס האַלטען. איז אויב אַזוי פרעגט זיך: פאַרוואָס איז די תורה נישט געגעבען געוואָרען אין אַ טאָל, וואָס דאָס וואָלט דאָך געווען דער אמת'ער סימבאָל פון שפלות?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי מענדעלי קאָצקער — צו געפינען זיך אין אַ טאָל, צו זיין ווירקליך אַ גאָרנישט, איז קיין רבותא נישט צו

האַלטען זיך נידריג, מיט וואָס האָט מען זיך דאָ גרויס צו האַלטען? מען איז דאך באמת אַ גארנישט.. דאַגעגען צו שטעהן אויף אַ באַרג, צו געפינען זיך אויף אַ העכערע מדרגה און דאָך צו זיין דערביי אַנ'עניו — דאָס איז אַ רבותא...

דער חתם סופר פלעגט זאָגען, אז וואָס מעהר עושר אַ מענש איז, אַלץ שפל'דיגער דאַרף ער זיך האַלטען פאַר השי"ת און פאַר מענשען. אַ ראיה פון דער גמרא אין מועד-קטן. די גמרא דערצעהלט דאָרט, אַז רבא האָט מתפלל געווען, מען זאָל איהם געבען דריי זאכען: דאָס עשירות פון רב חסדא, די חכמה פון רב הונא און דאָס עניוות פון רבה בר רב הונא, האָט מען איהם עשירות און חכמה געגעבען, נאר עניוות נישט (מועד-קטן כ"ח). פאַרוואס? נאר באמת האט מען איהם צוליעב געטהון און מען האט איהם יא געגעבען דאס עניוות פון רבה בר רב הונא'ן, אבער פאַר רבא'ן, וועלכער איז שוין איצט געווען אַנ'עושר, פערמאָגענדיג דאָס עשירות פון רב חסדא'ן, איז דאָס עניוות פון רבה בר רב הונא'ן, וועלכער איז געווען אַנ'אָרימאַן, שוין ווייט נישט גענוג געווען. אַלס עושר האָט ער זיך שוין גענויטיגט אין מעהר עניוות...

דער רבי ר' בונם פון פשיסכע האָט אַמאָל אַ פרעג געטהון איינעם פון זיינע אָנגעזעהענסטע חסידים, ר' ברוך סטיטשינער:

— ברוך, האָסט עפּיס אַ לייטישע אכסניא אין פשיסכע?

— דער, וואָס פערנעהמט נישט קיין אָרט — האָט געענטפערט ר' ברוך — האָט אומעטום אַנ'אָרט...

ואביה ירק ירק בפניה... (יב. יד.)

צוליעב וואָס ווערט דאָ דערמאָהנט דער פאָטער?

האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר יחיאל, דער רבי פון אָסטראָווצע:

אויפ'ן פסוק „וילך איש מבית לוי" ווערט געזאָגט אין מדרש, ווי אויך אין רש"י אויפ'ן אָרט: „פרוש היה ממנה וכו' בעצת בתו שאמרה לו גזירתך קשה משל פרעה וכו' והחזירה ועשה בה לקוחין שניים". עס

איז, אַלזאָ, נישט דער ערשטער פאַל געווען דאָס, וואָס מרים האָט זיך איצט אַריינגעמישט אין משה רבינו׳ס פאַמיליען-לעבען, „על אודות האשה הכושית אשר לקח״, אויך בנוגע צו איהר אייגענעם פאָטער האָט זי זיך אַמאָל ערלויבט דאָס זעלבע. „ואביה ירוק ירק בפניה״, שוין דער פאָטער דאַמאָלס האָט איהר געדאַרפט דערפאַר שפּייען אין געזיכט! ווי קומט אַ טאָכטער און אַ שוועסטער אַריינצומישען זיך אין אַזעלכע זאַכען?...

שְׁלַח

שלח לך אנשים... (יג. ב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש תנחומא: „ילמדנו רבינו, מה לפרוש לים הגדול קודם לשבת ג׳ ימים וכו׳".

און אַלע מפרשים וואונדערען זיך: ווי קומט דאָ אַהער די דאָזיגע שאלה צו פרשת שלח?

נאָר אין דער גמרא (תענית כ״ט) געפינען מיר, אַז די מרגלים זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען אין כ״ט סיון. אויפ׳ן פסוק „ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן" ווערט געזאָגט: „אותו היום אחד בשבת היה", אַז ראש חדש ניסן איז אין יענעם יאָהר אויסגעפאַלען אום זונטאָג, אויב ראש-חדש ניסן איז זונטאָג, געפאַלט דאַן כ״ט סיון, לויט׳ן חשבון, אום מיטוואָך, און היות ווי אויף צו געהן קיין ארץ-ישראל האָבען די מרגלים געדאַרפט אַרי-בערגעהן דעם ירדן און געווען איז דאָס דריי טעג פאַר שבת, פרעגט דעריבער דער מדרש ביי דער געלעגענהייט: „מה לפרוש לים הגדול קודם לשבת ג׳ ימים"...

(רבי פנחס הלוי הורוויץ)

ויקרא משה להושע בן נון יהושע... (יג. טז.)

„יה יושיעך מעצת מרגלים" (רש״י)

אַז יהושע זאָל ניצול ווערען פון דער צווייטער געפאַהר, וואס עס האָט איהם געדראָהט, די געפאַהר פון „ויאמרו כל העדה לרגום אותם באבנים", דערויף האָט משה רבינו נישט מתפלל געווען. אידישע שטיינער זענען נישט אַזוי געפעהרליך, נישט אַזוי שרעקליך, פיעל שרעקליכער פון אידישע שטיינער זענען די אידישע מיילער, די אידישע אינטריגעס, די

„עצת מרגלים", אָ, „יה יושיעך מעצת מרגלים", דערפון זאָל השי"ת שומר ומציל זיין !...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„וכד חמא משה ענוותנותיה קרא משה להושע בן נון יהושע"

(תרגום יונתן)

די טבע איז פון עניו, אַז ער האָט צו אַלעמען צוטרוי, ער האַלט אַלע מענשען פאַר צהרליכע לייט, פאַר אנשי-אמת, און דעריבער האָט משה רבינו בעזונדערס מורא געהאַט פאַר יהושע׳ן, אַז צוליעב זיין ענוות׳ צוליב זיין צוטרוי צו מענשען, זאָל ער זיך נישט לאָזען פערפיהרען און גלויבען די מרגלים, און דערפאַר האָט ער אויף איהם מתפלל געווען: „יה יושיעך מעצת מרגלים"...

(דברי שאול)

היש בה עץ אם אין... (יג. כ.)

אין מדרש רבה שמות ווערט דערצעהלט, אַז בשעת די כנענים האָבען געהערט, אַז די בני ישראל זענען אַרויס פון מצרים און זיי גרייטען זיך צו געהן קיין ארץ-ישראל, האָבען זיי אויסגעריסען אין לאַנד און פערניכטעט אַלע פרוכט-בוימער, כדי די אידען זאָלען פון זיי נישט נהנה זיין, און דעריבער, אַלזאָ, איז אָנגעזאָגט געוואָרען די מרגלים, זיי זאָלען זעהען, „היש בה עץ אם אין"...

(אלשיך)

וגם זבת חלב ודבש היא וזה פריה... (יג. כז.)

נאָכוואָס האָבען די מרגלים, וועלכע האָבען זיך בעמיהט בלויז אָנצוּווייזען אויף די חסרונות פון לאַנד, געפינען פאַר נויטיג דאָס צו דערצעהלען ?

דען דאָס וויכטיגסטע און ווירקזאַמסטע קריעגס-מיטעל אין די אַמאָליגע מלחמות איז געווען, צו בעלאַגערען דאָס לאַנד פון שונא און עס אויסצוהונגערען אַזוי לאַנג, ביז עס זאָל זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. אויך דאָס, אַלזאָ, איז דערמאָהנט געוואָרען נישט לשבח, נור לגנאי, אַז מען

וועט דאָס לאַנד נישט קענען בייקומען, עס וועט זיין אוממעגליך עס אויס־צוהונגערען, וואָרום — „וגם זבת חלב ודבש היא"...

(כתב סופר)

אפס כי עז העם היושב בארץ... (יג. כח.)

צוזאַמען מיט די חסרונות האָבען דאָך די מרגלים אויסגערעכענט אויך די מעלות פון ארץ־ישראל, זאָגענדיג בפירוש: „וגם זבת חלב ודבש היא וזה פריה", טאָ פאַרוואָס איז זיי געקומען אַזוי נענש צו ווערען? נאָר אינ'ם ענטפער פון אַ מענש און אינ'ם אופן, ווי אַזוי ער ענטפערט, איז קענטיג די אמת'ע כוונה זיינע. בשעת מען האָט גוטע כוונות רעכענט מען פריהער אויס די חסרונות און דערביי פיהרט מען אויס: דאָך, פונדעסטוועגען, נישט קוק־קענדיג דערויף, פערמאָגט עס אבער אַזעלכע און אַזעלכע מעלות. דאַגעגען בעת מען איז דורכגעדרינגען מיט שלעכטע כוונות, הויבט מען פריהער אָן ביי די מעלות און מען ענדיגט, אַז טראָץ דעם אַלעם, זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע און אַזעלכע חסרונות, וועלכע שטייגען איבער די מעלות, און דער איינדרוק אויף'ן צוהערער בלייבט שטענדיג דער לעצטער אויס־פיהר. און אַזוי האָבען זיך אויך נוהג געווען די מרגלים: אָנגעהויבען האָבען זיי מיט שילדערען די גוטע זייט: „באנו אל הארץ אשר שלחתנו וגם זבת חלב ודבש וזה פריה", אבער — האבען זיי זיך גלייך בעמיהט אָבצו־שוואַכען דעם ערשטען רושם — וואָס קומט אַרויס דערפון? „אפס כי עז העם דהזה!"...

(דברי יואל)

והערים בצורות גדולות מאד... (יג. כח.)

„בצורות לשון חוזק, ותרגומו כריכן, לשון בירניות עגולות" (רש"י)

וואָס פאַר אַ דבה רעדה האבען זיי דערמיט מוציא געווען אויף'ן לאַנד?

נאָר — דהאט געזאגט דערויף רבי שלמה קלוגער בדרך צחות — אויף'ן פסוק אין פ' מצורע: „ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם", ווערט געזאָגט אין מדרש (ווערט אויך געבראַכט אין רש"י אויף'ן אָרט): „בשורה היא להם שהנגעים באים עליהם, לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם וכו' ועל ידי הנגע נותץ הבית ומצאן". אַט די דאָזיגע

האפנונג, צו קענען געניסען פון אמורי׳שען גאָלד, וואָס איז איינגעגראבען אין די הייזער, האבען די מרגלים זיך בעמיהט אבצושוואַכען ביי די אידען, ערקלערענדיג, אַז די הייזער אין ארץ־ישראל זענען „בצורות גדולות — בירניות עגולות״, פעסטונגס־פּאַלאַצען, וועלכע זענען געבויט קיילעכיג, און דער דין איז דאך, אַז „בית עגול אינו מטמא בנגעים״ (נגעים פרק י״ב), וממילא האבען זיי קיין האפנונג נישט, אַז מען זאל דאַרפען דארט, אין פאַל פון נגעים, פונאַנדערוואַרפען די הייזער און זיי זאלען געפינען דאס גאלד, וואס די אמוריים האבען דארט בעהאַלטען...

דער עונש פון גלות, וואס איז אויף אונז נגזר געווארען ביז׳ן היינ־טיגען טאג, איז אַלץ בכדי מתקן צו זיין דעם חטא פון די מרגלים און פון זייער דבה־רעה, וועלכע איז עד־היום נישט אויסגעווארצעלט געווארען פון די אידישע הערצער, ווי עס ווערט געזאגט אין פסוק: „וימאסו בארץ חמדה וכו׳ וישא ידו להם להפיל אותם במדבר ולהפיל זרעם בגוים ולזרותם בארצות״ (תהלים ק״ו), און די גאולה וועט פריהער נישט קומען, ביז מען וועט נישט אויסוואָרצלען פון זיך דעם דאזיגען חטא, ביז מען וועט נישט אַרויסווייזען די געהעריגע ליעבע צום לאַנד און ביז מען וועט זיך נישט בעמיהען אויסצולייזען זי פון פרעמדע הענד...

(לב העברי)

רבי מאיר שמחה פון דווינסק, הגם ער איז נישט געווען קיין אָפּי־ציעלער ציוני, איז ער אָבער געווען אַ הייסער אָנהענגער פון ישוב ארץ־ישראל און ער פלעגט זיך פרעהען מיט יעדע פרישע קאָלאָניע, וואָס עס איז געשאַפען געוואָרען און מיט׳ן כסדר׳דיגען וואוקס פון בנין־הארץ.

— רבי — האָבען איהם אַמאָל די מקורבים זיינע געפרעגט — וואָס האָבען מיר פון אַזאַ ישוב ארץ־ישראל, וויבאַלד ער בעשטעהט פון לויטער ציוניסטען, פושעים...

— אין דער תפלה פון קדיש זאָגען מיר — האָט זיי דערויף רבי מאיר שמחה אָבגעענטפערט — „יתגדל ויתקדש שמיה רבה״! פריהער דאַרף מען מקיים זיין דעם „יתגדל״ און נאָכהער וועט שוין ממילא קומען דער „ויתקדש״...

רבי זונדעל, דער קאמעניצער מגיד, איז געווען א גרויסער מאריך אין זיינע דרשות, א דרשה פלעגט ביי איהם דויערען נישט וועניגער פון א דריי פיער שעה. איינמאל האט מען איהם איינגעלאדען קיין מאסקווע אויף א גרויסער פערזאמלונג, וועלכע איז צונויפגערופען געווארען דורך די חובבי ציון, בכדי צו געווינען דעם עולם און הויפטזעכליך די גבירים פאר ישוב ארץ-ישראל. צו דער דאזיגער פערזאמלונג איז אויך איינגעלאדען גע־ווארען דער מאסקווער רב, רבי מאיר נח, ווי אויך דער בעוואוסטער מטיף, הרב צבי יהודה יעיווזעראוו. דאס ערשטע ווארט האט בעקומען דער רב, רבי מאיר נח, וועלכער האט געהאלטען פאר'ן עולם א לאנגע לומדישע דרשה וועגען גלות און גאולה. נאכהער האט זיך אוועקגעשטעלט יעווזעראוו און אוועקגעלעגט א לאנגע פייערדיגע רעדע וועגען אויפלעבונג פון אידישען פאלק אין אידישען לאנד. אז עס איז געקומען די רייה צו רבי זונדלען האט דער עולם, וועלכער האט זיך שוין געפיהלט מיעד נאך די צוויי לאנ־גע רעדעס, א שטילען זיפץ געטהון. רבי זונדעל האט פערשטאנען די בע־דייטונג פון דאזיגען זיפץ און ער האט זיך געווענדעט צום עולם און גע־זאגט: האט קיין פעראיבעל נישט, רבותי, כ'וועל פאר אייך דאס מאל נישט האלטען קיין לאנגע דרשות, בלויז א מעשה שהיה וועל איך אייך דער־צעהלען:

עס האט א איד אמאל געהאט צאהן-שמערצען, האט ער זיך אויפגע־הויבען און איז אוועק מיטן קראנקען צאהן צו א פראפעסאר, מחמת אזוי איז שוין דער שטייגער ביי אידען: ווי נאר עפיס — איז גלייך צום פראפע־סאר... האט דער פראפעסאר איהם אויסגעפרעגט, וואס איהם איז, און דער־הערענדיג אז עס האנדעלט זיך וועגען צאהן-וועהטאג, האט ער זיך אוועק־געזעצט און געהאלטען פאר איהם א רעפעראט וועגען צייהן, ווי אזוי זיי שניידען זיך און ווי אזוי זיי וואקסען, ווי אזוי זיי פארמירען זיך און ווי אזוי זיי ענטוויקלען זיך, ווי אזוי זיי ווערען קאליע און פארוואס זיי ווערען קאליע און ווי אזוי מען דארף זיי היילען און האלטען אין ארדנונג... און דאן האט ער גענומען ביי איהם דעם האנאראר פאר דער וויזיט און געהייסען געהן א היים. דער רעפעראט האט אבער נישט גע־האלפען, די צאהן-שמערצען האבען אויף א האר נישט אבגעלאזט און א גאנצע נאכט האט דער פאציענט לא-עלינו נישט געקאנט שלאפען פון יסורים. וואס זשע טהוט מען? איז ער אין דער פריה אוועק צו א דאק־טאר, האט דער דאקטאר בעטראכט דעם צאהן, בעקוקט פון אלע זייטען און דאן האט ער איהם פערשריבען פערשידענע רעצעפטען, גענומען פאר'ן וויזיט און געהייסען געהן א היים. די רעצעפטען אבער צו א קראנקען צאהן העלפען נישט און די יסורים ווילען אלץ נישט אבטרעטען. וואס זשע

טהוט מען ווייטער? האט ער זיך מיישב געווען און איז אוועק צו א פראס־טען פעלדשער, און דער דאזיגער פעלדשער האט נישט געהאלטען קיין רעפעראטען, נישט פערשריבען קיין רעצעפטען, נאר ער האט גענומען א צוואנג, ארויסגעריסען דעם קראנקען צאהן און דעם פאציענט איז מיטאמאל ליכטיג געווארען אין די אויגען..

כך, אזוי, רבותי — האט ער אויסגעפיהרט — איז אויך מיט'ן אידי־שען פאלק, דאס אידישע פאלק ליידט נעביך מורא'דיגע יסורים פון א פוי־לען צאהן, וואס הייסט גלות. איז געקומען אונזער פראפעסאר רבי מאיר נח און האט געהאלטען פאר'ן פאציענט א לאנגען רעפעראט וועגען די סיבות פון גלות, פון וואנען ער שטאמט און וואס עס האט גורם געווען צום גלות. דאס איז אבער א קנאפע ישועה. איז געקומען נאכהער אונזער דאקטאר, הרב יהודה יעווזעראוו, און האט פערשריבען רעצעפטען, ווי אזוי מען דארף פטור ווערען פון גלות. אבער די דאזיגע רעצעפטען וועלען אויך ווייניג־וואס העלפען. איך, רבותי, בין נישט קיין פראפעסאר און נישט קיין דאקטאר, נאר א פשוט'ער פעלדשער... א צוואנג, אידען — האט ער געשריגען און געקלאפט מיט די פויסטען אין בעלעמער — דארף מען האבען צו אייך! די צייהן, די קראנקע צייהן, דארף מען אייך אויסרייי־סען!... געלד, אידען, פערלאנג איך פון אייך! געלד אויף אויפצובויען פאר זיך אנ'אייגענע היים, געלד אויף ארץ־ישראל!...

טובה הארץ מאד מאד.. (יד. ז.)

ארץ־ישראל — פלעגט זאגען דער בעש"ט — האט אין זיך אזא כח, אז פון „ארץ" איז זי אומשטאנד צו מאכען — „ישראל"...

„מי יעלה בהר ד' ומי יקום במקום קדשו" (תהלים סד. ג.)

בשעת מען שטייגט אויף א בארג וואַרפט מען פון זיך אראב די שווערע קליידער, אלע איבעריגע באלאסטען, און אזוי דארף מען אויך טהון בשעת מען געהט קיין ארץ־ישראל — מען דארף זיך פארנעהמען צו לעבען דארט ווי ווייט־מעגליך בעשיידען, אהן גרויסע פערלאנגען, אהן מותרות...

(חיד"א)

וינסו אותי זה עשר פעמים... (יד. כב.)

„וינסו — כמשמעו" (רש"י)

צוליב וואס איז נויטיג דער „כמשמעו" און וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר אַ טייל פון די ראשונים ערקלערען, אַז די ציפער „עשר" ווערט דאָ נישט געמיינט אין בוכשטעבליכען זין. אַזוי זאָגט דער אבן-עזרא: „והזכיר עשר בעבור היותו סך חשבון כי הוא סוף האחדים וראש העשרות", און דאס זעלבע זאגט אויך דער רשב"ם: „זה עשר פעמים לאו דוקא וגוזמא נקט", און דעריבער בעמערקט רש"י: „וינסו — כמשמעו", אַז דא רעדט זיך טאַקי ממש וועגען צעהן מאהל: „שנים בים ושנים במן ושנים בשליו וכו'"...

(רבי יוסף שאול נאטאנזאהן)

וימצאו איש מקושש עצים ביום השבת...

„מקושש לשם שמים נתכוין" (מדרש רבה)

און פונדעסטוועגען האָט מען איהם פערמשפּט, ווייל מען טאָר זיך אין אַזעלכע פאַלען נישט רעכענען מיט דברים שבלב, מחמת דאָס וואָלט געגעבען אַן אָרט פאַר פערשידענע פערברעכער צו געפינען עפּעס אַן אויס-רייד און אָנצוווייזען, אַז זיי זענען מיט זייער פערברעכען אויסען געווען לשם-שמים...

(אמרי ירמי')

קֹרַח

ויקח קרח... (טז. א.)

„פרשה זו יפה נדרשת". (רש״י).

פאַרוואָס זאָגט רש״י גראָד אויף דעם דרש: „יפה נדרשת״? זענען דען, אַ חוץ דעם דאָזיגען דרש, ווייניג פאַרהאַן אַנדערע שענע דרשות?

נאָר אין אַלע דרשות שטיצט זיך געוועהנליך דער דרש אויף די ווערטער פון פסוק, אין וועלכען מען געפינט אַ רמז און אַ געוויסע עהנליכקייט צום אינהאַלט פון דרש. דאָ דאַגעגען, אין „ויקח קרח", צוליעב דעם, וואָס דער פסוק זאָגט נישט אַרויס, וואָס ער האָט גענומען, איז „יפה נדרשת". לאָזט זיך דערויף דרש׳נען און טייטשען אַלץ וואָס עס האָט אַ שייכות צו לקיחה, און דערפאַר טאַקי זענען פאַרהאַן אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אַזויפיעל דרשות. איין דרש איז: „לקח את עצמו", אַ צווייטער דרש: „לקח ראשי סנהדראות", אַ דריטער דרש: „לקח טליתות", אַ פיערטער דרש: „לקח מקח רע לעצמו", און אַזוי ווייטער...

(שפתי דעת)

נשיאי עדה קרואי מועד אנשי שם... (טז. ב.)

מען האָט פאַר רבי יאָשע בער׳ן אַמאָל געריהמט אַ געוויסען פערזאָן, אַז ער איז זעהר חשוב און אָנגעזעהן אין זיין סביבה, וואו ער ווערט פערעכענט צווישען די אַנשי־שם.

האָט רבי יאָשע בער, וועלכער האָט גראָד נישט געהאַט קיין איבריג גוטע מיינונג וועגען דער דאָזיגער פערזאָן, דערויף בעמערקט, אַז צוויי מאָל געפינען מיר אין תנ״ך דעם אויסדרוק „אַנשי שם", ביים דור המבול און ביי דער מחלוקת פון קרח...

כי כל העדה כלם קדושים... (טז. ג.)

זיי וויסען, משה – האט איהם קרח געדראהט – אז „כל העדה כלם קדושים", און קוים געפינען זיך אין דער עדה אזויפיעל קדושים און שענע אידען, קענסטו זיכער זיין, אז די מחלוקת וועט זיך אזוי גיך נישט איינשטילען...

(ילקוט דוד)

ויפול על פניו... (טז. ד)

„מלמד שחשדוהו באשת איש" (מדרש רבה פרשה י"ח)

די גמרא זאגט: „כל אדם שיש בו גסות הרוח לבסוף נכשל באשת איש" (סוטה ד'), און קוים, אלזא, האבען זיי איהם חושד געווען אין גאות, אין „מדוע תתנשאו על קהל ד'", איז ממילא שוין אויך – „חשדוהו באשת איש"...

(חמדת צבי)

ואת הקדוש והקריב אליו וכו'... (טז. ה.)

אין לעמבערג האט קהל געהאט צו טהון מיט א מחוצף'דיג רבי'ל, וועלכער האט בגוואלד געוואלט דארט ווערען דיין, בענוצענדיג זיך צו דעם צוועק מיט פערשידענע תקיפות'דיגע מיטלען, מיט פראטעקציע ביי פערשידענע מלוכה-בעאמטע, און אויף אלע טענות און פארוואורפען האט ער גדלות'דיג געענטפערט, אז אין לערנען קאן ער זיך פערהערען מיט'ן לעמבערגער רב, מיט'ן „ישועות יעקב", ער איז א פיל גרעסערער למדן פון איהם און ער האט דעריבער דאס פולע רעכט צו ווערען על כל פנים לעמבערגער דיין...

האט דער „ישועות יעקב" געשיקט נאך דעם בעל-דבר און פערפיהרט מיט איהם א שמועס:

– מילא, אין לערנען – מאכט ער צו איהם – וועל איך זיך נישט געהן מיט אייך פערהערען. וויבאלד איהר זאגט, אז איהר קענט בעסער לערנען פון מיר, איז עס מסתמא אמת... א פסוק חומש יעדענפאלס קענט איהר דאך זיכער, געדענקט איהר דאך אודאי, וואס עס שטעהט אין חומש: „בקר ויודע ד' את אשר לו, ואת הקדוש והקריב אליו, ואת אשר יבחר בו יקריב אליו". איז דאך אין פלוג שווער: נאכוואס ווערט עפיס

צוויי מאָל איבערגעחזר׳ט די זעלבע זאַך: „ואת הקדוש והקריב אליו" און דאַן נאָכאַמאָל: „ואת אשר יבחר בו יקריב אליו"? נאָר קרח מיט זיין עדה האָבען געטענה׳ט צו משה׳ן: „כי כל העדה כלם קדושים", זיי זענען אַלע ב"ה אַזעלכע קדושים און לומדים וויער און זיי אַלע זענען ראוי צו ווערען די זעלבע מנהיגים, און דערויף האָט זיי משה רבינו געענטפערט: אמת טאַקי, אַז „ואת הקדוש והקריב אליו", אַז יעדער פון אייך איז אַ קדוש און אַ למדן און ער איז ראוי, אַז השי"ת זאָל איהם מקרב זיין און מאַכען איהם פאַר אַ מנהיג, אַ רב, אַ לעמבערגער דיין, אָבער דאָס אַליין איז נאָך ווייניג, דערצו איז אויך נויטיג, אַז „ואת אשר יבחר בו יקריב אליו", אַז מען זאָל דעם דאָזיגען „קדוש" אויסקלויבען, עס זאָלען פאַרקומען וואַהלען, קהל זאָל מסכים זיין. אַזעלכע זאַכען, מיין ליעבער איד, נעהמט מען זיך נישט אַליין...

רב לכם בני לוי... (טז ז)

„וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה" (רש"י)

האָט דער חדושי הרי"ם געטייטשט: „מה ראה לשטות זה", נאָכדאָס האָט עס איהם געטויגט און ווי פאַלט ער אויס צו טהון אַזאַ שטות — צו זיין אַ פקח...

ובקשתם גם כהונה... (טז י)

אַ כהן-גדול קאָן זיין נאָר איינער, ביי אייך אָבער, פון אייערע טענות איז צו זעהן, אַז „ובקשתם גם כהונה", אַז איהר אַלע ווילט און יעדער איינער פון אייך האָט חשק צו דער דאָזיגער התמנות, און אויב אַזוי, וואָס וועט איהר דערגרייכען דערמיט, וואָס אַהרן וועט זיך אָבזאָגען און אַ צווייטער וועט ווערען כהן-גדול אויף זיין אָרט? ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין וועלען דאָך אַלץ די איבריגע מוזען בלייבען אונבעפרידיגט און די קנאה-שנאה וועט ממילא אויך ווייטער נישט אויפהערען...

(קב בשמים)

ואהרן מה הוא כי תלינו עליו.. (טז יא)

קרח מיט זיין עדה האָבען געהאַט פרעטענזיעס אויף ביידע זאַכען, אויף משה'ס מלכות און אויף אהרן'ס כהונה, טענה'נדיג: „אם לקחת לך מלכות לא היה לך לברר לאחיך כהונה". דערויף האָט זיי משה רבינו געענטפערט: מילא, אז איהר זענט מיך מקנא מיט'ן מלכות, איז פערשטענדליך, מלכות איז טאַקי אַ גרויסע זאַך, צו וועלכען מען קאָן האָבען חשק... די כהונה, דאַגעגען, האָט נאָר אַ חשיבות פאַר אַזעלכען, וועלכער איז אַ מאַמין, וועלכער גלויבט טאַקי באמונה שלימה, אַז די אַלע פערשידענע מיני אַרבייט, וואָס אַ כהן דאַרף טהון, איז נישט סתם קיין געוועהנליכע מלאכה, נאָר ער ערפילט דערמיט אַ געטליכע עבודה. אָהן דער דאָזיגער אמונה איז מען אַ פשוט'ער אַרבייטער, אַנ'איינפאַכער שמש און — „לכן אתה וכל עדתך הנועדים על ד'", קוים זענט איהר קיין מאַמינים נישט, שטעלענדיג זיך אַנטקעגען דעם רצון פון אויבערשטען, איז — „ואהרן מה הוא כי תלינו עליו", טאָ וואָס ווילט איהר פון אהרנ'ען און וואָס טויג אייך זיין כהונה, וואָס פאַר אַ ווערט האָט זי פאַר אייך?...

(מאסף דרושי)

אם כמות כל האדם ימותון אלה וכו' לא ד' שלחני... (טז. כט.)

אויב דאָס יועט זיין אַ בעוויז, אַז השי"ת האָט איהם נישט געשיקט און זיי זענען מיט זייערע טענות גערעכט, דאַרפען זיי דאָך אַפילו „כמות כל האדם", מיט אַ געוועהנליכען, נאַטירליכען טויט, אויך נישט שטאַרבען, קומט זיי דאָך איבערהויפט קיין שום שטראָף נישט?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף רבי חיים צאַנזער — קוים שפאַלט מען און מען צוטיילט אַנ'עדה און מען רייסט איהר אָב פון כלל, פערדיענט מען אַ שטראָף אַפילו ווען די עצם טענות זענען ריכטיגע, אַפילו ווען קרח איז פולקאָם גערעכט...

ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם וכו' ואת כל הרכוש... (טז. לב.)

„ג' מטמוניות הטמין יוסף במצרים, א' נתגלתה לקרח וא' לאַנטונינוס וא' גנוזה לצדיקים לעתיד לבוא" (סנהדרין ק"י).

עשירות ווערט דורך מענשען אויסגענוצט אַלס מיטעל צו פערשידענע צוועקען. פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע זענען זיך נוהג ווי קרח, שטרעבענדיג צו דערגרייכען מיט זייער געלד וואָס מעהר כבוד און גאוה. אַנדערע ווידער, בעקוממענדיג געלד, איז ביי זיי דער עיקר צו פיטערען דעם קער-פער און גוט צו עסען, ווי אנטונינוס, „שלא פסק מעל שלחנו לא צנון ולא חזרת". פאַרהאַן אָבער אויך אַ דריטע קאַטעגאָריע, וועלכע בעשטעהט פון גאַנץ געצעהלטע יחידים, וואָס דאָס עשירות העלפט זיי צו געהן אין וועג פון צדיקים, צו פערווענדען דאָס געלד אויף צדקה ומעשים טובים און מקיים צו זיין דעם „וצדקתם עומדת לעד"...

(אמרי שפר)

ולא יהיה כקרח וכעדתו... (יז. ה.)

דער נצי"ב פון וואָלאָזשין, אין זיין ספר „משיב דבר", טרעט אַרויס מיט זעהר שאַרפע ווערטער געגען די „לומדים וחרדים" פון די פערשיע-דענע קהלות, וועלכע ערלויבען זיך צו פיהרען רבנישע מחלוקת'ן מיט דער התנצלות, אַז דער רב איז מיט זיין התנהגות נישט ראוי צו זיצען אויפ'ן כסא-רבנות און זיי זענען מיט זייער מחלוקת אויסען לשם-שמים... אויך די ראשי-העדה, די צוויי הונדערט און פופציג ראשי סנהדראות, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט קרח'ן, האָבען נישט געוואָלט פאַר זיך קיין שום גדולה און זיי האָבען געמיינט גאַנץ ערנסט מיט זייערע טענות, און טאַקי דערפאַר וואָרענט אונז די תורה: „ולא יהיה כקרח ועדתו", נישט ווי קרח, וועלכער איז אין זיין מחלוקת אויסען געוועזן זיינע פערזענליכע נוצען, און אויך נישט ווי זיין עדה, וועלכע האָבען איהם דערביי מיט-געהאָלפען בלויז לשם שמים!...

וישב אהרן אל משה אל פתח אהל מועד והמגפה נעצרה... (יז. טו.)

נאָכוואָס ווערט עס נאָכאַמאָל איבערגע'חזר'ט, עס שטעהט דאָך שוין פריהער: „ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה"?

נאָר משה, ווי עס איז צו זעהען פון די פסוקים, איז די גאַנצע צייט,

בעת אהרן איז געשטאַנען אין דער מחנה, תוך הקהל, און מקטיר געווען קטורת, געבליבען זצען אין אוהל־מועד, און ווי־נור דאָס מיטעל האָט גע־ווירקט און די מגפה איז אָבגעשטעלט געוואָרען — „וישב אהרן אל משה אל פתח אוהל מועד", איז אהרן גלייך אוועק צו משה'ן אין אוהל מועד און איהם געמאָלדען: „והמגפה נעצרה!"...

(קול מבשר)

חֻקַּת

זאת חקת התורה... (יט. ב)

„לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני, אין לך רשות להרהר אחריה" (רש"י)

פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרען מהרהר זיין, אַריינטראַכטען וועגען דעם זין און טעם פון דער מצוה?

זאָגט דערויף דער ווילנער גאון:

אין דער משנה (שבת י"ב) ווערט געזאָגט: „לא יקרא לאור הנר", נישט אָנגעבענדיג דערויף קיין שום טעם, פאַרוואָס מען טאָר נישט לייענען שבת לאור הנר. דאַגעגען אין דער ברייתא ווערט יאָ אָנגעגעבען אַ טעם און דאָס לשון דאָרט איז: „לא יקרא לאור הנר שמא יטה", און דערויף דערצעהלט די גמרא: „אמר רבי ישמעאל בן אלישע, אני אקרא ולא אטה, פעם אחת קרא ובקש להטות, אמר כמה גדולים דברי חכמים שהיו אומרים לא יקרא לאור הנר". מיט וואָס האָט ער איצט דערזעהן די גרויסקייט פון די דברי חכמים מעהר ווי פריהער? נאָר דער פשט איז: „כמה גדולים דברי חכמים", אַז געערעכט זענען די חכמים פון דער משנה, וועלכע האָבען געזאָגט סתם: „ולא יקרא לאור הנר", נישט ערקלערענדיג דערביי קיין שום טעם, ווייל קוים ווערט, ווי אין דער ברייתא, צוגעגעבען אַ טעם: „שמא יטה", איז לייכט נכשל צו ווערען און איינצורעדען זיך: „אני אקרא ולא אטה"...

און אָט פאַרוואָס עס ווערט געוואָרענט: „אסור להרהר אחריה". דאָס מהרהר זיין און זוכען אַ טעם אויף אַ מצוה, אויף וועלכע עס ווערט אין דער תורה קיין שום טעם נישט אָנגעוויזען, קאָן דערפיהרען צו אַ מכשול...

„אין לך רשות להרהר אחריה".

ביים טהוען אַ מצוה איז דער מענש נוטה צוויי מאָל מהרהר צו זיין. איידער ער טהוט די מצוה איז דער יצר-הרע אין איהם מהרהר: נאָכוואָס דאַרף מען די דאָזיגע מצוה, וואָס פאַר אַ טעם האָט זי, אפשר איז עס גאָר אינגאַנצען קיין מצוה נישט? און שפּעטער, נאָכ'ן טהון די מצוה, קומט וויי‏טער דער יצר-הרע מיט הרהורים, דאָס מאָל מיט הרהורים פון גאות און זעלבסט-צופרידענהייט: ביזט אַ פיינער מענש, אַ טייערער איד, האָסט איצט אָבגעטהון אַ גרויסע מצוה, אַ געוואַלדיגע מצוה...

און דערויף בעטען מיר: „והסר שטן מלפנינו ומלאחרינו", דעם שטן, וואָס קומט צו אונז פריהער, פאַר דער מצוה, און שפּעטער — נאָך דער מצוה...

(זכרון לראשונים)

נישט-נור — פלעגט זאָגען רבי אלימלך דינאָווער — אין די מצוות, וועלכע זעהען-אויס אין פלוג צו זיין נגד השכל, טאָר מען נישט מהרהר זיין, נישט חקר'נען זיך, נאָר זיך סומך זיין אויף דער אמונה, נאָר אַפילו אַזעלכע זאַכען, צו וועלכע דער שכל איז פולקאָם מסכים, דאַרפען זיי אויך געטהון ווערען, נישט ווייל אַזוי דיקטירט דער שכל, נאָר ווייל אַזוי הייסט און זאָגט די תורה. אַ ראיה דערצו איז פון דער גמרא אין עירובין, וואו עס ווערט געזאָגט: „מנא הא מילתא דכל שיש בהקיפו ג' טפחים יש בו רוחב טפח? — מים של שלמה, דכתיב ויעש את הים מוצק וכו'" (עירובין י"ד). איז אין פלוג, אויב דאָס איז פעסטגעשטעלט לויט'ן חשבון, נאָכוואָס דאַרף מען דערויף אַ פסוק? איז דערפון אַ בעוויז, אַז מען דאַרף זיך סומך זיין אויף דער תורה אַפילו אין אַזעלכע זאַכען, וואָס לאָזען זיך בעווייזען מיט'ן פערשטאַנד...

און דאָס — זאָגט דער דובנער מגיד — איז דער זין פון די פסוקים: „דבר אל אהרן ואל בניו... איש איש מבית ישראל וכו' אשר ישחט מחוץ למחנה... ונכרת האיש ההוא... ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים... ואליהם תאמר, איש איש מבית ישראל וכו' אשר יעלה עולה או זבח ואל פתח אהל מועד לא יביאנו... ונכרת האיש ההוא מעמיו" (ויקרא י"ז). נאָכוואָס ווערט די זעלבע זאַך צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט? נאָר די כונה איז: אין תחילת ווערט פאַר משה רבינו אָנגעוויזען דער טעם פון דער דאָזיגער

אזהרה, דער טעם איז: „ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים", אָבער — „ואליהם תאמר, איש איש מבית ישראל וכו'", זיי זאָלסטו זאָגען סתם, אָהן אַ שום טעם, זיי דאַרפען קיין טעם נישט וויסען, נאָר האָבען אמונה און טהוען, וואָס די תורה הייסט...

ויקחו אליך פרה אדומה... (יט. ב.)

„בשעה — ווערט געזאָגט אין מדרש — שעלה משה למרום שמע קולו של הקב"ה שיושב ועוסק בפרשת פרה ואומר הלכה בשם אומרו: אליעזר בני אומר, פרה בת שתים ועגלה בת שנתה וכו', אמר לפניו, רבש"ע, יהי רצון שיצא מחלצי".

מיט וואָס איז עס משה רבינו אַזוי שטאַרק איבערראַשט געוואָרען פון דער דאָזיגער הלכה, אז ער האָט זיך אַזש געוואונשען „יהי רצון שיצא מחלצי", אַז רבי אליעזר זאָל אַרויסקומען פון איהם?

נאָר לויט'ן טעם פון רבי משה הדרשן, איז די מצוה פון פרה גע־געבען געוואָרען כדי צו דערמאָהנען און מכפר צו זיין אויפ'ן חטא פון עגל. די פרה איז די מוטער פון עגל און דעריבער — „תבוא אמו ותקנח, תבוא פרה ותכפר על העגל"... לויט רבי אליעזר אָבער, וועלכער האַלט, אַז „פרה בת שתים", אַז די פרה־אדומה האָט נישט געטאָרט זיין עלטער פון צוויי יאָהר, און אַ כלל האָבען מיר דאָך (ווי מיר געפינען אין תוספות ע"ז כ"ד), אַז „בדורות הראשונים פרה קודם שלש שנים לא ילדה", איז דאָך שוין אויף אַזאַ אופן נישט שייך צו זאָגען: „תבוא אמו ותקנח" און ס'פאַלט שוין ממילא אַוועק דער דרש, אַז די פרה אדומה זאָל האָבען אַ שייכות מיט'ן חטא פון עגל, און אַט דערפאַר איז משה רבינו אַזוי צופריי־דען געוועזען פון רבי אליעזר'ס הלכה און ער האָט זיך געוואונשען: „יהי רצון שיצא מחלצי"!...

(רבי מאיר יחיאל ממאָגעלניצא)

יען לא האמנתם בי... (כ. יב.)

דער חתם־סופר, בשעת ער האָט געפיהרט דעם קאַמף מיט דער רעפאָרם־בעוועגונג, איז אַמאָל געקומען אין אַן אונגאַרישן שטעדטעל אויף אַ בעזוך צום דאָרטיגען רב, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע תלמידים און ער איז שוין דאָרט געזעסען צוואַנציג יאָהר אויפ'ן כסא־רבנות. צו זיין

גרויס צער האט זיך דער חתם-סופר דערוואוסט, אז דער רוב פון שטעדטעל בעשטעהט פון פושעים, מחללי שבת, און ער האט דערפאר געמאכט דעם רב א שטארקען פארוואורף.

— וואס בין איך שולדיג? — האט זיך דער רב פערענטפערט: — זיי זענען געווען פושעים נאך פון פריהער, נאך איידער איך בין דא גע-ווארען רב...

— געוויס זענט איהר שולדיג, — עגטפערט איהם דער חתם סופר — במשך פון די צוואנציג יאהר האט איהר שוין געדארפט האבען געווירקט אויף זיי, זיי זאלען ווערען אויס פושעים, און אט דאס איז אויך געווען דעם אויבערשטענס טענה צו משה ואהרן: „יען לא האמנתם בי". „האמנהם" איז א פועל-יוצא. אייער שולד בעשטעהט דערין, וואס איהר האט נאך ביז היינט נישט געפועל'ט, אז די אידען זאלען גלויבען אין מיר, וואס איהר האט זיי נאך אלץ נישט געמאכט פאר קיין מאמינים...

וישלח משה מלאכים מקדש אל מלך אדום, כה אמר אחיך ישראל... (כ. יד.)

אין די אלטע צייטען פלעגען די מלכים איינער דעם צווייטען רופען מיט'ן נאמען „ברודער", ווי: „ויאמר העודנו חי אחי הוא וכו' ויאמרו אחיך בן הדד" (מלכים א. כ.), און אויך משה רבינו, שיקענדיג שלוחים צום מלך אדום, האט ער זיך נישט געוואלט פאר איהם ערנידריגען און ער האט זיך צו איהם געווענדעט מיט'ן אנגענומענעם שטאלצען קעניגליכען טאן: „כה אמר אחיך ישראל"...

און דאס זעלבע זעהען מיר אויך אין די ווייטערע פסוקים, אין וועלכע עס ווערט געזאגט: „וירדו אבותינו מצרימה וכו' וירעו לנו מצרים ולאבותינו, ונצעק אל ד' וישמע קולנו". דאגעגען אין דברים, אין פ' תבא, ווערען די עהנליכע פסוקים איבערגע'חזר'ט פיעל אויספיהרליכער: „וירעו אותנו המצרים ויענונו ויתנו עלינו עבודה קשה וכו' וישמע ד' את קולנו וירא את ענינו ואת עמלנו ואת לחצנו". פארוואס איז דא משה מקצר און ער דערמאהנט נישט די אלע ווערטער, וואס דארט? נאר משה רבינו, הגם ער האט זיך געווענדעט צום מלך אדום מיט א בקשה, ער זאל דורכלאזען די אידען דורך זיין לאנד, האט ער אבער נישט געוואלט צופיעל ערנידרי-גען פאר איהם דעם אידישען כבוד און ער האט זיך בעגנוגענט מיט עטליכע קורצע ווערטער: „וירעו לנו מצרים", די מצריים האבען אונז

שלעכטס געטהון, אויסטיידענדיג דערביי צו דערצעהלען איהם באריכות וועגען דער אידישער שהאכקייט און די אידישע ליידען, אז זיי האבען זיך געלאזט פייניגען און געארבייט עבודה קשה און „וירא את עניינו ואת עמלנו ואת לחצנו". ביי גוי׳אישע הערשער נעהמט מען נישט אויס מיט אזעלכע ווערטער, וואס מעהר מען ערנידריגט זיך פאר זיי, אלץ ווייניגער איז דאס מסוגל צו געווינען ביי זיי אכטונג און צו דערוועקען מיטגעפיהל, רחמנות און יושר...

(דברי יאר" פון רבי יצחק אייזיק ראללער, וועלכער איז געווען רב אין עלוואס און אפיציר פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע.)

כה אמר אחיך ישראל. אתה ידעת את כל התלאה אשר מְצָאָתְנוּ... (כ. יד.)

פונוואנען דארף דאס אדום וויסען די אלע צרות און מאטערנישען, וואס די אידען זענען איבער דער צייט דורכגעגאנגען? —

ער דארף עס וויסען פון זיך. דען „ולאום מלאום יאמץ" איז געזאגט געווארען אין יצחק׳ס ברכה וועגען יעקב מיט עשו׳ן. „כשזה קם זה נופל" און „לא נתמלאה צור אלא מחרבנה של ירושלים", אז יעדער פון זיי וועט געבויט ווערען אויפ׳ן צווייטענס חשבון, און דאס אלזא האבען די אידען געשיקט זאגען צו אדום׳ן: „כה אמר אחיך ישראל, אתה ידעת את כל התלאה אשר מצאתנו", פון דיין גדולה, פון דעם וואס דו ביזט דורך דער צייט אזוי גרויס געווארען, קענסטו זיך משער זיין די נפילה אונזערע, וויפיעל צרות מיר האבען זיך אין דערזעלבער צייט אנגעליטען...

(חתם סופר)

ויצא אדום לקראתו בעם כבד וביד חזקה וכו׳ ויֵט ישראל מעליו... (כ. כ. כא.)

פארוואס האבען די אידען, נאכדעם ווי מען האט זיי אזויפיעל נסים בעוויזען און זיי האבען גובר געווען די מצריים און מנצח געווען עמלק׳ן, זיך פלוצים אזוי דערשראקען פאר אדום׳ן און אבגעטרעטען פון איהם?

נאר אויף די ווערטער „וביד חזקה" זאגט רש״י: „בהבטחת זקננו, והידים ידי עשו". פאר סתם א גוי, וואס הויבט אויף זיי א האנד, וואל-

טען זיי זיך אפשר נישט געווען אַזוי דערשראַקען, דערשראַקען האבען זיי זיך בשעת זיי האבען בעמערקט, אַז דער דאזיגער גוי יחוס'ט זיך און ערקלערט זיך אַלס מחותן צו די אידישע זיידעס און אַז ער ריהרט זיך נישט אהן דער „ביבעל" — אַזאַ גוי איז מאַנכעס מאל דער געפעהרליכסטער...

(אמרי חן)

ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל... (כ. כט.)

„כל המוריד דמעות על אדם כשר, הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו" (שבת ק"ה).

רבי עקיבא אייגער האָט פאַר דער פטירה אָנגעזאָגט, אַז מען זאל איהם נישט מספיד זיין, אבער דער חתם סופר האט נישט געקוקט דערויף און ער האט איהם יא מספיד געווען און ער האט דערביי, אנהויבענדיג דעם הספד, דערצעהלט, אַז אויך דער פני יהושע האט אנגעזאגט אין דער צואה, מען זאל איהם נישט מספיד זיין, אבער דער נודע ביהודה האט זיך דערמיט נישט גערעכענט און האט ערקלערט, אַז כאטש עס איז אַ „מצוה לקיים דברי המת". מעג מען אין אַזאַ פאַל, ווען מען דאַרף אבגעבען כבוד אַזאַ צדיק נשגב, עובר זיין אויף דער צואה, ברענגענדיג דערויף אַ ראיה פון תוספות אין סנהדרין ס"ח. די גמרא דערצעהלט דאַרט, אַז ווען רבי אליעזר איז נפטר געוואָרען, „היה רבי עקיבא מכה בבשרו עד שדמו שותת", און דערויף בעמערקט דאַרט תוספות: „ומשום שרט לנפש ליכא, דמשום תורה קעביד", זעהען מיר דאָך, אַז צוליעב כבוד התורה האָט מען מתיר געמאַכט עובר צו זיין אויף אַ בפירוש'ן לאו: „ושרט לנפש לא תתנו בבשרכם", איז דאָך מכל־שכן, אַז מען מעג דערביי אויף אַ צוואה אָודאי עובר זיין...

בשעת עס איז נפטר געוואָרען דער איינציגער זוהן פון „ישועות יעקב", רבי מרדכי זאב ארנשטיין, האט איהם דער פאטער מספיד געווען און אנגעהויבען האט ער דעם הספד מיט דעם מאמר: „על ארבעה דברים חמה לוקה, על אב"ד שמת ואינו נספד כהלכה" (סוכה כ"ט). אויך דער דאזיגער הספד — האט זיך דער „ישועות יעקב" פונאַנדערגעוויינט — איז נישט כהלכה, דען מצד דער הלכה, לויט די הליכות עולם, דאַרף אַ זוהן

מספיד זיין אַ טאַטען, נישט דער טאַטע דעם זוהן, דאָס איז געגען דער הלכה, געגען דעם מנהג העולם, און דערפאַר – האָט ער אויסגעשריגען – איז חמה לוקה, די זון קאָן נישט צוזעהן אַזאַ שנוי סדר פון דער וועלט!... ביי די דאָזיגע ווערטער, ווערט דערצעהלט, האָבען זיך די הימלען פערוואָלקענט און עס האָט אָנגעהויבען גיסען אַ מורא'דיגער שלאַקס־רעגען.

(דור דעה)

וממדבר מַתָּנָה... (כא. יח.)

צו רבי ישראל ריזשינער איז איינמאָל געקומען אַ גרויסער נגיד, אויף וועלכען מען האָט דערצעהלט, אַז ער האָט באַנקראָטירט אַ גרויסע סומע געלד, און האָט אַוועקגעלעגט אַ קוויטעל מיט אַ פדיון.

דערלאַנגט איהם דער ריזשינער צוריק דעם פדיון, זאָגענדיג: אין פסוק שטעהט: „וממדבר מתנה״... מדבר איז דער צייכען פון עהרליכקייט און ריינקייט, ווי די חז״ל זאָגען וועגען איוב'ן: „ביתו במדבר, מה מדבר מנוקה מגזל ועריות וכו׳״. נאָר פון אַזאַ געלד, וואָס איז עהרליך, ווי דער מדבר, מעג מען נעהמען מתנות, אָבער נישט פון גנבה און באַנקראָט...

בלק

אולי אוכל נכה בו׳... (כב. ו.)

„כמי שמנכה אחד מעשרים וארבעה לסאה״ (מדרש רבה)

וואס פאר א פערגלייך איז עס און וואס ווערט געמיינט דערמיט?
נאר די צאהל פון די אידען איז געווען ששים רבוא. ערשט דאמאלס זענען זיי ערקלערט געווארען אלס זעלבסטשטענדיג פאלק, וואס נויטיגט זיך אין אנ'אייגען לאנד און כל־זמן זיי זענען געווען וועניגער (אזוי ווערט געזאגט אין מדרש) זענען זיי נאכנישט ראוי געווען צו געהן קיין ארץ־ישראל.
ביי דער לעצטער צעהלונג אין דער מדבר האט זייער צאהל בע־טראפען 625.730 נפשות. אויף צו פערקלענערען די צאהל פון ששים רבוא איז אלזא נויטיג געווען צו פערניכטען פון זיי לכל־הפחות א פיער און צוואנציגסטעל טייל און דאן וואלט זייער צאהל דערגרייכט צו 599.658 נפשות. ביי א קלענערען פראצענט, ביי למשל, אחד מן כ״ה, וואלטען זיי נאך אלץ געווען מעהר פון ששים רבוא... די כונה, אלזא, פון מדרש איז, אז בלק האט געשטרעבט צו פערמינערען די נויטיגע און פעסטגעשטעלטע צאהל פון די אידען אלס פאלק און „אוכל נכה בו״ — „אחד מעשרים וארבעה לסאה״...

(ברוך טעם)

אולי אוכל נכה בו ואגרשנו מן הארץ...

בשעת עס האט זיך אנגעהויבען אין רוסלאנד דער גרויסער גירוש אויף אידען און מען האט זיי גענומען טרייבען פון די דערפער און פון פערשידענע רוסישע שטעדט, האט דאן רבי יצחק אלחנן געזאגט:

„לא אַלמן ישראל״ – ישראל איז חלילה נישט קיין אלמן, נאָר א גרוש...

ויפתח ד׳ את פי האתון... (כב. כח.)

דער דאָזיגער נס האָט געדאַרפט דיענען בלעם׳ן אַלס דראָהונג, ער זאָל נישט וואַגען צו געהן געגען רצון השם, צו שעלטען די אידען און צו רעדען וואָס מען דאַרף נישט, וואָרום אויב השי״ת איז ביכולת דעם שטומען אייזעל רעדעוודיג צו מאַכען, איז ער דאָך אוּדאי און אודאי ביכולת דעם רעדעוודיגען מענש שטום צו מאַכען...

(רמב״ן)

רבי יאַקעל באַליכאָווער, אַ ברודער פון רבי נפתלי ראָפשיצער, איז געווען אַ מתנגד פון חסידות. איינמאָל איז רבי יאַקעל קראַנק געוואָרען און ווען רבי נפתלי האָט זיך אין אַ צייט אַרום דערוואוסט וועגען דעם איז ער געפאָהרען דעם ברודער מבקר חולה זיין.

אויף דער פראַגע פון רבי יאַקעל, הלמאי ער איז די גאַנצע צייט ביז איצט נישט געקומען, האָט זיך רבי נפתלי פערענטפערט, אז ער האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען, דאָס ער איז קראַנק.

– דאָס איז קיין תירוץ נישט – ענטפערט איהם דערויף רבי יאַקעל – אין פסוק ביי בלעם׳ן שטעהט: „חטאתי כי לא ידעתי״. איז דאָך איי־געגטליך שווער: אויב ער האָט נישט געוואוסט, טאָ פאַרוואָס זאָגט ער „חטאתי״, מיט וואָס האט ער דא געזינדיגט?

נאר אויב מען איז אנערקענט אַלס נביא, איז אַ חטא נישט צו וויסען. אַ נביא – א צדיק, אַ רבי – דאַרף אַלץ וויסען...

האומנם לא אוכל כבדך... (כב. לז.)

„נתנבא שסופו לצאת מעמו בקלון״ (רש״י)

בשעת מען רופט אַ דאָקטאָר צו אַ חולה מסוכן און ער וויל נישט פריהער געהן, ביז מען וועט איהם נישט אויסצאָהלען דעם האָנאָראַר פאַר־

אויס, איז אַ סימן, אַז עס האַלט מיט'ן חולה זעהר שמאָל, אַז דער דאָק־טאָר איז נישט זיכער מיט זיינע רפואות און ער האָט מורא, אַז בינו לבינו קאָן דערווייל דער קראַנקער אָבשטאַרבען און ער וועט אַוועק פונ׳ם וויזיט מיט חרפה, אָהן אַ גראָשען צו בעקומען.

אויך בלעם האָט אין געשפרעך מיט בלק׳ס שלוחים געגעבען אָנצוהער־רעניש, אַז ער איז אַ בעלן צו בעקומען פריהער דעם האָנאָראַר. אויפ׳ן פסוק „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב" ווערט ערקלערט: „אמר, ראוי לו ליתן לי כל כסף וזהב שלו", און וויבאַלד אַזוי האָט בלק דערין געזע־הען אַ סימן „שסופו לצאת מעמו בקלון", אַז דערפאַר הייסט ער זיך פריהער בעצאָהלען, ווייל ער קאָן גאָרנישט אויפטהון און ער ווייסט אַ פנים, אַז שפעטער וועט ער אַוועק פון דאָרט, נישט מיט געלד, נאָר מיט חרפה...

(דובנער מגיד)

וילך שפי... (כג. ג.)

„בלעם חיגר ברגלו אחת היה שנאמר וילך שפי" (סנהדרין ק״ה)·
פונוואַנען דרינגען עס די חז״ל ?

נאָר מעגליך, אַז די כונה איז, דאָס בלעם האָט זיך די גאַנצע צייט געפינען אין אַ וואַקעלדיגער שטימונג. פון איין זייט האָט איהם געצויגען דאָס כסף וזהב וואָס בלק האָט איהם צוגעזאָגט, פון דער צווייטער זייט האָט ער אָבער מורא געהאַט פאַר דער שטרענגער וואָרנונג פון „ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה". און אַזוי איז ער כסדר געווען אַ פוסח על שתי הסעיפים· אַ מין — „חיגר ברגלו אחת"···

(אגדת מהרש״ק)

הן עם כלביא יקום... (כג. כד.)

דער סימן א׳ פון אורח חיים הויבט זיך אָן מיט די ווערטער, „יתגבר כארי לעמוד בבקר׳ לעבודת בוראו", און דערויף זאָגט דער רמ״א אין דער הגה״ה: „ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב". וואונדערט מען זיך: דער מחבר, אויף וועלכען עס בעציהט זיך דעם רמ״א׳ס הגהות, רעדט דאָך גאָרנישט וועגען שכיבה, נאָר וועגען עמידה?

האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער: דער רמ״א ווייזט

אונז אָן אַני־עצה טובה, אַז צום „יתגבר כארי לעמוד בבקר" איז אַ סגולה דערצו: „ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב"· אויך אין פסוק, ווי מיר זעהען, ווערט פריהער דערמאָהנט די עמידה: „הן עם כלביא יקום וכו׳ לא ישכב עד יאכל טרף". מען שטעהט־אויף — אַזוי ווי מען לעגט זיך...

ועתה הנני הולך לעמי, לכה איעצך וכו׳... (כד. יד.)

בלק האָט געשיקט נאָך בלעם׳ן, ער זאָל קומען שעלטען די אידען, מיט דער טענה: „עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו וכו׳ הנה כסה את עין הארץ והוא יושב ממולי", אַז ער האָט מורא, זיי זאָלען איהם נישט קיין שלעכטס טהון, און דערויף האָט איהם איצט בלעם גע־ענטפערט: „ועתה הנני הולך לעמי — כ׳האב בעשלאָסען אומצוקעהרען זיך אַהיים און נישט אויסצופיהרען די דאָזיגע מיסיע און — לכה איעצך — אויך דיר ראָט איך דאס זעלבע, דו זאָלסט זיך אויפהערען צו בעאונרוהי־גען, דען כ׳האב זיך איבערצייגט, אַז — אשר יעשה העם הזה לעמך — אַז דאס, וואס דאס דאָזיגע פאָלק וועט אַמאָל טהון דיין פאָלק, וועט פּאַסי־רען — באחרית הימים — אין די גאָר שפּעטערדיגע צייטען, אבער נישט איצט... אראנו ולא עתה, אשורנו ולא קרוב—נישט אַזוי גיך, זעה איך, וועט דאָס געשעהען, נאָר אין אַ גאָר לאַנגע צייט אַרום, ערשט דאַן וועט זיין — דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל ומחץ פאתי מואב — ערשט אין דער צייט פון דוד, וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט: „ויך את מואב וימדדם בחבל וכו׳ ותהי מואב לדוד לעבדים נושאי מנחה" (שמואל ב׳ ח.)... איצט אבער איז נישטאָ קיין שום גרונד צו באונרוהיגען זיך און עס זענען דעריבער איבריג און נישט נויטיג די קללות...

(דברי יאר)

אראנו ולא עתה אשורנו ולא קרוב וכו׳ (כד. יז.)

אין דער דאָזיגער נבואה ווערט גערעדט וועגען מלך־המשיח און ווי עס זאָגען אונז די חז"ל: „בעתה אחישנה, זכו — אחישנה, לא זכו — בעתה". דער פסוק איז אונז דאָ מרמז, אַז אויב ישראל וועט נישט זוכה זיין צום „אחישנה", אויסגעלייזט צו ווערען אין אייגענעם זכות בדרך־נס, דאַן וועט די גאולה מוזען קומען בדרך־הטבע און „דרך כוכב מיעקב וקם

שבט ישראל"... "שיקום שבט מישראל כדרך הקמים בעולם דרך-טבע וכו' ויקום וימלוך"...

(אור החיים)

כי אם יהיה לבער קין עד מה אשור תשבך... (כד. כב.)

דער דאזיגער פסוק איז איינער פון די שווערסטע און אונפערשטענד-ליכסטע פסוקים אין תנ"ך און די אלע פארהאנענע פירושים בעפרידיגען נישט. וואס איז דער זין פון די דאזיגע ווערטער?

נאר די גמרא זאגט: "משה כתב ספרו וספר בלעם" (ב"ב י"ד), און דערויף ערקלערט דער ריטב"א, אז די כונה פון דער גמרא איז, דאס די פרשה פון בלעם איז באמת בעשטאנען פון א פיעל גרעסערע פרשה, אבער די תורה האט בלויז געבראכט א קיצור דערפון און די גאנצע פרשה באריכות האט משה געשריבען בעזונדער. עהנליך זאגט אויך דער אבן-עזרא אויפ'ן פסוק "אז ישיר ישראל את השירה הזאת עלי באר ענו לה" (במדבר כא. יז), אז דאס איז בלויז אנ'אנהויב פון יענער שירה, וועלכע איז נישט ארויסגעשריבען געווארען אינגאנצען.

און דאס, מעגליך, איז אויך דער פשט פון דאזיגען פסוק: "כי אם יהיה לבער קין עד מה אשור תשבך". די תורה ברענגט אונז בלויז א קיצור פון דער דאזיגער נבואה און זי ווייזט-אן, אז די דאזיגע נבואה האט זיך אנגעהויבען מיט די ווערטער "כי אם יהיה לבער קין" און זי האט זיך פערענדיגט — "עד" — ביז די ווערטער "מה אשור תשבך".

עהנליך וועט אויך זיין דער פשט פון פסוק "שבעים בלחם נשכרו ורעבים חדלו עד עקרה ילדה שבעה" (שמואל א' ב.), אויך דארט ווערט נישט אויסגעשריבען די גאנצע שירה און עס ווערט אנגעוויזען, אז זי האט זיך פערענדיגט "עד", ביז די ווערטער "עקרה ילדה שבעה".

און אזוי, העכסט-וואהרשיינליך, איז אויך דער זין פון פסוק: "ונירם אבד חשבון עד דיבן, ונשים עד נפח אשר עד מידבא (במדבר כא. ל.), און "וידום השמש וירח עמד עד יקם גוי אויביו" (יהושע י. יג.)...

(מקור ברוך פון רבי ברוך פרידענבערג)

עד מה אשור תשבך...

אין ספר „אור לשמים“ פון רבי מאיר אפטער, געפינט זיך אויפ'ן דאָזיגען פסוק אַ בעמערקונג, אַז „מיט דער הסכמה פון די גאוני וצדיקי הדור זענען בעזייטיגט געוואָרען די דברי הרב הצדיק, וואָס זענען דאָ געשטאַנען געשריבען“. וואָס אַזעלכעס איז דאָרט געשטאַנען געשריבען? דערצעהלט וועגען דעם רבי אהרן מאַרקוס אין זיין בוך „חסידיזמוס“, אַז ווי עס איז מקובל ביי חסידים, איז דאָ געווען אָנגעוויזען דער קץ אויפ'ן יאָהר תשכ"ב („תשבך“), נאָר צוליעב דעם שווערען רושם, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויפ'ן עולם, דערוויילענדיג דעם קץ אויף אַזאַ לאַנגע צייט — האָט מען דערי־בער די דאָזיגע ווערטער בעזייטיגט...

פִּינְחָס

פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן וכו׳.. (כה. יא.)

עס שטעהט דאך שוין איינמאל, מיט עטליכע פסוקים פריהער, אז פינחס איז געווען „בן אלעזר בן אהרן הכהן", נאכוואס ווערט עס דא נאכאמאל דערמאהנט? צווייטענס — וואס פאר א ספעציעלען שכר האט פינחס בעקומען מיט דער הבטחה, אז „והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם"? די דאזיגע הבטחה, אז די כהונה זאל איבערגעהן בירושה לדורות, איז דאך שוין לאנג געגעבען געווארען און נישט דוקא צו פינחס'ן אליין, די תורה האט דאך שוין פריהער אנגעזאגט: „ומשחת אותם כאשר משחת את אביהם וכהנו לי וכו׳ לכהונת עולם לדורותם" (שמות מ. טו.)?

נאר א התמנות, וואס מען בעקומט בירושה, האט נישט אזא חשיבות ווי ווען מען בעקומט דאס צוליעב אייגענע פערדינסטען און אייגענע מעשים טובים, ווי עס ווערט געזאגט אין מדרש: דעריבער האט השי"ת ליעב די צדיקים, ווייל זיי זענען נישט קיין נחלה, עס געהט נישט איבער בירושה, און דערפאר שטעהט: „בית אהרן ברכו את ד׳, בית הלוי ברכו את ד׳, יראי ד׳ ברכו את ד׳", עס שטעהט נישט „בית יראי ד׳", דען יראי ד׳ ווערט מען צוליעב די אייגענע גוטע מעשים, עס איז נישט קיין ירושה-זאך (מדרש רבה, במדבר)...

און דאס איז, אלזא, דער זין פון די פסוקים: „פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן"; פנחס, וועלכער איז ביז איצט געווען א כהן דערפאר, ווייל ער איז דער זוהן פון אלעזר און דאס אייניקעל פון אהרן, איז פון איצט אן: „והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם תחת אשר קנא לאלקיו", בעקומט ער די כהונה, נישט אלס ירושה, נישט אלס מתנת-חנם, נישט ווייל ער איז „בן אלעזר בן אהרן הכהן", נאר אלס פערדינסט פאר זיינע אייגענע מעשים — „תחת אשר קנא לאלקיו"...

(דברי יאיר)

„פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, אמר הקב"ה בדין הוא שיטול שכרו" (מדרש רבה)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער דאָזיגער דרש דאָ צו דעם פסוק?
נאָר די גמרא זאָגט: „צדיק וטוב לו — צדיק בן צדיק, צדיק ורע לו — צדיק בן רשע" (ברכות ז').
וויבאַלד, אַלזאָ, ער איז „פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן", אַ צדיק בן צדיק, און דערצו נאָך אַ בן בנו של צדיק, איז — „בדין הוא שיטול שכרו"...

(רבי ר' העשיל)

הנני נותן לו את בריתי שלום... (כה יב.)

די שבטים האָבען פנחס'ן מבזה געווען און אידהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער שטאַמט נישט פון שענעם יחוס: „הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודת-כוכבים", און דערויף איז געקומען דער ענטפער: „הנני נותן לו את בריתי שלום והיתה לו ולזרעו אחריו", פון איהם אַליין וועט זיך אָנהויבען דער אמת'ער יחוס, נישט ער דאַרף זיך יחס'נען מיט אַנדערע נאָר אַלע זרעו אחריו וועלען זיך יחס'נען מיט איהם...

(קטורת סמים)

אַן עם-הארץ פון גרויסען יחוס האָט פאָרגעוואָרפען אַ געוויסען געלעהרטען, אַז ער שטאַמט פון פראָסטע עלטערען און ער האָט הינטער זיך קיין שום יחוס נישט, האָט איהם דער געלעהרטער אָבגעענטפערט: איך בין דער אָנהויב פון מיין יחוס און דו — דער סוף; איך בין דער שטאָלץ פון מיינע אבות און דער כבוד פון מיינע קינדער, דו דאַגעגען ביזט די חרפה פון דיינע אבות און דער בזיון פון דיינע קינדער...

(ספר השעשועים)

ושם איש ישראל המוכה וכו׳ זמרי בן סלוא נשיא בית אב לשמעוני... (כה. יד.)

„במקום שייחס את הצדיק לשבח ייחס הרשע לגנאי״ (רש״י)

וואו זעהען מיר דא אין פסוק דעם יחוס לגנאי? פערקעהרט, דער אויספיהר „נשיא בית אב לשמעוני״ איז דאך גאר א שבח?

נאר וואס גרעסער דער מענש איז און וואס העכער עס איז דער אמט, וואס ער פערנעהמט אין דער געזעלשאפט, אלץ גרעסער איז פאר איהם די חרפה, בשעת מען כאפט איהם ביי א מיאוסער עבירה און בעת דאס ווערט פאר אלעמען פערעפענטליכט. נישטא פאר אזעלכען קיין גרע־סערער גנאי, ווי מען איז מפרסם, אז דאס איז געווען נישט קיין אנדע־רער, ווי — „נשיא בית אב לשמעוני״...

(ילקוט סופר)

צרור את המדינים וכו׳ כי צוררים הם לכם... (כה. יב.)

נישט צוליעב דער פארגאנגענהייט האט מען געהייסען די אידען מלחמה־האלטען מיט די מדינים, נישט אלס נקמה פאר מדינ׳ס פריהערדיגע מעשים נאר ווייל—„כי צוררים הם לכם״, ווייל זיי זענען נאך איצט אייערע צוררים און דם־שונאים, וואס זוכען אייך שלעכטס צו טהון און — „הבא להרגך השכם והרגו״...

(ריב״א)

בנכליהם אשר נכלו על דבר פעור... (כה. יח.)

„בנכליהם״, מיט די זינדיגע ניאוף־מחשבות, מיט וועלכע זיי ד׳האבען אייך אנגעשטעקט, און „הרהורי עבירה קשים מעבירה״ (יומא כ״ט), זינדיגע מחשבות זענען געפעהרליכער, ווי זינדיגע מעשים...

(רבי אלימלך מליזענסק)

ויהיו לנס—ובני קרח לא מתו... (כו. י. יא.)

„בשעת המחלוקת הרהרו תשובה בלבם״ (רש״י)

גוטע מדות נעהמען נישט די קינדער אזוי לייכט איבער פון די על־טערען, דאגעגען די שלעכטע זאכען — דאס לערנען זיי זיך אראב שנעל און אויב דער טאטע פיהרט א מחלוקת אין שטעדטעל זענען די קינדער געוועהנליך די געטרייעסטע מיטהעלפער, וועלכע בעמיהען זיך אפט איהם איבערצושטייגען. און דעריבער: „ויהיו לנס — ובני קרח לא מתו״, דער דאזיגער זעלטענער פאל מיט די בני־קרח, וועלכע האבען בשעת דער מחלוקת מהרהר בתשובה געווען און נישט מיטגעהאלטען מיטן טאטען, דאס איז ווירקליך א נס, א פלא, אן׳אונגעוועהנליכע זאך...

(ילקוט סופר)

והוא לא היה בתוך העדה וכו׳ בעדת קרח... (כז.ג.)

דער דין איז: „הרוגי מלכות נכסיהן למלך, הרוגי בית־דין נכסיהן ליורשין״ (סנהדרין מ״ח)

און דאס, אלזא, האבען ערקלערט די בנות־צלפחד: „והוא לא היה בתוך העדה הנועדים על ד׳ בעדת קרח״. ווען ער וואלט געווען פון דער עדת־קרח, וועלכע זענען געווען „חולקים על המלכות״ און זיי האבען דע־ריבער געהאט דעם דין פון „הרוגי מלכות״, וואלטען מיר קיין טענות נישט געהאט וועגען דער ירושה און נישט געמאהנט קיין חלק ונחלה, ווארום „הרוגי מלכות נכסיהן למלך״. דער אמת איז דאך אבער, אז „כי בחטאו מת״, אז ער איז אומגעקומען צוליעב א גאנץ אנדערען חטא, פאר וועלכען דאס בית־דין האט איהם פער׳משפט צום טויט, און „הרוגי בית־דין נכסיהן ליורשין״...

(משך חכמה)

ויקרב משה את משפטן לפני ד׳... (כז. ה.)

הרב קוק האט איינמאל געהאט א שמועס מיט די אגודה־פיהרער אין ארץ־ישראל, אויף וועלכע ער האט געפרובט ווירקען, אז זיי זאלען נישט געהן אויפ׳ן וועג פון פירוד, זיך נישט פורש זיין פון כלל און אריינטרע־טען אין דער כנסת־ישראל, אבער די פיהרער האבען דערפון נישט געוואלט

הערצן, ערקלערענדיג, אַז מיט דעם דאזיגען פירוד זענען זיי נישט אויסען חלילה קיין שום פּאָליטישע פּניות און זיי מיינען בלויז לשם שמים.

האָט הרב קוק ויי געענטפערט דפרויף :

לויט דער מיינונג פון רבי עקיבא איז „צלפחד מקושש עצים היה" און פּאַרהאַן, כידוע, אַ דעה אין די חז"ל, אַז „מקושש לשם שמים התכוון", און דעריבער, ווייל ער האָט מכוון געווען לשם שמים, האָבען די בנות צלפחד געמאָהנט אַ חלק בארץ, הגם דער דין איז, אַז אַ מחלל שבת אין לו חלק בארץ ישראל — אַזוי ווערט געזאָגט אין ספרי.

און דערפאַר איז „ויקרב משה את משפטן לפני ד'", וואָרום פעסט־שטעלען, צי זיין כוונה איז געווען לשם־שמים און זיי פערדיענען צו האָ־בען אַ חלק בארץ — דערויף זענען מיר מענשען קיין מבינים נישט, דאָס קאָן וויסען נאָר דער רבונו של עולם אַליין...

יפקוד ד' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה... (כז.טז.)

ביים אויסקלויבען אַ מנהיג דעצידירט אָפט נישט דער שכל, נאָר דער „רוח", דאָס געמיט, די שטימונג פון דער גאַס, ביי וועלכער דער בעטרעפענדער פערזאָן האָט זיך גראד אינ'ם דאזיגען מאמענט איינגעקויפט אין סימפּאַטיע, הגם לויט זיינע קוואַליפיקאַציעס איז ער כלל נישט ראוי צו פערנעהמען דעם דאזיגען אמט. משה רבינו האט אלזא געבעטען דעם רבונו של עולם, אַז „יפקוד ד' אלקי הרוחות", ער זאל לענקען די „רוחות", די סימפּאַטיעס און שטימונגען, אינ'ם ריכטיגען וועג, אַז ביי'ם אויסקלויבען אַ מנהיג זאָל נישט דעצידירען דער מאַסען־פּסיכאָז, נאָר ער זאָל ווירקליך זיין ראוי דערצו — „אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, ואשר יוציאם ואשר יביאם...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„יפקוד ד' אלקי הרוחות, כיון ששמע משה שאמר לו המקום תן נהלת צלפחד לבנותיו, אמר הגיעה שעה שאתבע צרכי שיירשו בני את גדולתי" (רש"י)

פאַרוואָס איז די שעה געקומען גראָד איצט, נאָכדעם, ווי עס האָבען זיך געווענדעט צו איהם די בנות־צלפחד, צי פריהער האָט ער נישט גע־וואוסט, אַז מען דאַרף די אייגענע קינדער פערזאָרגען ?

נאָר משה רבינו — האָט געזאָגט דערויף רבי מאָטעלע טשערנאָבי־לער — דער ענוו מכל האדם, וועלכער האָט זיך געהאַלטען נידריגער פון אַלעמען און זינדיגער פון אַלעמען, האָט געטראַכט, אַז צוליעב איהם, צוליעב זיינע זינד, וועלען אוודאי זיינע קינדער נישט צוגעלאָזט ווערען איבערצונעהמען די ירושה פון זיין נשיאות און ס'איז אומזיסט גאָר צו רעדען דערפון. בשעת אָבער ער האָט דערהערט, אַז „כן בנות צלפחד דוברות, נתן תתן להם אחזת נחלה", אַז כאָטש זייער פאָטער האָט געזינ־דיגט, „כי בחטאו מת", דאַרפען די קינדער נישט ליידען צוליעב די זינד פון זייערע עלטערען, איז אויב אַזוי — „אמר הגיעה שעה שאתבע צרכי שיירשו בני את גדולתי"...

ביום השמיני עצרת תהיה לכם... (כט. לה.)

„קשה עלי פרידתכם" (סוכה נ"ה).

אין די יום־טוב'דיגע טעג, בשעת מען איז פריי פון אַרבייט און האַנדעל, הערשט דאַמאָלס ביי אַלעמען אַ פריידליכע, ברידערליכע שטימונג און מען לעבט צווישען זיך בשלום ואחדות, דאַגעגען ווי נאָר דער יום־טוב געהט אַוועק און מען קעהרט זיך אום צו די וואָכעדיגע דאגות, צום שווערען עול־הפרנסה, אַזוי הויבט זיך צוריק אָן דער פירוד, די קריגערייי די ביטערע קאָנקורענץ, ביי וועלכער איינער דעם צווייטען איז גרייט דעם ביסען פון מויל אַרויסצורייסען.

און דאס איז דער פשט: „קשה עלי פרידתכם", עס איז מיר אַ שאד, איהר זאָלט אַזוי גיך פערלאָזען דעם יום־טוב, נאך וועלכען עס וועט זיך צוריק אנהויבען ביי אייך דער פירוד...

(רבי מענדעלי ווארקער)

מַטּוֹת

איש כי ידור נדר לד׳... (ל, ג.)

איש כי ידור נדר וכו׳ — בשעת אַ מאַנספּערשוין וועט טהון אַ נדר אָדער אַ שבועה — לא יחל דברו — קאָן מען זיך אויף איהם פערלאזען, אַז ער וועט אַודאי נישט ברעכען זיין וואָרט, אַז — ככל היוצא מפיו יעשה — און מען דאַרף דעריבער נישט זוכען קיין עצות, ווי אַזוי אויפ־צובינדען איהם פון זיין נדר, דאַגעגען אָבער — ואשה כי תדור נדר לד׳ ואסרה אסר — ווען דאָס וועט טהון אַ פרוי, דאַן מוז מען שוין זוכען עצות און געבען דעם פאָטער, אָדער דעם מאַן, דאָס רעכט מבטל צו מאַ־כען איהרע נדרים, ווייל אַ פרוי וועט באַלד חרטה האָבען, אויף אַ פרוי קאָן מען זיך נישט פערלאָזען, זי זאָל האַלטען וואָרט, „נשים דעתן קלות“...

(מלאכת מחשבת)

איש כי ידור נדר לד׳ או השבע שבועה...

ביים גראָדנער רב, רבי בנימינ׳קע, איז געוועזען אַ דיין, רבי שמואל, וועלכער איז אויסער אַ גדול בתורה אויך געוועזען אַ זעלטענער בעל־מדות, ממש אַ צדיק תמים.

איינמאָל, בשעת דער דיין איז געזעסען ביים רב אין בית־דין שטוב, איז אַריינגעקומען אַ אידענע, וועלכע האָט אַוועקגעלייגט פאַר׳ן רב אַ פּעקעל מיט באַנקנאָטען און געזאָגט:

— אָט דאָ האָט איהר, רבי, צוועלף הונדערט רובל פאַר מיין מאַן, אַזוי ווי איהר האָט געפּסק׳ענט, און זאָל ער מיר געבען גט.

דער רב האָט איבערגעצעהלט דאָס געלד און געענטפערט:

— גוט, מאָרגען אם ירצה השם וועלען מיר מסדר זיין דעם גט.

די אידענע איז אַוועק, רבי שמואל דער דיין איז נאָך אונטערגעזעסען אַ ווײַלע און דאַן האָט ער זיך אויך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען.

ווי נור דער דיין איז אַרויס האָט דער רב זיך אַ כאַפּ געטהון און דערזעהען, אַז ער האָט נישט דאָס געלד. ער האט גענומען זוכען אין די טאַשען, אויפ'ן טיש, אין די ספרים אַרום — נישטאַ. אַ פּחד איז איהם בעפאַלען. אַזאַ סומע געלד! און נישט זיין געלד! ער האט אַריינגערופען די רביצין, מען האט גענומען זוכען אין אַלע ווינקעלעך — אומזיסט, דאס געלד איז נישטאַ!

— אפשר — פּרובט איהם די רביצין בערוהיגען — האט די אידענע נישט געבראַכט נאָך דאס געלד?

— וואס רעדסטו, וואס? כ'האב עס אַליין אין מיינע הענד געהאַלטען, אַליין איבערגעצעהלט, טויזענד און צוויי הונדערט רובל... דערלאַנג מיר דעם כאַלאַט, כ'לויף גלייך אַריבער צום דיין.

— צום דיין? — קוקט איהם די רביצין אָן פערחדוש'ט — וואס פאַלט דיר איין? אַזאַ עהרליכער איד, ווי רבי שמואל, וועט חלילה אנריהרען פרעמד געלד?

— אַוודאי איז איהם שווער חושד צו זיין — ענטפערט דער רב מלא צער און פערצווייפלונג — אַבער אַחוץ איך און ער איז אַבער קיינער אין שטוב נישט געווען!

— לאמיר צוואַרטען — ראָט איהם די רביצין — ביז מארגען, אפשר האט פּאַרט די אידענע, נאָכדעם ווי דו האסט איבערגעצעהלט דאס געלד, עס צוריקגענומען, ווייל דו האסט איהר געזאגט, אַז דו וועסט ערשט מארגען מסדר זיין דעם גט, און מארגען וועט זי דאס געלד צוריקברענגען.

דער רב האט איהר געפאלגט. צומארגענס איז די אידענע געקומען און פערפיהרט אַ שמועס מיט דער רביצין, דערצעהלענדיג, אַז זי איז זיך געקומען גט'ן מיט'ן מאַן, וועלכען זי גיט צוועלף הונדערט רובל און אַז דאס געלט ליגט שוין איינגעלייגט בייםרב פון נעכטן אָן.

פערשווינדען, אלזא, די לעצטע האפנונג, די אידענע ווייסט פון קיין זאַך נישט, זי האט דאס געלד נישט צוריקגענומען. וואס טהוט מען איצט?... דער רב האט איהר ערקלערט, אַז דאס מסדר זיין דעם גט מוז אבגעלעגט ווערען אויף נאָך אייניגע טעג, און דאַן איז ער אַרויס פון שטוב און מיט איילענדיגע טריט אוועק צו רבי שמואל'ן, צום דיין, וועלכער האט דערזעהענדיג דעם רב ביי זיך אין שטוב, זיך שטאַרק דערפרעהט.

— אָך, אַזאַ גאַסט, אַזאַ כבוד... זיצט, רבי... אט איז אַ בענקעל...

— כ'בין געקומען צו אייך — מאַכט צו איהם דער רב מיט אַני־ערנסט־ברוגז'ן טאָן — וועגען אַ זעהר וויכטיג ענין. נעכטען, בעת איהר זענט געזעסען אין בית־דין שטוב' האָט אַ אידענע מיר געבראַכט צוועלף הונדערט רובל, און ווי נור איהר זענט אַוועק איז דאָס געלד נעלם געוואָרען און היות, ווי כ'האָב נישט צו בעצאָהלען אַזאַ ריזיגען סכום געלד, מוזען מיר ביידע עפ"י דין מקבל זיין אַ שבועה, מיר מוזען ביידע שווערען...

— אַ שבועה? — ווערט דער דיין דערציטערט, און דאַן פערטראַכט ער זיך אַ ווייל און זאָגט: איהר מוזט מיר, רבי, געבען אַ טאָג אויף ישוב־הדעת, מאָרגען אי"ה וועל איך זיין ביי אייך.

צומאָרגענס איז דער דיין געקומען און אַוועקגעלעגט פאַר'ן רב אַ פעקעל געלד.

— דאָ האָט איהר, רבי — מאַכט ער — זעקס הונדערט רובל, מעהר האָב איך נישט...

דער רב מיט דער רביצין קוקען זיך ביידע איבער פערוואונדערט. רבי שמואל, ווייסען אַלע, איז אַנ'עני ואביון, וועלכער האָט קיינמאָל זיין אייגענס קיין זעקס הונדערט גראָשען נישט פערמאָגט, און דאָ האָט ער מיטאַמאָל זעקס הונדערט רובל! איז דאָך עס נישט אַנדערש, נאַר...

— ניין—מאַכט צו איהם דער רב מיט אַ שטרענגען טאָן - דאָס גאַנצע געלד זאָל מיר זיין, אַ פרוטה אחת טאָר נישט פעהלען...

— איז אויב אַזוי — זיפצט דער דיין — האָב איך קיין אַנדערע עצה נישט, וועל איך מוזען שווערען — און אַבזאָגענדיג די דאָזיגע ווערטער איז ער אַוועק.

צומאָרגענס פאַרטאָג דער דיין איז ווידער דאָ.

— אַכט הונדערט רובל, רבי — ווענדעט ער זיך צום רב—קען איך אייך געבען, מעהר האָב איך נישט.

— און ווער — בייזערט זיך דער רב — וועט געבען דאָס איבריגע?

דער דיין שטעהט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ.

— אַז איך האָב פאָרט נישט מעהר — בעט ער זיך — וואָס וועט איהר שוין האָבען דערפון, אַז איך וועל שווערען, פון דער שבועה וועט דאָך אייך קיין איין גראָשען נישט צוקומען. טהוט מיר די טובה, רבי, נעהמט צו די אַכט הונדערט רובל...

דער רב האָט געגוע‏ען מיט איהם אונטערהאַנדלען און נאָך לאַנגע דינגענישען איז געבליבען, אַז אויף די איבריגע פיער הונדערט רובל זאָל דער דיין געבען דעם רב אַ וועקסעל...

און דאַן האָט זיך דער רב געשאַפט די נויטיגע פיער הונדערט רובל און ער האָט מסדר געווען דעם גט.

פרייטאָג, פלעגט זיך דער רב נוהג זיין אויסצורוימען אַליין די בית-דין שטוב און אָבצורייניגען דעם שטויב פון די ווענד לכבוד שבת, און אַט, ווען ער איז אינ'ם דאָזיגען פרייטאָג, צומאָרגענס נאָכ'ן מסדר זיין דעם גט, בעשעפטיגט געווען מיט דער דאָזיגער ערב-שבת'דיגער אַרבייט און ער איז צוגעקומען צו דער מזרח-וואַנד און אויפגעהויבען דעם „שויתי", וועלכער האָט געהאָנגען איבער'ן עמוד צום דאַווענען, האָט ער אַרויסגע-לאָזען אַ געשריי: אוי וועה! און איז געפאַלען אין חלשות. עס איז אָנגע-לאָפען די רביצין און די שטוב-מענשען, מען האָט דעם רב דערמינטערט.

— וואָס איז געשעהען רבי בנימינקע? וואָס האָט פּאַסירט?...

— אַט דאָרט — ווייזט דער רב מיט דער האַנד אויפ'ן „שויתי" און טרעהרען גיסען זיך איהם פון די אויגען — אַט דאָרט איז דאָס פּעקעל געלד געלעגען... אַליין האָב איך עס דאָרט בעהאַלטען... אומזיסט נעביך חושד געווען דעם דיין, אַ חושד בכשרים געווען...

און ווי נאָר ער איז אַביסעל געקומען צו די כחות, האָט ער גענומען דאָס פּעקעל געלד און איז אַוועק צום דיין אַ חיים.

— זייט מיר מוחל, רבי שמואל — איז איהם דער רב מפייס און צוויינט זיך — אומזיסט איך מצער געווען... דאָס געלד איז געפינען גע-וואָרען, מיט די אייגענע הענד האָב איך עס אַוועקגעלייגט... זייט מיר מוחל.

— כ'בין אייך מוחל, רבי — שמייכעלט דער דיין — במחילה גמורה, פערקעהרט, אדרבה, איך דאַרף אייך מחזיק טובה זיין, אַ דאַנק אייך האָב איך זוכה געווען צום „יהי רצון שיהי חלקי עם מי שחושדין אותו ואין בו"...

דער רב האָט זיך בערוהיגט און דאַן ווענדעט ער זיך צום דיין:

— דאָך, רבי שמואל, האָט קיין פעראיבעל נישט, איז מיר קשה... פונוואַנען, זאָלט איהר געזונט זיין, קומט צו אייך אַזאַ גרויסע סומע געלד?...

— פערשטעהט איהר מיך, רבי — ענטפערט איהם דער דיין בתמימות — די מעשה דערפון איז אַזוי. איך האָב נאָך אין מיין לעבען קיינמאָל נישט געשוואוירען אפילו קיין שבועת-אמת, איז אַז כ'האָב דערהערט פון אייך, אַז כ'בין מחויב מקבל צו זיין אַ שבועה אויף די צוועלף הונדערט רובל, בין איך תיכף אַוועק און האָב פערקויפט מיין נחלה, פאַר וועלכע כ'האָב בע-קומען זעקס הונדערט רובל, און אַז איהר האָט דאָס געלד נישט געוואָלט נעהמען און פערלאַנגט דורכאויס דאָס איבריגע, האָב איך פערקויפט די שענק מיט ספרים און בעקומען צווי הונדערט רובל, מעהר האָב איך קיין עצה נישט געהאַט. אַ נס, רבי, וואָס איהר האָט מיר געטהון די טובה

און געקומען ביי מיר אַ וועקסעל אויף פיער הונדערט רובל, איהר האָט מיך, מיט דעם וועקסעל, רבי, פשוט געראַטעוועט און געלויבט השי"ת, וואָס כ'בין בייגעשטאַנען דעם נסיון און בין נישט געקומען חלילה צו קיין שבועה. געלויבט השם־יתברך!...

והייתם נקיים מד' ומישראל... (לב. כב.)

„שאָדם צריך לצאת ידי הבריות כדרך שצריך לצאת ידי המקום, שנאמר והייתם נקיים מד' ומישראל" (שקלים פרק ג').

וואָס ווערט געמיינט מיט דעם אויסדרוק „כדרך"?

נאָר געוועהנליך בעמיהט מען זיך יוצא צו זיין פאַר מענשען מיט חניפה, מיט שקר, מיט צביעות. עס ווערט אַלזאָ אָנגעזאָגט, אַז יוצא זיין פאַר לייטען זאָל מען מיט דעם זעלבען דרך, אויפ'ן זעלבען אופן, ווי מען דאַרף יוצא זיין פאַר'ן אויבערשטען, וועלכען מען קאָן נישט חנפ'נען און אָבנאַרען...

(רבי ישראל סאלאנטער)

עבדיך יעשו כאשר אדוני מצוה וכו' ועבדיך יעברו כל חלוץ צבא וכו'... (לב. כה. כז.)

דאָס אַלץ האָבען זיי דאָך שוין געהאַט פריהער ערקלערט: „ויגשו אליו ויאמרו גדרות צאן נבנה וכו' ואנחנו נחלץ חושים וכו'" (לב. טז׳), איז צוליעב וואָס האָבען זיי איצט נאָכאַמאָל איבערגעחזר'ט דאָס זעלבע?

נאָר אין זייער פריהערדיגער הבטחה, ווי עס איז צו זעהען פון די פסוקים, האָבען זיי קיין איינמאָל נישט דערמאָהנט גאָט'ס נאָמען, און עס האָט אויסגעזעהען פון זייערע ווערטער, ווי זיי וואָלטען זיך פערלאָזט בלויז אויף זייער אייגענעם כח: „גדרות צאן נבנה למקננו... ואנחנו נחלץ חושים... וישב טַפֵּנוּ בערי המבצר... לא נשוב אל בתינו עד התנחל בני ישראל" און אַזוי ווייטער... דערויף האָט זיי משה געענטפערט: „אם תעשון את הדבר הזה אם תחלצו לפני ד' למלחמה... ועבר לכם כל חלוץ את הירדן לפני ד'... ונכבשה הארץ לפני ד'... והיתה הארץ הזאת לכם לאחוזה

לפני ד׳״... נאָר דאַמאָלס וועט איהר מצליח זיין, ווען איהר וועט געהן מיט גאָט׳ס נאָמען, מיט דער הילף פון גאָט, נישט מיט׳ן אייגענעם כח... און אויף דעם איז איצט נאָכאַמאָל געקומען זייער הבטחה, אַז זיי מיינען נישט חלילה צו פערלאָזען זיך בלויז אויף די אייגענע כחות: „עבדיך יעשו כאשר אדוני מצוה... ועבדיך יעברו כל איש צבא לפני ד׳... נחנו נעבור חלוצים לפני ד׳...״

(פרחי אהרן)

מַסְעֵי

ומחה על כֶּתֶף ים כנרת קֵדְמָה... (לד. יא)

דערויף זאָגט דער אבן עזרא: „כאשר אמרו קדמונינו תבירתא מגזירת ימחאו כף".

פון די פערשיעדענע פשטים, וואָס עס זאָגען דערויף די מבארים, איז אַמריכטיגסטען די ערקלערונג פון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, און נעמליך:

פיער מאָל, ווייזען אָן די בעלי המסורה, געפינט זיך אין תנ"ך דאָס וואָרט „ומחה": „ומחה אל מי המרים", „ומחה את שמם", „ומחה ד' דמעה", „ומחה על כתף", אין די ערשטע דריי ערטער אין „ומחה" דער טייטש: אָבמעקען, בלויז דאָ, אין פסוק „ומחה על כתף", וואו די נגינה אויפ'ן וואָרט „ומחה" איז אַ תביר, האָט עס די בעדייטונג פון „רתבירתא": צוברעכען, שלאָגען, פונקט אַזוי, ווי „ימחאו כף".

את שלש הערים תתנו מעבר לירדן ואת שלש הערים תתנו בארץ כנען... (לה יד.)

„בעבר הירדן תלת ובארץ־ישראל תלת? אמר אביי, בגלעד שכיחי רוצחים" (מכות ט').

פרעגען די מפרשים: דאָ, ביי ערי מקלט, רעדט זיך דאָרט וועגען שוגג, און „שכיחי רוצחים" מיינט מען דאָך רוצחים במזיד?

ווייזט אָן דער רבי ר' העשיל, אַז דאָס איז נאָר לגמרי קיין קשיא

גישט, דען אין דער פריהערדיגער משנה דאָרט ווערט בפירוש געזאָגט: „בתחלה אחד שוגג ואחד מזיד מקדימין לערי מקלט ובי"ד שולחין ומביאין אותו משם", אַז אויך די רוצחים במזיד זענען ביז צום משפט געהאַלטען געוואָרען אין די ערי מקלט...

וישב בה עד מות הכהן הגדול... (לה. כה.)

פערשיעדענע טעמים ווערען געגעבען דערויף, פאַרוואָס נאָכ'ן טויט פון כהן גדול זענען די רוצחים בעפרייט געוואָרען פון די ערי-מקלט.

גאַנץ איינפאַך אָבער ערקלערט עס דער אַברבנאל: דער כהן-גדול איז געווען די העכסטע הערשענדע פערזאָן און אין אַ געוויסער מאָס האָט ער געהאַט זאָגאַר בּרייטערע רעכט פאַר'ן קעניג, און בשעת דער כהן-גדול איז געשטאָרבען און עס איז געזאַלבט געוואָרען אַ צווייטער כהן-גדול אויף זיין אָרט, איז דאַן — ווי עס איז דער מנהג המלכים — ערקלערט געוואָרען אַ אַמנעסטיע פאַר אַלע פערברעכער.

ולא תקחו כופר לנפש רוצח אשר הוא רשע למות... (לה. לא.)

איהר זאָלט נישט אָננעהמען אַלס כופר און מאָטיוו צו בעפרייען דעם רוצח, דעם געגעבענעם תירוץ — „אַשר הוא רשע למות", באשר דער ערמאָרדעטער איז געווען אַ רשע און ער האָט זיך דעריבער פער-דיענט דעם טויט און עס איז געווען אַ „מצוה" אָבצורוימען איהם פון וועג...

(הדרש והעיון)

ותהיינה מחלה תרצה וחגלה ומלכה ונועה בנות צלפחד... (לו. יא.)

דער חתם-סופר פלעגט שטאַרק מקפיד זיין, אַז מען זאָל נישט חתונה

מאכען קיין יונגערע טעכטער פאר די עלטערע און ער האט געבראכט דערויף א ראיה פון דאזיגען פסוק. אויף דער קשיא, פארוואס ווערען דא די נעמען פון די בנות־צלפחד אויסגערעכענט לויט אנ'אנדערען סדר, ווי אין פרשת פינחס, זאגט רש"י: „כאן מנאן לפי גדולתן זו מזו בשנים ונשאו כסדר תולדותן ובכל המקרא מנאן לפי חכמתן", און דער פסוק לערנט אונז אלזא דערמיט, אז כאטש „דרך חכמתן", לויט זייער גרויסקייט און חכמה, איז דער סדר זייערער, ווי עס שטעהט אין פ' פינחס, האבען זיי דאך חתונה געהאט „לפי גדולתן" און „כסדר תולדותן", לויט זייער עלטער...

די פרוי פון רבי שאול מאמסטערדאם האט געשמ'ט אלס גרויסע למדנית, אבער אין א צייט ארום, זייענדיג פערנומען מיט דער ווירטשאפט און מיט דער ערציהונג פון די קינדער, וואס זי אויפגעהערט צו לערנען, און בעת מען האט איהר איינמאל געפרעגט וועגען דעם, האט זי געענטפערט:

אויפ'ן פסוק „ותהיינה מחלה תרצה וכו'" זאגט רש"י: „כאן מנאן לפי גדולתן זו מזו בשנים ונשאו כסדר תולדותן, ובכל המקרא מנאן לפי חכמתן". פרעגט זיך: פארוואס ווערען זיי אין אלע אנדערע ערטער געצעהלט לויט דער חכמה, און דא, נאכדעם ווי זיי האבען חתונה געהאט — לויט די יאהרען? ווייל נאך דער חתונה, ווען מען איז פערטהון מיט'ן בעל־הבתישקייט און מיט די קינדער, ווערען זיי דאן אויס ח כ מ ו ת...

דעריבער — פלעגט זאגען רבי זלמן ווילנער בדרך בדיחות — איז „בכל המקרא מנאן לפי חכמתן", ווערען אומעטום די נעמען פון די בנות צלפחד אויסגערעכענט לויט דער מדרגה פון זייער חכמה און נאר דא בלויז ווערען זיי גערעכענט „לפי תולדותן", דען וועגען די בנות צלפחד ווערט געזאגט אין דער גמרא: „אפילו קטנה שבהן לא נשאת פחותה מארבעים שנה" (ב"ב קי"ט), אז אפילו די יונגסטע פון זיי איז שוין אויך נישט געווען גאר יונג וממילא איז עס פאר זיי נישט אנגענעהם געווען מען זאל זיי נעהמען צעהלען לויט די יאהרען... דא אבער, אין פ' מסעי,

רעדט זיך וועגען זיי שוין נאָכדעם ווי זיי האָבען חתונה געהאַט: „ותהיינה מחלה תרצה וכו׳ לבני דודיהן לנשים״, און נאָך דער חתונה מאַכט שוין, נישט אויס, מעג מען שוין דאַן אויסזאָגען ווער פון זיי עס איז עלטער...

ספר דברים

דְבָרִים

אלה הדברים אשר דבר משה... (א. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין ילקוט: „מלמד שהיו כלם בעלי תוכחה ויכולים לעמוד בתוכחה".

וואָס איז דער פשט: „שהיו כלם בעלי תוכחה"?

נאָר די גמרא זאגט: „כשם שמצוה על אדם לומר דבר הנשמע כך מצוה על אדם שלא לומר דבר שאינו נשמע" (יבמות ס"ה), און דער זין איז אַלזאָ: „שהיו כלם בעלי תוכחה", אַז זיי האָבען מקבל געווען די תוכחה, וואס מען האט זיי געזאגט, עס איז געווען אַ „דבר הנשמע"...

(כתנות אור)

אחד עשר יום מחורב... (א. ב.)

די עלף כדרות פון משנה-תורה — ווערט געזאָגט אין מדרש — זענען געזאָגט געוואָרען צו די אידען במשך פון עלף טעג.

בעמערקט דערויף רבי אליעזר אשכנזי, אַז דאָס איז בפירוש מרומז אין פסוק: „אחד עשר יום מחורב וכו' — הואיל משה באר את התורה הזאת"...

ויהי בארבעים שנה... (א. ג.)

„מלמד שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה" (רש"י)

רבי לייב מוכיח פלעגט כמעט יעדען טאָג האַלטען פאַר'ן עולם שאַרפע מוסר-דרשות. איינמאָל האָט אַזאַ דרשה בייגעוואוינט דער בעל „תולדות יעקב יוסף". ווּעלכער האָט בעמערקט, ווי דער עולם געהט נעביך אַוועק

פון דער דרשה שטארק דערשלאָגען און מרה-שחורה׳ט, ווענדעט ער זיך דאן צו רבי לייב׳ן און מאַכט צו איהם:

— ס׳איז אַ ביסעל צופיעל, רבי לייב, אויסצושטעלען זיך יעדען טאָג זאָגען דעם עולם תוכחה. אט נעהמט אייך אַ ביישפיעל פון משה רבינו, וועלכער האָט געהאַט אַ שפּאר ביסעל טענות פאַרצוּוואַרפען די אידען און פונדעסטוועגען ווערט געזאָגט, אז „שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה״.

— אמת, — ענטפערט איהם רבי לייב — און דערפאר טאַקי מוז איך עס טהון יעדען טאָג, פונקט ווי דער מענש דאַרף יעדען טאָג תשובה טהון און מקיים זיין דעם „שוב יום אחד לפני מיתתך״, ווייל ער ווייסט נישט ווען דער „סמוך למיתה״ איז און וואס מאָרגען וועט זיין מיט איהם...

רבי יהודה אריה די מודינא האט אמאל אין איינע פון זיינע דרשות זיך געווענדעט צום עולם און געזאגט: אין איין פסוק שטעהט „ותפרעו כל עצתי ותוכחתי לא אביתם״ און אין אַ צווייטען פסוק ווערט געזאָגט: „שמעו מוסר וחכמו ואל תפרעו״. וואָס איז די כונה פון די צוויי פסוקים? די כונה איז, אַז אויב ווען זעהט, דאָס דער דרשן האָט מיט זיינע דרשות אויפ׳ן עולם קיין פעולה נישט און זיי ווערען פון זיין מוסר נישט גע- ריהרט, איז עס געוועהנליך דערפאַר, ווייל ער נעהמט פאַר זיינע דרשות בעצאָהלט, ווייל ער איז אַ „דורש דמים״, וועלכער דרשנ׳ט און מוסר׳ט פאַר געלד, און דאָס זאָגט דער פסוק: „ותפרעו כל עצתי״ — דערפאר וואָס איהר בעצאָהלט מיר פאַר מיינע עצות, דעריבער — „ותוכחתי לא אביתם״, ווילט איהר מיין תוכחה נישט פערנעהמען און זי האָט אויף אייך קיין ווירקונג נישט... איך בין אייך דעריבער מודיע, רבותי, אַז פאַר דער היינטיגער דרשה פאַרלאַנג איך פון אייך קיין געלד נישט. „שמעו מוסר וחכמו ואל תפרעו״, פאַר׳ן הייגטיגען מוסר זאָלט איהר מיר נישט בעצאָהלען, אפשר וועט דער נישט-בעצאָהלטער מוסר האָבען אויף אייך מעהר ווירקונג...

הבו לכם אנשים חכמים ונבונים... (א. יג.)

צוויי מענשען זענען אמאָל געגאַנגען אין וועג. איינער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך דריי חלות, און דער צווייטער — צוויי חלות. אויפ׳ן וועג האָבען זיי בעגעגענט אַ דריטען וואנדערער, וועלכער האָט נישט געהאַט

קיין צידה לדרך, און זיי האָבען איהם פאַרגעלעגט צו געניסען פון זייער שפייז. בשעת דער דריטער וואַנדערער האָט זיך פון זיי אָבגעשיידט, נאָכ־דעם ווי זיי האָבען שוין צוזאַמען געהאַט אויפגעגעסען אַלע פינף חלות, האָט ער אַרויסגענומען פינף גילדען און זיי געגעבען פאַר דעם חלק, וואָס ער האָט געגעסען. דאָ איז צווישען די צוויי ענטשטאַנען אַ סכסוך וועגען דער פונאַנדערטיילונג פון געלד. דער וואָס האָט געהאַט די דריי חלות האט געטענה'ט, אַז לויט'ן חשבון האט יענער געגעסען דריי פינפטעל פון זיינע חלות און צוויי פינפטעל פונ'ם צווייטענס חלות, קומט איהם דעריבער דריי גילדען און דעם חבר — צוויי. דאַגעגען דער צווייטער האט געהאַלטען, אַז מען דאַרף זיך מיט דעם געלד גלייך צוטיילען, מחמת יענער האט ביים עסען כלל נישט מקפיד געווען צו עסען פון די חלות מעהר און פון די וועניגער. נישט קאָנענדיג קומען צו קיין אויסגלייך זענען זיי אַוועק האַל־טען אַ דין־תורה פאַר'ן אבן־עזרא. דער אבן־עזרא האט אויסגעהערט די טענות און געפסקנ'ט, אַז דער פון די דריי חלות דאַרף בעקומען פיער גילדען און דער צווייטער נישט מעהר, ווי איין גילדען... די בעלי־דינים זענען געבליבען ערשטוינט פונ'ם אויסטערלישען פסק, לויט וועלכען איין בעל־דין בעקומט נאָך מעהר, ווי ער האָט אַליין פערלאַנגט און דאַן האט עס זיי דער אבן עזרא ערקלערט:

— געהאַט האט איהר צוזאַמען פינף חלות, צו וועלכע איהר זענט געווען דריי פערזאָן. יעדער פון אייך האט, הייסט עס, אויפגעגעסען אַ דריטעל. יעדע חלה איז אַזוי אַרום פערטיילט געוואָרען אויף דריי חלקים. די פינף חלות — אויף פופצעהן חלקים. פופצעהן דריטלען, פינף דריטלען אויף אַ פערזאָן. דער אייגענטימער פון די צוויי חלות האט, אַלזאָ, געהאַט זעקס דריטלען, פון וועלכע פינף דריטלען האָט ער אַליין אויפגעגעסען און נור איין דריטעל, דאָס זעקסטע דריטעל, האָט ער אַוועקגעגעבען דעם דריטען וואַנדערער, קומט איהם דעריבער נישט מעהר, ווי איין גילדען. דער צווייטער דאַגעגען, דער אייגענטימער פון די דריי חלות, האָט געהאַט ניין דריטלען, אויפעסענדיג אַליין פינף האָט ער אַוועקגעגעבען יענעם פיער און איהם קומט אַלזאָ פיער גילדען...

(אין ספר „המבקש" ווערט דער דאָזיגער פסק־דין איבערגעגעבען אין נאָמען פון ר' שם טוב פאַלקירא).

צוויי סוחרים, וועלכע האָבען געהאַנדעלט מיט פלאַקס, האָבען געדונגען אַ שיף איבערצופיהרען די סחורה קיין פרייסען, און יעדער פון זיי האָט אַוועקגעלעגט די סחורה אויף דער שיף אין אַ בעזונדער ווינקעל. אויפ'ן וועג איז איינעם פון זיי אַריין אַ שלעכטער געדאַנק און ביינאַכט, ווען דער צווייטער סוחר איז געשלאָפען, איז ער אין דער פינסטער אַוועק צום אָרט, וואו עס איז געלעגען די סחורה, און ער האָט גענומען איבערטראָגען אַ טייל פון יענעמ'ס פלאַקס צו זיך, צו זיין לאַגער. געקומען אויפ'ן אָרט נעהמט דער גנב איבערוועגען די סחורה און ער בלייבט שטעהן אַ מבול־בל'ער: לויט'ן חשבון וואָלט ער איצט געדאַרפט האָבען מעהר סחורה ווי־פיעל ער האָט געלאַדעוועט אויף דער שיף, ולסוף האָט ער גאָר וועניגער, אַ סך וועניגער ווי פריהער!... ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער איז נעביך געפאַלען אַ קרבן פון אַ ביטערען טעות, אַז אַנשטאָט איבערצוטראָ־גען יענעמ'ס סחורה צו זיך, האָט ער אין דער פינסטער פערביטען די יוצרות און זיין סחורה איבערגעטראָגען צו יענעם... וואָס טהוט מען? דער־צעהלען? — וועט ער זיך אַליין אויסגעבען אַלס גנב. פערשווייגען? — וועט איהם אויסקומען צו ליידען אַ גרויסען היזק. נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת האָט סוף־כל־סוף דער כח פון געלד גובר געווען און ער איז אַוועק צום סוחר און איהם מגלה געווען דעם גאַנצען אמת: אַזוי און אַזוי, ער האָט איהם בדעה געהאַט צו בעגנב'ען, אָבער צו זיין אומגליק האָט ער זיך אַליין בעגנב'עט און ער פערלאַנגט דעריבער, ער זאָל איהם צוריקגע־בען די סחורה, וואָס ער האָט עפ"י טעות צו איהם איבערגעטראָגען... דע־רויף האָט איהם יענער סוחר געענטפערט, אַז ער גלויבט איהם נישט, ער האָלט נישט, ער זאָל זיין פעהיג אויף אַזאַ זאַך. אמת, ער האָט טאַקי מעהר סחורה, וויפיעל עס וואָלט געדאַרפט זיין, אָבער דערפון איז נישט געדרונגען, אַז דאָס איז זיין סחורה. אפשר האָט דער פריץ, ביי וועמען ער האָט די סחורה געקויפט, געהאַט אַ טעות אין דער וואָג און ער דאַרף דעם יתור צוריקגעבען דעם פריץ...

בקיצור, זיי זענען אַוועק האַלטען אַ דין-תורה קיין קעניגסבערג, צום מלבי"ם, פאַר וועלכען יעדער האָט איבערגע'חזר'ט זיינע פריהערדיגע טענות, דער ערשטער האָט געטענה'ט: רבי, אַ שלעכטע מינוט איז אויף מיר אָנ־געקומען, כ'האָב איהם געוואָלט בעגנב'נען און עפ"י טעות האָב איך זיך אַליין בעגנב'עט. דער צווייטער דאַגעגען האָט ערקלערט: ניין, רבי, גלויבט איהם נישט. איך קען איהם זינט יאָהרען פאַר אַן'עהרליכען סוחר, וועלכער איז באיז אופן נישט פעהיג אויף אַזעלכע זאַכען..

דער מלבי"ם האָט אַרויסגעגעבען אַ פסק, אַז מען דאַרף דעם ערשטען סוחר געבען אַ שבועה: ער מוז שווערען בהן-צדקו, אַז ער האָט דעם צוויי־

טען געוואָלט בעגנב'נען און דאַן בעקומט ער צוריק די סחורה, וואָס ער האָט זיך אַליין בעגנב'עט...

אַן'עהנליכע געשיכטע האָט אַמאָל פּאַסירט אין פּראָג. צוויי פּראָגער אידען, אַ רייכער סוחר און זיין אָנגעשטעלטער, האָבען געפיהרט אַ ריזיגען טראַנספּאָרט ווייץ פון אונגאַרן. אויפ'ן וועג, פערבייפאָהרענדיג אין אַן'אכסניא, האָט דער אָנגעשטעלטער, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך אַביסעל געלד, וואָס ער האָט אָבגעשפּאָרט במשך פון לאַנגע יאָהרען, מורא געהאַט צו פיהרען דאָס געלד מיט זיך, און ביינאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפען האָט ער דאָס געלד פערשלאָסען אין אַ בלעכערנע כלי און דאַן איז ער אַוועק אין הויף צו די ווייץ-פעסער, געעפענט איין פאַס, אַריינגעלייגט אַהין דאָס געלד, צוריק פערקלאַפּט, און זיך געמאַכט אַ סימן, ער זאָל דאָס פאַס דערקענען. צו דער זעלבער צייט איז גראָד דער בעל-הבית דורכגעגאַנגען דורכ'ן הויף, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז יענער האָט גאָרנישט בעמערקט... געקומען קיין פראג, ער עפענט דעם פאַס — דאס געלד איז נישטאָ! אַ דערשלאָגענער איז ער אַוועק צום נודע-ביהודה און איהם דערצעהלט פון זיין אומגליק. דער רב האט תיכף געשיקט נאָכ'ן רייכען בעל-הבית און מיט ווייכע רייד האָט ער איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז הגם עס איז איהם זעהר שווער חושד צו זיין, אַז ער, דער חשוב'ער בעל-הבית, אַן'אָנגעזעהענער גביר, זאָל האָבען צוגעריהרט זיין האַנד צום געלד פון זיין אָרימען אָנגעשטעלטען, דאָך, היות, ווי אויסער איהם, איז קיינער דאַמאָלס אויפ'ן הויף נישט דורכגעגאַנגען, מוז ער, אַלזאָ, דער רב, דורכפיהרען אַ געהעריגע חקירה-ודרישה... דער גביר איז געוואָרען מלא-כעס און גענומען זידלען דעם אָנגעשטעלטען כאחד-הריקים: אַזאַ קבצן, אַזאַ גאָרנישט! אַט אַזוי דאַנקט ער איהם אָב פאַר דעם ברויט, וואָס ער עסט ביי איהם, פאַר דעם גוטס, וואָס ער האָט מיט איהם געטהון! אין גניבה איז ער איהם גאָר חושד?... געזעהען, אַז ער לאָזט גאָרנישט ריידען צו זיך, רופט זיך אָן צו איהם דער נודע-ביהודה: האָט קיין פעראיבעל נישט, אויך איך גלויב נישט, אַז איהר זאָלט האָבען חלילה צוגענומען דאָס אָרימע געלד, און אויך אייער אָנגעשטעלטער איז אייך דערין נישט חושד, אָבער היות ווי דאָס געלד וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין איינעם פון די ווייץ-פעסער, פעהלט דאָך פאָרט, איז נישט אַנדערש, נאָר דאָס האָבען געטהון די גוי'אישע פוהרמאַנעס, אויפ'ן וועג האָבען זיי ביינאַכט געעפענט די פעסער, אַריינגעשטעקט די הענד אין יעדען פאַס און געזוכט, ביז זיי האָבען אין איינעם

פון זיי געפינען דאָס געלד. אַלזאָ, איהר אַליין זענט פריי פון יעדען חשד, איהר דאַרפט איהם דעם היזק נישט אומקעהרען, אָבער דעם וויין איז אסור צו נוצען, וואָרום איהר ווייסט דאָך, ווייל צו וועלכען נישט־אידישע הענד האָבען זיך צוגעריהרט, האָט דעם דין פון יין־נסך... ווי דער בעל־הבית האָט דאָס דערהעהט, איז ער געוואָרען בלייך ווי קאַלך און גענומען ציטע־רען, ווי גרויס ער איז. אינ׳ם דאָזיגען וויין האָט ער אַ האַלב פערמעגען אריינגעלעגט און איצט שטעהט איהם פאַר בדיל־הדל צו ווערען!... וואָס טהוט מען דאָ? נישט זעהענדיג קיין אַנדער אויסוועג פון דער שווערער לאַגע, האָט ער אַריינגעבעטען דעם נודע־ביהודה אין אַ חדר־מיוחד און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער זיך מתודה געווען, אַז נישט די גוי׳אישע פוהרמאַנעס, נאָר ער, איז ער מודה דעם אמת, האָט דאָס געלד אַרויסגענומען; אבער פאַר׳ן נודע־ביהודה איז די דאָזיגע ערקלערונג וועניג געווען, ניין — מאַכט ער צו איהם — ער גלויבט איהם נישט. ערשטענס, האָבען מיר אַ כלל, אַז „אין אדם משים עצמו רשע״, צווייטענס, פונוואַנען איז ער זיכער, אַז ער נעהמט נישט אומישנע אויף זיך די שולד. בכדי אויסצומיידען דעם גרויסען היזק, וואָס עס שטעהט איהם פאַר, אויב דער וויין זאָל ערקלערט ווערען אַלס יין־נסך?... דערויף האט דער בעל־הבית אויפגעוויזען מיט פערשידענע סימנים, אַז נור ער האט דאס געלד גע־גנב׳עט, ער און נישט קיין אנדערער, און דאַן האט דער נודע־ביהודה שטרענג ערקלערט, אַז ער וועט איהם פריהער נישט גלויבען, ביז ער וועט נישט שווערען אין שוהל פאַר׳ן גאַנצען עולם, אז ער איז געווען דער גנב... וכך היה, דער רייכער בעל־הבית איז אַוועק אין שוהל, אַרויף אויפ׳ן בעלעמער און בפני כל עם ועדה אבגעגעבען אַ שבועה, אַז ער איז דער גנב, ער האט ביי זיין ארימען אנגעשטעלטען צוגעגנב׳עט דאס געלד, וואס ער איז איהם גלייך גרייט אומצוקעהרען מיט קנס, וויפיעל דער רב וועט פעראַנגען פון איהם — און ערשט דאַן האט דער נודע־ביהודה גע׳כשרט דעם וויין...

לא תכירו פנים במשפט וכו׳ לא תגורו מפני איש... (א. יז.)

דער ליסער רב האָט אַמאָל אויפגעפאָדערט איינעם פון די קהלה פרנסים צו אַ דין־תורה, דריי מאָל האָט ער איהם מזמין געווען און ער איז נישט געקומען, האָט ער איהם דאַן געשיקט אַ התראה, אַז אויב ער וועט אויך דאָס מאָל נישט קומען וועט ער איהם מנדה זיין.

גראָד איז דער דאָזיגער פרנס געווען איינער פון די, וועלכע האָבען

מיטגעהאָלפּען אַראָבצוּבּרענגען דעם רב קיין ליסע, און איבּערלייענענדיג די התראה איז ער געקומען צוּ לויפען מיט אַ רעש:

— אַזוי — מאַכט ער צום רב — צאָהלט איהר מיר אָב פאַר מיין גוּטס ?

ווי דער ליסער רב האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטהון צום שמש:

— פּאַק איין די זאַכען! איך פאַרלאָז גלייך דאָס ליסער רבנות!...

לא תגורו מפני איש...

בשעת דער נודע-ביהודה איז געווען רב אין בראָדי, איז מען איינ-מאָל געקומען צו איהם און דערצעהלט, אַז די פרוי פון לאַנדעס-ראַבּינער פערשאַפט אַלעמען גרויס צער און בושה מיט איהר אונמאָראַלישער אויפפיה-רונג. דער נודע-ביהודה האָט אָנפערטרויט עטליכע בעגלויבטע בעלי-בתים, זיי זאָלען די זאַך חוקר-ודורש זיין און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז עס איז ליידער ריכטיג, אַז זי, די דאָזיגע מכלומר׳שטע „רביצין״, איז אַנ׳איינ-כע מופקרת און מיט איהרע אונפערשעמטע מעשים דיענט זי אַלס שלעכטער ביישפּיעל פאַר אַנדערע און דער חילול-השם איז זעהר גרויס... די שטאָדט האָט געקאָכט און בעת דער ראַבּינער, וועלכער איז געווען אַ תקיף ביי מלכות, האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער אַוועק צום קרייז-שעף און אויסגעפּועלט, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען אַ פעראָרדנונג צוּ דער בראָדער געמיינדע, אַז ווער עס וועט וואַגען צו פערשפּרייטען רכילות אויפ׳ן ראַבּינער׳ס פרוי וועט ער פאַר יעדען אונזויבּער וואָרט בעשטראָפט ווערען מיט הונדערט רענדלעך, אָדער מיט שמיץ. דערוויסענדיג זיך פון דער דאָזי-גער פעראָרדנונג, האָט דער נודע-ביהודה צונויפגערופען אַ דרינגענדע אסיפה פון די בראָדער בעלי-בתים, צו וועלכער ער האָט אויך איינגעלאַדען דעם גאון רבי מאיר מרגליות (מחבר פון „מאיר נתיבים״), ווי אויך דעם בעל-שם-טוב׳ס שוואָגער, רבי גרשון קיטעווער, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין בראָד, און דאַן האָט זיך דער „נודע-ביהודה״ אַוועקגעשטעלט פאַר׳ן עולם און געזאָגט בקול-רם: זייט וויסען, רבותי, אַז דאָס וויבּ פונ׳ם לאַנדעס-ראַבּינער איז אַ זונה, און דאָ האָט איהר הונדערט רענדלעך פאַר׳ן וואָרט „זונה״. ווען איך וואָלט געהאַט צו געבען נאָך הונדערט רענדלעך פאַר׳ן וואָרט „זונה״, וואָלט איך נאָכאַמאָל איבּערגע׳חזר׳ט, אַז זי איז אַ זונה, אָבּער אַזוי ווי איך האָב מעהר קיין געלד נישט מוז איך זיך בעגנוגענען

דערמיט, וואס איך האב שוין איינמאל געזאגט, אז זי איז א זונה... דאס זעלבע האט אויך איבערגעחזר'ט רבי מאיר מרגליות, וועלכער האט נישט גע-האט צו בעצאהלען און מען האט איהם גע'קנס'עט מיט שמיץ, און אזוי האט אויך געטהון רבי גרשון קיטעווער, וועלכער עס איז געלונגען צו אנטלויפען און ער איז אוועק צום שוואגער, צום בעש"ט קיין מעזשיבוזש. נאך דער דאזיגער געשיכטע איז דער גודע־ביהודה געצוואונגען געווען צו פערלאזען בראדי און ער האט אנגענומען דאס רבנות אין דובנא. פון דארט איז ער אריבער קיין יאמפאלע און ערשט נאכהער — קיין פראג.

(מופת הדור)

ותקרבון עלי כלכם... (א. כב.)

כאטש איהר האט שוין דאן געהאט געוועהלטע מנהיגים, וועלכע איהר האט אנפערטרויט אלע אייערע עסקים, דאך, ווי נור איהר האט דערשמעקט אנ'ענין פון מחלוקת, איז „ותקרבון אלי כלכם ותאמרו נשלחה אנשים וכו' ולא אביתם לעלות וכו', ותרגנו באהליכם וכו'" דא האט איהר זיך שוין נישט געוואלט פערלאזען אויף אייערע מנהיגים. די דאזיגע מצוה, די מצוה פון מחלוקת, דאס האט איהר געוואלט אליין מקיים זיין...

והעוים היושבים בחצרים עד עזה... (ב. כג.)

ווי בעקאנט, האט דער חתם־סופר גע'אסר'ט משה מענדעלסאנ'ס ספרים, איבערהויפט דעם „ביאור" אויף תורה און פון איהם שטאמט דער בעקאנטער אויסדרוק: „בספרי רמ"ד אל תשלחו יד". בשעת אייניגע האבען געפרובט אויפמערקזאם מאכען דעם חתם־סופר, אז אין „ביאור" איז נישט צו בעמערקען קיין שום מינות און אפיקורסות, האט ער זיי אנגעוויזען אויפ'ן דאזיגען פסוק „והעוים היושבים בחצרים עד עזה", אויף וועלכען עס ווערט געזאגט אין „ביאור", אז די דאזיגע ווערטער האט משה רבינו אליין צוגעגעבען, נישט „מפי הגבורה"...

(אין די חומשים מיט'ן „ביאור" פון דער שפעטערדיגער דרוק געפינט זיך אויף דעם ארט א בעמערקונג, אז דאס האט נאכהער צוגעשריבען איי־נער פון מענדעלסאנ'ס תלמידים)...

הנה ערשו ערש ברזל וכו׳ תשע אמות ארכה... (ג. יא.)

אין מדרש רבה אויף דער היינטיגע סדרה ווערט געזאגט: „תלה משה את עינו וראה עוג יושב על החומה ורגליו מגיעות לארץ וכו׳ אמר ר׳ יוחנן אורך רגליו י״ח אמות״. איז עס דאָך אַ בפירוש׳ע סתירה צום פסוק, וואו עס ווערט דייטליך געזאָגט: „הנה ערשו וכו׳ תשע אמות ארכה״?

די דאָזיגע פראַגע האָט אַמאָל אַ געוויסער משכיל געפרעגט דעם בעל הפלאה, רבי פנחס הלוי הורוויץ, האָט ער איהם דערויף געענטפערט, אַז אַלס קינד האָט זיין וויגעל געהאַלטען תשע אמות, אַבער שפּעטער, ווען ער איז אויפגעוואַקסען, איז ער שוין געווען בעדייטענד גרעסער און זיינע בלויזע פיס האָבען שוין געהאַט אין דער לענג י״ח אמות...

צדק ילין בה ועתה מרצחים... (הפטורה)

בשעת עס האַנדעלט זיך זיך וועגען „צדק״, וועגען טהון עפּעס אַ גוטע זאַך, איז „ילין בה״, לאָזט מען עס כסדר איבערנעכטיגען, האַלט מען עס אין איין אָבשלעפּען, דאַגעגען — „ועתה מרצחים״, קוים דאַרף מען דורכפיהרען עפּעס אַ מעשה-נבלה, אַ רציחה, דאַמאָלס איז „ועתה״, ווערט עס געמאַכט תיכף ומיד, מיט שנעלקייט און איילעניש...

(בינה לעתים)

כספך היה לסיגים, סבאך מהול במים... (הפטורה)

נאָך די פריהער אויסגערעכענטע שווערע פערברעכענס פון „איכה היתה לזונה״ און „עתה מרצחים״, וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט שוין דער אויספיהר, אַז „כספך היה לסיגים סבאך מהול במים״, אַז זיי נאַרען אָב מיט פאַלש געלד און פאַלשע סחורה?...

נאַר דער דאָזיגער פסוק איז אַן׳ענטפער אויף דער פריהערדיגער שאלה. דער נביא וואונדערט זיך און פרעגט: „איכה היתה לזונה, קריה נאמנה? מלאתי משפט צדק ילין בה ועתה מרצחים?״ ווי אַזוי קומט עס, צו פאַלען מיט איינמאָל אַזוי נידריג, צו ווערען איבערגעקעהרט מן הקצה אל הקצה, אַז די „קריה נאמנה״ זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַ זונה, און

די שטאָדט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט משפט און צדק — אין אַ באַנדע רוצחים? און דערויף קומט דער ענטפער, אַז דאָס איז נישט גע-שעהען מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, שטופּעווייז, אַז אָנגעהויבען האָט זיך עס מיט „כספך היה לסיגים, סבאך מהול במים״, מיט געבען שלעכטע סחורה, מיט אָבנאַרען איינער דעם צווייטען אין האַנדעל, אין דיני ממונות, און איין עבירה ברענגט די צווייטע, יעדע מאָראַלישע ירידה איז גורם צו אַ צווייטע טיעפערע ירידה, ביז מען דערגעהט צו אָפענע גנבה וגזילה, צום „שריך סוררים וחברי גנבים, כלו אוהב שוחד ורודף שלמונים״ א. א. וו...

(אפיקי יהודה)

וָאֶתְחַנַּן

אתה החלות להראות את עבדך את גדלך וכו'... (ג. כד.)

דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז דאס, וואָס דו ווייזט מיר ביז היינט, איז בלויז אַן אָנהויב, דו האָסט דאָך מיר דייטליך געזאָגט: „ראה החילותי תת לפניך את סיחון ואת ארצו, החל רש" (דברים ב. לא.) אַז דאָס אַלץ איז נור אַ התחלה, און אויב אַ התחלה, בעדייט דאָך עס, אַז עס קומט אַ ווייטערער המשך, און אויב אַזוי – „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה"...

(דברי יאר)

רב לך אל תוסף דַבֵּר אלי... (ג. כו.)

„אמר משה לפני הקב"ה: כתבת בתורתך ואם אמור יאמר העבד אהבתי את אדוני וכו' לא אצא חפשי, ואני אהבתי אותך ותורתך ובניך לא אצא חפשי? וכו' אמר ליה הקב"ה רב לך, על תוסיף" (ספרי פ' פינחס).

וואָס פאַר אַ תשובה איז דאָס אויף דער טענה וועגען עבד עברי?

נאָר דער דין איז (קידושין כ"ב.), אַז די ווערטער „אהבתי את אדוני" דאַרפען דורכ'ן עבד צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט ווערען. בשעת משה רבינו האָט זיך, אַלזאָ, אָנגעהויבען בענוצען מיט'ן אַרגומענט וועגען עבד עברי האָט איהם השי"ת מפסיק געווען און אויסגערופען: „אל תוסף דבר אלי!" חזר עס נישט איבער צוויי מאָל, דען דאַן וועל איך זיין געצוואונגען לויט'ן דין צו ערפילען דיין בקשה...

(רבי יעקב פאלאק)

לא תוסיפו על הדבר אשר אנכי מצוה אתכם... (ד. ב.)

נאָך דער הקדמה פון „ועתה ישראל שמע אל החקים ואל המשפטים אשר אנכי מלמד אתכם לעשות", איז די ערשטע אזהרה, מיט וועלכע משה רבינו האָט זיך געווענדעט צו די אידען, געווען: „לא תוסיפו!" דען מיט'ן „לא תוסיפו" איז דער מענש נכשל געוואָרען באַלד ביים ערש־טען געבאָט וואָס ער האָט בעקומען. דער ערשטער אָנזאָג, וועלכער איז געגעבען געוואָרען אדם'ן: „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו", איז נישט אויסגעפיהרט געוואָרען, ווייל חוה האָט מוסיף געווען אין צוגעגעבען „לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו"... אַלזאָ פריהער פאַר אַלעם און קודם־כל זאָלט איהר געדענקען: „לא תוסיפו!"

(רבי יצחק אייזיק ראללער)

ואתה הדבקים בד' אלקיכם חיים כלכם היום... (ד. ד.)

„כל המשיא בתו לתלמיד חכם והעושה פרקמטיא לת"ח והמהנה ת"ח מנכסיו, מעלה עליו הכתוב כאילו מדבק בשכינה" (כתובות קי"א).

פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס אויב זיי מאַכען חתונה זייערע טעכטער פאַר תלמידי־חכמים, טהוען זיי דאָס נישט לשם שמים, נישט ווייל זיי האָבען אַזוי שטאַרק ליב די תורה און די בני תורה, נאָר ווייל זיי ווילען איינ־האַנדלען אַ מציאה, ווייל אַ ישיבה־בחור קאָסט ביליגער און מען קאָן איהם בעקומען פאַר אַ נישטיגען נדן, פאַר שהי־פהי. צוליב דעם בעטאָנען די חז"ל, אַז בלויז „המשיא בתו לתלמיד־חכם" איז ווייניג, דערצו דאַרף אויך זיין: „עושה פרקמטיא לת"ח" און „מהנה ת"ח מנכסיו", מען זאָל איהם אויך געבען אַנ'אַנשטענדיגען נדן און פערזאָרגען מיט פרנסה... (ילקוט סופר)

דריי מאָל, ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינט זיך אין דער תורה דאָס וואָרט „ואתם": „ואתם פרו ורבו" (פ' נח), „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (יתרו), „ואתם הדבקים בד' א' חיים כלכם היום" (ואתחנן).

די מסורה איז אונז דערמיט מרמז, אַז די אידישע לעהרע איז אין געגענזאַץ צו דער לעהרע פון אַנדערע אמונות, וועלכע פרעדיגט נזירות, ענויים און סיגופים און וועלכע פערבאָט זאָגאַר די גייסטליכע צו הייראַ־טען. ניין! „ואתם פרו ורבו", איהר זאָלט פיהרען אַ נאָרמאַל און נאַטיר־

ליך מענשליך לעבען, דאָס שטערט לגמרי נישט צום „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש". דוקא אויף די אידישע גייסטליכע, אויף די כהנים, האָט די תורה מקפיד געווען, אַז זיי זאָלען נישט דערוועגען צו פייניגען זיך, אַז זיי טאָרען זיך אפילו נישט בעטייליגען אינם צער פון קובר זיין אַ מת, אַז זיי מוזען יעדען טאָג עסען פלייש פון די קרבנות און אַז דעם כהן־גדול דאַרף מען פערזאָרגען מיט עשירות און „גדלהו משל אחיו". די בעהעפטונג און די דערנעהנטערונג צו גאָט פיהרט נישט דורך גזירות, דורך פערפייניגען דעם קערפער, נאָר דורכ'ן וועג פון לעבען... „ואתם הדבקים בד' אלקיכם — חיים כלכם היום"!...

(ילקוט סופר)

ליראה אותי כל הימים אשר הם חיים על האדמה... (ד. י.)

„וטעם כל הימים אשר הם חיים על האדמה, כי השם ידע שלא יוכלו לעשות מצותיו כראוי והם בארצות המושלים בהם" (אבן עזרא).

מקיים צו זיין אַלע מצוות און צו דערגרייכען צו דער מדרגה פון „ליראה אותי" — דאָס איז נאָר מעגליך „על האדמה", אין ארץ־ישראל...

ובקשתם משם את ד' אלקיך ומצאת... (ד. כט.)

„ומצאת" — עס וועט געגוג זיין (פון לשון „הצאן ובקר ישחט להם ומצא להם"). דער בלויזער „ובקשת משם את ד' אלקיך", דאָס זוכען אומע־טום דעם בורא־עולם — דאָס אַליין איז שוין גענוג...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

השמרו לכם וכו' ועשיתם לך פסל תמונת כל אשר צוך ד' אלקיך.. (ד. כג.)

דו זאָלסט נישט מאַכען קיין „פסל תמונת כל" פונ'ם „אשר צוך ד' אלקיך", דו זאָלסט די מצוות נישט פערוואַנדלען, חלילה, אין אַ פערשטיי־נערט בילד, אין אַנ'עבודה־זרה...

(רבי וואָלף סטריקאָווער)

כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך... (ה. טז.)

„כאשר צוך—אף על כיבוד אב ואם נצטוו במרה" (רש"י)

אַנטקעגען וואָס איז אייגענטליך די נפקא-מינה, וואו די דאָזיגע מצוה איז געגעבען געוואָרען ?
נאָר געוועהנליך פרובט מען ערקלערען די מצוה פון כיבוד אַלס אַ נאַטירליכע, אַלגעמיין-מענשליכע פליכט, אַלס דאַנקבאַרקייט צו די עלטערן, וועלכע האָבען יאָהרען-לאַנג געזאָרגט פאַר איהם מיט אכילה ושתיה, הלבשה ולימוד, און ער דאַרף זיי דעריבער בעלויהנען פאַר זייער גוטס. באמת אָבער איז דאָס נישט אַזוי. דער זין און די בעגרינדונג פון דער דאָזיגער מצוה שטיצט זיך אַבסאָלוט נישט אויף מאַטעריעלע מאָטיוועו: אין כיבוד-אב ואם איז מען מחויב אפילו דאַן, ווען מען האָט פון די עלטערן קיין שום מאַטעריעלע נוצען נישט געהאַט. „כאשר צוך — במרה". דאָרט, אין מרה, איז געמאַכט געוואָרען די התחלה צו ערנעהרען און שפייזען די אידען בדרך-נס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען פון „ויורהו ד' עץ וישלך אל המים וימתקו המים", און תיכף דערנאָך — „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", און דאַן דער שליו און דער „שמלתך לא בלתה מעליך". די קינדער זענען מעהר נישט אָנגעוויזען געווען אויף די עלטערן, וועלכע האָבען פערשפאָרט פאַר זיי צו אַרבייטען, און דאָרט דוקא איז געגעבען געוואָרען די מצוה פון כיבוד אב ואם, צו ווייזען דערמיט, אַז די דאָזיגע מצוה איז לגמרי נישט אָבהענגיג דערפון, צי מען האָט געהאַט פון די עלטערן וועלכע עס איז מאַטעריעלען נוצען, אָדער נישט...

ואהבת וכו' בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך... (ו. ה.)

„ובכל מאודך—בכל ממונך" (רש"י)

אויב מען וויל וויסען און זיך איבערצייגען, צי מען האָט מען ווירק-ליך ליעב דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצען האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה, איז די פראַגע דערפון דער „בכל מאודך", בשעת עס קומט צום געבען געלד אויף אַ דבר-טוב און אויף דברים-שבצדקה. דאָס איז דער איינציגער, ריכטיגער סימן...

(ייטב לב)

„יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו וכו׳" (ברכות ס"א)
און דערויף ווערט צוגעגעבען אין תקוני זהר:
„ודא הוא נסיון דעתידין לאתנסאה בע׳ שנין דעלמא בתראי, דעני חשוב כמת וכאילו נטלין נפשיה" (אין די לעצטע זיעבציג יאָהרען פון גלות וועלען די אידען שווער געפּרובט ווערען מיט'ן נסיון פון אָרעמ־קייט)...

ושננתם לבניך.. (ו. ז.)

אין די ליטווישע ישיבות איז מען זיך נוהג צו לערנען שטעהענדיג, יעדער ישיבה־בחור האָט זיך זיין עמוד, ביי וועלכען ער שטעהט און לערנט. איינמאָל האָט אַ ישיבה־בחור בעמערקט, ווי זיין חבר אין דער ישיבה, רבי יאָשע דינאַבורגער, וועלכער האָט שוין דאַן גע'שמ'ט אלס ראָגאַטשאָווער עלוי, זיצט ביים לערנען. איז ער צוגעגאנגען און איהם אויפמערקזאם גע־מאַכט, הלמאי ער איז זיך נישט נוהג, ווי אלע, צו לערנען בעמידה.

האָט איהם רבי יאָשע דערויף אָנגעוויזען, אז עס איז א בפירוש'ער מדרש־רבה: „כתוב אחד אומר ואשב בהר ארבעים יום וכתוב אחד אומר אנכי עומד בהר? — עומד ולומד יושב ושונה", אז לערנען בעמידה דארף מען נאָר דאָס ערשטע מאָל, דאגעגען איבער'חזר'ן דאָס וואָס מען האָט שוין איינמאָל געלערנט מעג מען אויך זיצענדיג, און היות ער האָט שוין ב"ה אויסגעלערנט גאנץ ש"ס ופוסקים און איצט חזר'ט ער בלויז, מעג ער שוין זיצען ביים לערנען.

— אויף אלעם האט ער א מאמר חז"ל — בעמערקט יענער מיט תרעומות.

— נו, אויב דו ווילסט נישט קיין מאמר חז"ל — מאכט צו איהם רבי יאָשע — איז דאָ דערויף א בפירוש'ער פסוק. עס שטעהט בפירוש: „ושננתם לבניך" — בשעת דו וועסט איבער'חזר'ן דאס לערנען, דאן — „ודברת בם בשבתך", מעגסטו עס טהון זיצענדיג...

וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך... (ו. ט.)

אין מס׳ ערכין, אין די פסקי תוספות סי׳ ז׳, ווערט געזאגט: „עיר שיש בה חזרים פטורה ממזוזה כשמגולין האותיות".

וואו איז דער מקור פונ׳ם דאזיגען מערקווירדיגען מאמר?

אין סמ״ג (עשין, עשה כ״ב) ווערט אנגעוויזען, אז דער דאזיגער מאמר זאל זיך געפינען אין ירושלמי, דאגעגען ערקלערט דער רשב״א, אז עס איז נישטא אזא מאמר, נישט אין ירושלמי, נישט אין בבלי...

לא תנסו את ד׳ אלקיכם... (ו. טז.)

בשעת דער מחבר פון „בנין אריאל״, רבי שאול, איז אויפגענומען געווארען אלס רב אין אמסטערדאם, האט ער געהאלטען גאר א וואונדערליכע דרשה, וועלכע האט ביי אלעמען שטארק אויסגענומען. נאך דער דרשה זענען צוגעגאנגען צום רב אייניגע פון די ארטיגע לומדים, פונ׳ם בעקאנטען טיפ איפכא מסתברא׳ניקעס, און זאגען צו איהם, אז הגם די דאזיגע דרשה איז געווען אויסגעצייכענט, קאן מען אבער דערפון נישט וויסען, ווי ווייט עס דערגרייכט ווירקליך זיין לומדות, מחמת צו דער ערשטער דרשה האט ער זיך דאך אודאי א לאנגע צייט פריהער צוגעגרייט. זיי וואלטען, אלזא, וועלען ער זאל האלטען צומארגענס נאך א דרשה אויף א סוגיא אין ש״ס, וואס זיי וועלען פאר איהם אויסקלויבען, און ערשט דאן וועלען זיי זיך איבערצייגען, ווי גרויס עס איז באמת זיין כח אין פלפול.

רופט זיך אן צו זיי רבי שאול: די גמרא זאגט, אז שמעון העמסוני האט געדרשנ׳ט אלע „אתין שבתורה״, אבער ווען ער איז צוגעקומען צום „את ד׳ א׳ תירא״ האט ער זיך צוריקגעצויגען, ביז עס איז געקומען רבי עקיבא און געדרשנ׳ט: „את ד׳ א׳ תירא — לרבות תלמידי חכמים״. איז דאך אין פלוג קשה: פארוואס האט שמעון עמסוני נישט געקענט דרשנ׳ען דעם זעלבען דרש, וואס רבי עקיבא? נאר דער תירוץ איז: שמעון העמסוני איז נאך דעמאלס נישט געווען קיין רבי, ווארום ווען ער וואלט געווען א רבי, א מוסמך, וואלט מען דאך איהם גערופען נישט סתם „שמעון״, נאר „רבי שמעון״, און דעריבער האט ער נישט געקענט דרשנען דעם דאזיגען דרש, ווארום ווען ער וואלט געדרשנ׳ט: „את ד׳ א׳ תירא לרבות תלמידי חכמים״, וואלט ער דאך דעם זעלבען דרש געמוזט אויך אנווענדען אויפ׳ן פסוק: „לא תנסו את ד׳ אלקיכם — לרבות תלמידי חכמים״, אז נישט נור דעם אויבערשטען, נאר אויך א תלמיד חכם טאר מען נישט פרובען, און מען וואלט איהם דאן חושד געווען אז „לכבוד עצמו הוא דורש״, אז ער האט מורא, אז בעת ער וועט וועלען בעקומען סמיכה און אויפגענומען

ווערען אַלס רב, זאל מען איהם נישט פערהערען און נישט פּרובען מיט קיין דרשה... רבי עקיבא דאַגעגען האט זיך יא געקענט ערלויבען צו דרשנ׳ען דעם דאזיגען דרש, מחמת ער איז שוין דאַן געווען אַ מוסמך און נישט געהאט וואס מורא צו האָבען.

אויך איך — האט רבי שאול פערענדיגט מיט הקפדה — בין ב״ה שוין אנ׳אלטער מוסמך פון גרעסערע לומדים און גרעסערע פּרובערס ווי איהר, און — „לא תנסו״ !...

וצדקה תהיה לנו כי נשמור לעשות את כל המצוה הזאת... (ו. כה.)

דאָס האָט אַמאָל רבי אלי׳ חיים מייזעל געזאָגט צו איינעם אַ בע־ריהמטען לאָדזער גביר, וועלכער האָט אויף דער קאָנטאָ, וואָס ער איז אַ גרויסער בעל־צדקה, זיך ערלויבט צו זיין אַ מזלזל במצוות.

— צדקה — מאַכט צו איהם רבי אלי׳ חיים — איז טאַקי אַ גרויסע זאַך, אָבער צדקה אַליין, אָהן די איבריגע מצוות מעשיו., איז׳ גאָרנישט. „וצדקה תהיה לנו — די צדקה האָט נאָר דעמאָלט אַ ווערט — כי נשמור לעשות את כל המצוה הזאת״...

עקב

ושמרתם ועשיתם אותם וכו׳ ואהבך וברכך... (ז. יב. יג.)

די אזהרה צו טהון די מצוות ווערט געזאגט בלשון רבים: „ושמרתם ועשיתם", דאַגעגען די הבטחה וועגען דעם שכר פון די מצוות איז שוין געווענדעט בלשון יחיד: „ואהבך וברכך וכו׳", דען אַלע קענען גלייך טהון די זעלבע מצוה, אָבער נישט אַלע זענען זי גלייך מקיים אויפ׳ן זעלבען אופן, מיט׳ן זעלבען רצון, חשק, התלהבות און עהרליכע, ריינע כוונות, און נישט יעדער פערדיענט דעריבער דעם זעלבען שכר. דער חשבון פאַר מקיים זיין די מצוה מוז געמאַכט ווערען מיט יעדען יחיד בעזונדער...

(כלי חמדה)

כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם... (ה. ג.)

עס שטעה׳ט נישט „בלחם לבדו", נאר „על הלחם לבדו", און דער זין איז: „כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם", נישט אויפ׳ן בלויזען ברויט לעבט דער מענש, נישט דאָס איז דער צוועק און תכלית פון זיין לעבען. ער עסט, בכדי ער זאל קענען לעבען, אבער ער לעבט נישט, בכדי ער זאל קענען עסען...

(יסודי העיקרים)

און דאס איז אויך דער זין פון מאמר: „בבלאי טפשאי דאכלי לחמא בלחמא" (נדרים מ״ט). דער דורכשניטליכער נאַרישער מענש עסט, כדי ער זאל האבען כח צו אַרבייטען און ער אַרבייט, כדי ער זאל האבען צו עסען, ער עסט אַלזא ברויט צוליעב ברויט, דער תכלית פון

איין שטיק ברויט איז — ער זאל קענען אַרבייטען און זיך פערדיענע אויף נאך אַ שטיק ברויט...

ואשים את הלוחות בארון וכו׳ שם מת אהרן... (י. ח. ו.)

„וסמך משה תוכחה זו לשבירת הלוחות, לומר שקשה מיתתן של צדיקים לפני הקב״ה כיום שנשתברו בו הלוחות״ (רש״י)

אינ׳ם הספר, וואס רבי נפתלי ראפשיצער האט געהאַלטען נאך דער פטירה פונ׳ם רבי׳ן פון לובלין, האט ער געזאגט:

די חז״ל זאגען אונז, אַז „קשה מיתתן של צדיקים לפני הקב״ה כיום שנשתברו בו הלוחות״. איז אין פלוג, וואָס פאַר אַ שייכות האבען צווישען זיך די צוויי זאַכען? נאר בשעת אַ צדיק געהט אַוועק פון דער וועלט איז מען געוועהנליך זיך נוהג צו טרייסטען, אַז „וזרח השמש ובא השמש״, אַז עס וועט קומען אַ צווייטער צדיק אויף זיין אָרט. זאגען אונז דעריבער די חז״ל, אַז מיתת צדיקים איז געגליכען צו שבירת הלוחות. אויף נאָך די ערשטע לוחות, וואס משה רבינו האט צובראָכען, האבען מיר אוינ זייער אָרט אַנדערע לוחות בעקומען, און דאך זענען די לוחות אחרונות ביי וועלכע עס איז געוועזען בלויז „והמכתב מכתב אלקים״, פאַרט נישט געוועזען די זעלבע, וואס די לוחות הראשונות (ביי וועלכע נישט-נאר דער מכתב, נאר אויך די לוחות זענען געוועזען מעשה-אלקים)...

ועתה ישראל מה ד׳ אלקיך שואל מעמך... (י. יב.)

צוויי מאל געפינען מיר דעם אויסדרוק „ועתה ישראל״: דא, און — „ועתה ישראל שמע אל החוקים״ (דברים ד׳, א׳).

דאס איז אַנטקעגען די, וואס פרעדיגען, אַז עס איז פאַלקאָם גענוג צו דינען דעם אויבערשטען מיט׳ן האַרצען, מיט אַהבה און יראה, מיט גוטע מדות, דאַגעגען זענען אבער כלל נישט נויטיג די דאגמעס, די מצוות מעשיות. ווערט דעריבער צוויי מאל אנגעזאָגט „ועתה ישראל״: „ועתה ישראל מה ד׳ א׳ שואל מעמך כי אם ליראה וכו׳ ולאהבה אותו״, אבער דערמיט אַליין איז מען נאכנישט יוצא, דערצו דאַרף אויך זיין: „ועתה ישראל שמע אל החוקים ואל המשפטים אשר אנכי מלמד אתכם

לעשות", מקיים זיין בוכשטעבליך אלע מצוות, אלע געשריבענע חוקים ומשפטים פון דער תורה!...

(דמשק אליעזר)

„כרו לי זדים שיחות אשר לא כתורתך, כל מצותיך אמונה" (תהלים קי"ט).
די זדים אין כופ־ים האבען זיך געפרובט אונטערגראבען אונטער מיר מיט מיינונגען, וואס זענען געגען דער תורה, ועלענדיג מיר איינרעדען, אז „כל מצותיך אמונה", אז דאס איינציגע, וואס עס ווערט פערלאנגט פון אלע מצוות איז בלויז דער גלויבען, די אמונה שבלב, דאגעגען דאס מקיים זיין די מצוות זעלבסט, איז כלל נישט נויטיג...

(בעל העקרים)

„כל הקובע עתים לתורה, הרי זה מפיר תורה" (ירושלמי ברכות פ"ט).
דער וואס זאגט, אז עס זענען פאראן צייטען פאר דער תורה, אז מען דארף די תורה און מצוות צופאסען און רעפארמירען לויט'ן גייסט פון דער צייט, דער איז א מהרס און א צושטערער פון דער תורה...

(כתב סופר)

כי אם ליראה אותו... (י. יב.)

„אטו יראת־שמים מילתא זוטרתא היא? — אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא" (ברכות ל"ג).
פארוואס האט עס אויסגעזעהען ביי משה רבינו, ווי א מילתא זוטרתא?
האט געזאגט דערויף רבי לוי יצחק בערדיטשעווער:
אין פסוק ווערט געזאגט: „ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים", אז אלס שכר פאר זייער יראת־שמים האבען זיי זוכה געווען צו האבען גוטע קינדער, צו „בתי כהונה ולויה ומלכות". וכידוע איז אויך יוכבד, משה'ס מוטער, געווען פון די מילדות, ווי די חז"ל זאגען: „שפרה זו יוכבד, פועה זו מרים". משה רבינו דער עניו מכל האדם, וועלכער האט זיך געהאלטען נידריגער און נישטיגער פון אלעמען, האט דערפון, אלזא, געדרונגען, אז יראת־שמים איז נישט אזא גרויסע און

שווערע זאַך און דערפאַר איז אויך דער שכר, וואס מען בעקומט דערפאַר, א גאנץ קליינער, וואָרום ווען אנדערש — האָט ער זיך געטראכט — וואלט דאך זיין מאמע זוכה געווען צו האָבען א בעטערען זוהן, ווי ער איז...

דעריבער האָט עס ביי משה'ן אויסגעזעהן, ווי אַ מילתא זוטרתא. דען אין פסוק ווערט דערצעהלט, אַז די אידען זענען געווען דורכגעדרונגען מיט יראה פאַר משה רבינו: „והנה קרן עור פניו וייראו מגשת אליו" (שמות לד. ל) האָט דעריבער משה, דער עניו מכל האדם, געטראַכט: מה־דאַך פאַר איהם, וועלכער איז דאָך אייגענטליך גאָרנישט, האָבען זיי יראה, איז דאָך אַ כל שכן, אַז זיי האבען יראת שמים, אז פאר'ן רבונו של עולם האבען זיי אודאי און אודאי מורא...

(רבי מרדכי באַנעט)

„אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא". אין משה'ס צייטען, אין דור המדבר, ווען מען איז געווען פערזאָרגט מיט מן און מען האָט נישט גע-האָט קיין דאגות פרנסה, איז געווען לייכט צו זיין אַ ירא־שמים...

(שער בת רבים)

„הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים שנאמר ועתה ישראל מה ד' א' שואל מעמך כי אם ליראה" (ברכות ל).

אַלע מצוות, בכדי צו קענען זיי מקיים זיין, מוז מען אָנקומען צום רבונו של עולם. מען קאָן נישט, למשל, מקיים זיין די מצוה פון ציצית, אויב מען האָט נישט קיין מלבוש, די מצוה פון מזוזה — אויב מען האָט נישט קיין שטוב א. א. וו. זאָל איינער זיצען אין תפיסה, איז ער דאָן נישט ביכולת מקיים צו זיין קיין שום מצוה. אָנ'אויסנאָהם איז בלויז יראת שמים, דערצו דאַרף מען ניט אָנקומען צום רבונו של עולם, דאָס קאָן מען מקיים זיין ביי אַלע בעדינגונגען, דערצו איז קיין זאַך נישט נויטיג...

(רבי ברוך פרידענבערג)

את ד' אלקיך תירא... (י. כ.)

„שמעון העמסוני וכו' הי' דורש כל אתין שבתורה, כיון שהגיע לאת ד' אלקיך תירא פירש וכו' עד שבא רבי עקיבא ודרש את ד' א' תירא לרבות תלמידי חכמים" (ב"ק מ"א)

פאַרוואָס האָט רבי עקיבא יא געדרשנ'ט דעם דאָזיגען דרש און רבי שמעון נישט?

נאָר פאַר רבי שמעון, וועלכער איז פון קינדוויז אָן ערצויגען געוואָרען אַלס תלמיד-חכם, אין אַ סביבה פון תלמידי חכמים, איז עס געווען אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך, אַז מען דאַרף דרך-ארץ האָבען פאַר אַ תלמיד-חכם און דעריבער האָט ער נישט געדרשנ'ט „את לרבות תלמידי חכמים", דען עס האָט איהם גאַרנישט געקענט איינפאַלען, אַז עס זאָל דערצו נויטיג זיין אַ בעזונדערער דרש. דאַגעגען רבי עקיבא, וועלכער איז אַליין פריהער געווען אַן עם-הארץ, וועלכער האָט זיך זאָגאַר אויסגעדריקט: „כשהייתי עם הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד-חכם ואנשכנו כחמור" (פסחים מ"ט), האָט דעריבער געהאַלטען, אַז ס'איז יאָ נויטיג אַ ספעציעלער דרש: „את לרבות תלמידי חכמים", וואָרום ער האָט דאָך יאָ געוואוסט, וואָס פאַר אַ פנים דער תלמיד-חכם האָט ביים המון...

(תפארת יהונתן)

ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם... (יא. יג.)

דער חדושי הרי"ם האָט אַמאָל שאַרף אויסגעמוסר'ט איינעם פון זיינע חסידים, אַ וואַרשאָווער כלי-טהוער, וועלכען מען האָט בעשולדיגט, אַז ער איז נישט אין אָרדנונג מיט קהל'יש געלד.

— רוצח! — האָט ער געשריען אויף איהם — מערדער!

— רבי — האָבען איהם שפעטער די מקורבים איבערגעפרעגט — פאַרוואָס האָט איהר איהם גערופען רוצח, ער ווערט דאָך בעשולדיגט בלוי אין גנבה, נישט אין רציחה?

האָט זיי דער חדושי-הרי"ם דערויף געענטפערט: אין דער ערשטער פרשה פון קריאת-שמע שטעהט „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", און דערויף ווערט געדרשנ'ט: „ובכל מאודך — בכל ממונך". דאַגעגען אין דער צווייטער פרשה, אין פרשת עקב, ווערט געזאָגט בלויז „ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם". פאַרוואָס ווערט אויך דאָ נישט צוגעגעבען „ובכל מאודכם"? נאָר דאָ רעדט מען צום רבים און רבים-געלד איז שוין אין

כלל פון „ובכל נפשכם״, ווייל דאָס געלד וואָס ווערט געזאַמעלט פון רבים, געהט אויף צדקה, אויף פקוח־נפש, צו שטיצען דעם הונגעריגען אָרימאַן, די אלמנות און יתומים, און גזל־הרבים איז דעריבער אַזוי גוט, ווי רציחה...

ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך... (יא׳ יט)

איהר זאָלט לערנען אייערע קינדער צו פיהרען זיך בדרך־התורה, נישט בלויז „בשבתך בביתך״, בשעת זיי זיצען ביי דיר אין הויז און זיי טהוען עס דיר דאַן צוליב, ווייל זיי שעמען זיך פאַר דיר, חייל זיי ווילען דיך נישט מצער זיין, נאָר אויך „ובלכתך בדרך״. דו זאָלסט זיך בעמיהען איינצופלאַנצען אין זיי דאָס אידישקייט, אַז דו זאָלסט קענען מיט זיי זיכער זיין, אַז זיי וועלען בלייבען אידען אויך דאַן, ווען דו וועסט מעהר נישט זיין צווישען זיי, ווען דו וועסט געהען בדרך כל הארץ...

(חתם סופר)

אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה... (הפטרה)

דעריבער–האָט אַמאָל געזאָגט איינער פון די גדולים – חערט רבינו גרשון אָנגערופען „מאור הגולה״, ווייל מיט זיינע תקנות וואָס ער האָט מתקן געווען, אַז מען טאָר נישט נעהמען קיין צוויי ווייבער און מען טאָר קיין פרוי נישט גט׳ן בעל־כרחה, האָט ער בעוויכטען פאַר אונז דעם גלות און געשטאַרקט אין אונז די האָפנונג, אַז מיר וועלען סוף־כל־סוף פונ׳ם גלות אויסגעלייזט ווערען, אַז סוף כל סוף וועט דער רבונו של עולם זיך מוזען איבערבעטען מיט אונז, מחמת כל זמן מיר ווילען זיך נישט שיידען פון איהם, טאָר ער זיך נישט פערבינדען מיט קיין אַנדער פאָלק און ער קאָן אונז נישט גט׳ן בעל־כרחנו...

ראה

כי אם אל המקום אשר יבחר וכו׳ מכל שבטיכם.. (יב ה.)

גאנץ ארץ-ישראל איז פערטיילט געווארען צווישען די שבטים מיט׳ן אויסנאהם פון ירושלים. „ירושלים לא נתחלקה לשבטים״. און דאס, אליזא, ווערט געמיינט: „אל המקום אשר יבחר וכו׳ מכל שבטיכם״, דאס דאזיגע ארט וואס השי״ת וועט אויסוועהלען „לשום את שמו שם״, זאל נישט זיין דאס אייגענטום פון אנ׳איינצעלנעם שבט, נאר - „מכל שבטיכם״, צו אלע שבטים זאל עס געהערען, אלע זאלען דערין זיין בעטייליגט...

(בינה במקרא)

ושמחתם וכו׳ אתם ובניכם וכו׳ והלוי אשר בשעריכם כי אין לו חלק ונחלה אתכם.. (יב. יב.)

איהר, ישראלים, זאלט זיך פרעהען, וואס איהר האט זוכה געווען צו געניסען די פרוכטען פון דער אייגענער נחלה, דאגעגען דער לוי זאל, פערקעהרט, זיך פרעהען דערמיט, וואס „כי אין לו חלק ונחלה אתכם״, וואס ער איז פטור צו ארבייטען און צו בעשעפטיגען זיך מיט נחלאות און מיט די אלע דאגות און קלאפאטען, וואס זענען פערבינדען דערמיט...

(דובנער מגיד)

כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום ונתן אליך אות או מופת. (יג ב)

אין די זמירות למוצאי שבת — פלעגט זאגען דער רבי ר׳ בונם —

זאָגען מיר: „איש סחו אחריו ד׳ הוא האלקים״. אַנשטאָט אָוועקצושטעלען זיך און צו דערצעהלען די וואונדער, וואָס זיי האָבען געזעהן, די מופתים, וואָס אליהו האָט זיי געוויזען, האָט דער עולם בלויז אויסגעשריען: „ד׳ הוא האלקים!״ היינט אָבער זיצט מען רק און מען דערצעהלט די רבי׳שע מופתים, אינ׳ם „ד׳ הוא האלקים״ אָבער, דאָס פערגעסט מען...

„מיום שחרב בית המקדש ניטלה נבואה מן הנביאים וניתנה לשוטים״ (ב״ב י״ב).

איז עס דאָך אין פלוג קשה: היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אַז די נבואה זאָל אַוועקגעגעבען ווערען די שוטים, די חז״ל זאָגען דאָך בפירוש: „אין הקב״ה משרה שכינתו אלא על חכם גבור ועשיר״?

נאר די כוונה איז — האט דערויף געענטפערט רבי מרדכי לעכעווי־טשער — זינט דאס בית המקדש איז חרוב געווארען, ווייסט יעדער בעל־דעת, אז עס איז „ניטלה נבואה מן הנביאים״, אַז די נבואה איז פון דאַ־מאלס אן פון אונז צוגענומען געווארען, בלויז די שוטים טראגען זיך אַרום דערמיט און זיי האַלטען אין איין אבקלאַפּען די טהירען פון די רביים און אדמו״רים, פון וועלכע זיי פערלאַנגען, זיי זאלען זיין טרעפערס און נבואה־זאגערס...

חסידים האבען אַמאל געבעטען ביי איינעם פון חפץ־חיים׳ס נאהנטע מקורבים, ער זאל זיי דערצעהלען עפּעס א מופת פון זיין רבי׳ן.

— די מופתים פון מיין רבי׳ן — האט זיי דערויף יענער געענטפערט — זענען גאַנץ אַנדערע, ווי די מופתים, וואס איהר דערצעהלט פון אייער רבי׳ן. איהר דערצעהלט מופתים, ווי אַזוי דער רבונו של עולם איז ממלא אייער רבינ׳ס רצון און מיר דערצעהלען מופתים. ווי אַזוי אונזער רבי, דער חפץ חיים, איז ממלא דעם רצון פון רבונו של עולם...

דער גרעסטער מופת — פלעגט זאגען רבי אשר סטאלינער — איז צו זיין אַ פשוט׳ער עהרליכער איד...

דער נודע-ביהודה, ווי בעקאַנט, האָט נישט געהאַלטען פון קיין קמיעות. איינמאָל איז מען געקומען אַריינצולויפען צו איהם מיט אַ געוואַלד, ער זאָל רחמנות האָבען אויף אַ חולה מסוכן, פאַר וועלכען עס איז מעהר קיין שום רפואה נישטאָ און דאָס איינציגע, וואָס עס קאָן איהם ראטעווען, איז נאָר אַ קמיע. דערזעהענדיג זייער פערצווייפלונג האָט דער „נודע ביהודה" זיך אַ ווײַלע מיישב געווען און דאַן איז ער אַוועק אין אַ צווייטען חדר, גענומען אַ לעדיג שטיקעל פאַרמעט, איינגעוויקעלט עס אין אַ פאַפיר, פערחתמ'עט מיט זיין חתימה און געזאָגט: די דאָזיגע קמיע זאָל דער חולה טראָגען אויפ'ן האַלז דרייסיג טעג, נאָך די דרייסיג טעג זאָל מען די קמיע עפענען און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די אותיות זענען אינגאַנצען אָבגעמעקט, עס איז נישט געבליבען פון זיי קיין זכר, און דער פאַרמעט איז לעדיג, איז אַ סימן אַז דער חולה וועט געזונד ווערען.

האָט מען אַזוי געטהון און בעת מען האָט אין דרייסיג טעג אַרום געעפענט די קמיע און דערזעהן, אַז דער פאַרמעט איז לעדיג, איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה און פון גרויס שמחה האָט דער חולה בעקומען אַ רפואה שלמה...

וועגען אַ צווייטער קמיע ווערט דערצעהלט, אַז דער „נודע ביהודה" זאָל האָבען דערויף אויפגעשריבען די אותיות „פיל"ד", און אַז מען האָט איהם שפעטער, בעת דער חולה איז שוין געהאַט געזונד געוואָרען, געפרעגט, וואָס עס בעדייטען די דאָזיגע געהיימניספולע אותיות, זאָל ער האָבען געענטפערט, אַז דאָס מאַכט: „פתי יאמין לכל דבר"...

ובערת הרע מקרבך... (יב. ו.)

איינער פון די בודאַפעשטער בעקאַנטע אפיקורסים האָט זיך אַמאָל געצווערטעלט פאַר'ן חתם-סופר און זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט שוין עובר געווען אויף כל העבירות שבתורה, בלויז איין עבירה האָט ער דורכגעלאָזט — די עבירה פון צו זיין אַ „מאבד עצמו לדעת".

האָט איהם דער חתם-סופר דערויף געענטפערט, אַז די דאָזיגע עבירה קאָן ער נישט מקיים זיין, ווייל דערמיט וואָלט ער בעגאַנגען נישט קיין עבירה, נאָר אַ מצוה — „ובערת הרע מקרבך"...

(לב העברי)

לא ידבק בידך מאומה מן החרם... (יג. יח.)

נאך יעדע מלחמה בלייבען איבער ביי די מענשען אויף א לענגערע צייט די שפורען פון פערווילדונג און אכזריות, צו וועלכע זיי האבען זיך צוגעוועהנט אין דער מלחמה-צייט. די תורה געפינט דעריבער פאר נויטיג צו ווארענען: „ולא ידבק בידך מאומה מן החרם”, עס זאל זיך ביי דיר גארנישט צוקלעבען פונ'ם חרם און אכזריות, וואס עס איז געווען נויטיג ארויסצוווייזען ביי'ם אויספיהרען דעם אורטייל איבער דער עיר הנדחת. דו זאלסט די אלע איבערגעלאזענע שפורען תיכף אויסראטען פון דיר!...

(אמרי חן)

אין דער מכילתא אויף דער היינטיגער סדרה געפינען מיר א מערק-ווירדיגע, אין פלוג אונפערשטענדליכע שטעלע, און נעמליך:

„עיר הנדחת עושין מהן גגות ופרדסים, אבא חנן אומר אין עושין מהן גגות ופרדסים שנאמר לא יומתו אבות על בנים — בעדות בנים הכתוב מדבר”.

וואס איז דא דער פשט?

האט געזאגט דערויף דער רבי ר' יונתן:

אויפ'ן דרש אין דער גמרא: „לא יומתו אבות על בנים — בעדות בנים” (סנהדרין כ"ו), פרעגט דער רשב"א: צוליעב וואס איז דערויף נויטיג א בעזונדערער דרש, עס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז א זוהן דארף זיין פסול לעדות שוין בלויז דערפאר, וואס ער איז א נוגע, זייענ-דיג פעראינטערעסירט אין דער ירושה? און דערויף ענטפערט דער רשב"א אז דער דאזיגער דרש איז נויטיג אין פאל, ווען דער זוהן קומט זאגען עדות אויפ'ן פאטער, אז ער געהער צו א עיר-הנדחת, הגם דא קען מען דאך איהם נישט חושד זיין, אז ער איז דערביי אויסען צו נעהמען ירושה, ווארום אין אנ'עיר הנדחת ווערט דאך אלץ פערברענט און מען טאר פון איהר נישט נהנה זיין, דאך איז ער נישט בעגלויבט.

און דאס, אלזא, איז רבי חנן אויסען מיט זיין בעמערקונג: „אין עושין מהן גגות ופרדסים”, א ראיה דערצו איז: „שנאמר לא יומתו אבות על בנים, בעדות בנים הכתוב מדבר”, און ווען כ'זאל זאגען, אז מען מעג נהנה זיין פון א עיר-הנדחת און מאכען פון איהר גגות ופרדסים, וואלט דאך דאן נישט נויטיג געווען קיין בעזונדערער פסוק אויף צו פסל'ען עדות-בנים, אפילו ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט ביי עדות-בנים וועגען עיר-

הנדחת, עס וואלט דאך זעלבסטצערשטענדליך געווען, אז א זוהן איז פסול לעדות צוליעב'ן חשד, אז ער איז נוגע בדבר, אז ער איז אינטערעסירט אין דער ירושה, אין די גנות ופרדסים...

ונתן לך רחמים וְרִחַמְךָ... (יג. יח.)

רבי נפתלי ראפשיצער האט אמאל אין א שמועס מיט זיינע חסידים געזאגט:

איידער זיין נשמה האט אראבגענידערט אויף דער וועלט האט מען איהם אריינגעפיהרט אין א גרויסען היכל און דארט האט ער דערזעהען: אויף א טאוועל אויף איין וואנד איז אויפגעשריבען, אז דער מענש זאל זיך בעמיהען אויף דער וועלט צו זיין א בעל-רחמים, ווארום „כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים שנאמר ונתן לך רחמים ורחמך" (ספרי פ' ראה) און „ויכבד אשתו ובניו יותר ממה שיש לו, שהם תלויים בו" (חולין פ"ד), דאגעגען אויף א טאוועל אויף דער אנטקעגענאיבערדיגער וואנד איז אנגעשריבען: „שחורות כעורב, במי אתה מוצא דברי תורה, במי שמשים עצמו אכזרי על בניו ועל בני ביתו כעורב". (עירובין כ"ב).

אויף איין וואנד שטעהט: „לעולם יהא אדם ענוותן כהלל" (שבת ל') און „איזהו בן עולם-הבא ענוותן ושפל ברך" (סנהדרין פ"ח), און אויף דער צווייטער וואנד: — „צורבא מדרבנן דרתח אורייתא הוא דקא מרתחא ליה שנאמר הלא כה דברי כאש" (תענית ד')

אויף איין וואנד: „תמים תהי' עם ד' אלקיך", און אויף דער צווייטער וואנד: „לעולם יהא אדם ערום ביראה" (ברכות י"ז).

אויף איין וואנד: — „מלח ממון חסר" (כתובות ס"ו), און אויף דער וואנד: „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" (כתובות נ').

אויף איין וואנד: „הסתפק במועט כר' חנינא בן דוסא שהי' די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת" (תענית כ"ב) און אויף דער צווייטער וואנד: — „המצער את עצמו מן היין נקרא חוטא" (תענית י"א), און אזוי כסדר, פערשיעדענע סתירות, פון איין זייט אזוי און פון דער צווייטער זייט דער היפוך.

— א פערוואונדערטער — דערצעהלט ווייטער דער ראפשיצער — שטעה איך און טראכט, ווי אזוי מען איז יוצא פארביידע זייטען, און זייענדיג אזוי פערטיפט אין די מחשבות דערהער איך פלוצים קולות: מזל-טוב! מזל-טוב! א יונגעל! כ'געפין מיך שוין אויף אונזער וועלטעל... און

אַט מאַטער איך מיך אַ גאַנצען לעבען מיט'ן דאָזיגען שווערען שטיקעל אַר־בייט, ווי אַזוי צו געפינען אַ פשרה־וועג און אַן'אויסגלייך צווישען די אַלע סתירות...

(דור דעה)

כי פתוח תפתח את ידך לו וכו׳ די מחסורו אשר יחסר לו... (טו. ח.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „די מחסורו אשר יחסר לו — זו אשה, וכן הוא אומר אעשה לו עזר כנגדו״ (כתובות ס״ז).

פונוואַנען דרינגען דאָס די חז״ל?

ווייל אין פלוג — ווערט געזאָגט דערויף אין „לחמי תודה״ בדרך־הלצה — איז דאָך שווער דער אויסדרוק פון פסוק: „די מחסורו אשר יחסר לו״, ווי אַזוי איז עס מעגליך צו ערפילען דעם מקבל זיין פולען פערלאַנג, די מחסורו, מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „מי שיש לו מנה רוצה מאתים״? און דעריבער ערקלערען די חז״ל, אַז דאָס איז נאָר מעגליך ביים געבען איהם אַ ווייב, דאָס וועט ער שוין זיכער נישט וועלען מעהר...

די מחסורו אשר יחסר לו...

צדקה — פלעגט זאָגען דער כתב־סופר — איז געמאַכט געוואָרען, כדי צו פערפולען דעם חסרון פון אָרימאַן, „די מחסורו אשר יחסר לו״, נישט דעם חסרון פון עושר, נישט בכדי דער עושר זאָל דאַדורך רייכער ווערען מיט נאָך אַ מצוה, אָדער בכדי צו קענען האָבען דאַדורך נאָך אַביסעל כבוד...

„האומר סלע זו בשביל שיחיה בני, הרי זה צדיק גמור״ (פסחים ח׳)

אויב ער גיט צדקה, כדי זיין קינד זאָל אין דעם זכות געזונד ווערען, מיינט ער דאָך נישט צו העלפען דעם אָרימאַן, נאָר ער מיינט זיך, זיין אייגענע נוצען, טאָ מיט וואָס איז ער דערמיט אַ צדיק גמור?

נאָר דאָ רעדט זיך וועגען אַזעלכען, וואָס באמת איז ביי איהם קיינער נישט קראַנק, נאָר אַזוי ווי ער וויל דעם מקבל נישט מבייש זיין, נאָרט ער

איהם בכיוון אַב, זאָגענדיג, אַז זיין זוהן איז מכלומרשט קראַנק און ער בעט איהם דעריבער, ער זאָל פון איהם נעהמען די דאָזיגע מתנה, דעם סלע, מחמת ער איז איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ סגולה, זיין זוהן זאָל געזונד ווערען, און אין אַזאַ פאַל איז נישט־נאָר, וואָס דער מקבל שעהמט זיך נישט צו נעהמען, נאָר פערקעהרט, ער איז זיכער, אַז נישט דער נותן טהוט איהם אַ טובה, נאָר ער טהוט דערמיט אַ טובה דעם נותן... אָט דאָס איז די שענסטע און איידעלסטע פאָרם פון צדקה, די סאַמע העכסטע מדרגה פון אַנ'אמת'ן צדיק גמור.

און דאָס איז אויך דער פשט: „אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ד׳" (תהלים מא. ב.). וואויל איז, הייסט עס, דעם, וועלכער גיט צדקה מיט'ן שכל, מיט פערשטאַנד, דהיינו, ער זאָגט בשעת מעשה צום אָרימאַן: „ביום רעה ימלטהו ד׳", אַז ער געפינט זיך נעביך אין אַ יום־רעה און ער האָפט, אַז אינ'ם זכות, וואָס יענער וועט איהם טהון די טובה און ביי איהם צונעהמען די צדקה, וועט ער געהאָלפען ווערען..

(רבי מרדכי באנעט)

„כל המעלים עין מן הצדקה כאילו עובד עבודה זרה" (כתובות ס"ח)

פאַרוואָס עפּעס כאילו עובד עבודה זרה?

נאָר „ענוית — זאָגען די חז"ל — מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו". אויב מען גיט נישט קיין צדקה איז מען דערמיט גורם, אַז דער אָרימאַן זאָל אַראָבגעפיהרט ווערען פונ'ם דרך־הישר, פון דעת־קונו, און אַז מען מאַכט יענעם זינדיגען איז גלייך, ווי מען וואָלט אַליין דעם דאָזיגען חטא בעגאַנגען, און דעריבער איז — „כאילו עובד עבודה זרה"...

(רבי חיים צאנזער)

וכל בניך למודי ד׳ ורב שלום בניך... (הפטורה)

דער חורבן ראשון איז געשעהן צוליעב'ן נישט מקיים זיין די תורה, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „על מה אבדה הארץ וכו׳ על עוזבם את תורתי" (ירמי׳ ט.), און דער חורבן שני — ווי עס ערקלערען די חז"ל — צוליעב שנאת־חנם.

דער נביא פערזיכערט אונז, אַלזאָ, אַז לעתיד, בעת די גאולה וועט קומען, וועלעןביידע סיבות, וועלכע האָבען אַמאָל גורם געווען צום חורבן בעזייטיגט ווערען: עס וועט זיין וכל „בניך למודי ד׳״, אלע וועלען לערנען און מקיים זיין די תורה און „ורב שלום בניך״. עס וועט נישט הערשען מעהר קיין שנאה און מען וועט לעבען צווישען זיך בשלום...

(אפיקי יהודה)

שׁוֹפְטִים

לא תטה משפט, לא תכיר פנים... (טז. יט.)

בשעת ר׳ חיים איז אויפגענומען געווארען אלס רב אין צאנז, דהאט איינער פון די חשוב׳ע בעלי־בתים, ר׳ יודעל ארלענדער, וועלכער איז גע־ווען א גרויסער למדן און א גרויסער גביר, אונטערגעשיקט זיינעם א פריינד, ער זאל אוועקגעהן צום רב און איהם, ר׳ יודל׳ען, מזמין זיין צו א דין־תורה. יענער האט אזוי געטהון. רבי חיים האט גלייך אוועקגעשיקט דעם שמש צו ר׳ יודלען מיט אנ׳אויפפאדערונג, ער זאל זיך שטעלען לדין, אבער ר׳ יודעל האט זיך אויפ׳ן שמש אנגעבייזערט און געענטפערט, אז ער האט קיין צייט נישט. שיקט ער נאך איהם א צווייטען מאל און ער וויל ווידער נישט קומען. צום דריטען מאל קומט דער שמש מיט א שטרענגע התראה, אז אויב ער וועט זיך נישט תיכף שטעלען צו דער דין־תורה, וועט איהם דער רב מנדה זיין. ווי ר׳ יודעל האט דאס דערהערט, איז ער תיכף אוועק צום רב און איהם איבערגעבעטען, ער זאל אויף איהם קיין פאראיבעל נישט האבען, לעולם האט ער מיט יענעם קיין שום סכסוכים נישט און דאס האט יענער, לויט זיין בקשה, געטהון בכיוון, מחמת ער האט זיך גע־וואלט איבערצייגען, צי דער רב איז קיינעם, אפילו דעם גביר פון שטאדט, נישט נושא־פנים חלילה...

ולא תקח שוחד. . (טז. יט.)

פארוואס האט די תורה בלויז געווארענט, אז מען טאר נישט נעה־מען קיין שוחד און זי האט נישט געאסר׳ט, פונקט ווי ביי רבית, אז מען טאר אויך נישט געבען קיין שוחד?

וייל ווען דער איסור וואלט חל געווען אויך אויפ׳ן געבער, וואלט דאס נתינת שוחד זיך געווען שטארק פערשפרייט, מחמת יעדער בעל־דין וואלט

ביי זיך זיכער געווען, אַז זיין שוחד, וואָס ער וועט פאַרלעגען דעם דיין, וועט אַוודאי ווירקען, דען דער צווייטער וועט דאָך געוויס נישט טהון דאָס זעלבע, ער וועט דאָך מורא האָבען פאַר'ן איסור... דאַגעגען אָבער בעת מען ווייסט, אַז אויף געבען שוחד איז קיין איסור נישטאָ, וועט מען זיך גיכער אָבהאַלטען דערפון; יעדער איינער וועט מורא האָבען, אַז ער וועט מיט זיין שוחד גאָרנישט אויפטהון, ווייל אפשר האָט שוין יענער געגעבען אַ גרעסערע סומע...

(אבני פז)

כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים...

(טז. יט.)

אַ בעל־דין, אַ למדן, האָט געהאַט אַ דין־תורה פאַר אַ דיין, אויף וועלכען מען האָט געמורמעלט, אַז ער איז נישט אַזוי שטאַרק נזהר אין כפת שוחד. פונ'ם אַרויסגעטראָגענעם פסק האָט דער בעל־דין איינגעזעהן, אַז דער דיין האָט זיך איינגאַנצען געשטעלט אויף דער זייט פונ'ם צד שכנגד און ער ווענדעט זיך דאַן צום דיין און פרעגט איהם: ס'טייטש, אין חתם סופר אויף דעם און דעם אָרט ווערט דאָך דער דאָזיגער דין גאָר אַנדערש געפסקנ'ט? דערויף ענטפערט דער דיין, אַז דער חתם־סופר האָט פערזעהן אַ תוספות און אַ בפירוש'ן רמב"ם...

— איצט — רופט זיך אָן דער בעל־דין מ'ט אַ ביטערען שמייכעל — איז מיר קלאָר געוואָרען דער פשט אין פסוק: „כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים". עס איז מיר שטענדיג קשה געווען, ווי געשיקט זיך עס, אַז די תורה זאָל אָנרופען אַזעלכען, וואָס נעהמט שוחד, מיטן נאָמען „חכם" און „צדיק"? נאָר דער פשט ווייזט אויס צו זיין אַנדערש, דער פשט איז: „כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים", דער וואָס נעהמט שוחד בעמיהט זיך צו מאַכען בלינד די חכמים און פערדרעהען די רייד פון די צדיקים, האָבענדיג די העזה צו זאָגען אויף די חכמים און צדיקים, אַז יענער האָט „פערזעהען" אַ תוספות, אַ צווייטער האָט נישט פערשטאַנען דעם רמב"ם, וכדומה אַזעלכע חוצפה'דיגע ווערטער...

לא תטע לך אשרה... (טז. כא)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ליתכון רשאין למזווגא בדינא גברא טפשא עם דייניא חכימא למילפא לכון ית דתעבדון לכון״.

דאָס הייסט: איהר זאָלט נישט אַוועקזעצען ביים דין אַ רב אַ טיפש מיט אַ רב אַ חכם, וועלכע זאָלען אייך לערנען וואָס צו טהון.

מחמת עפ״י רוב איז נישט דער חכם משפיע אין אַזעלכע פאַלען אויפ׳ן טיפש, נאָר פערקעהרט: דוקא דער טיפש בעמיהט זיך אָנצוּוואַרפען זיין מיינונג אויפ׳ן חכם...

(ספר ינחנו)

„כל המעמיד דיין שאינו הגון כאילו נוטע אשרה בישראל״ (סנהדרין ז׳)

פאַרוואָס איז אַ דיין שאינו הגון געגליכען צו אַ אשרה?

ווייל — האָט געזאָגט דערויף רבי חיים בריסקער — אַז מען שטעלט אַוועק אַלס עבודה־זרה אַ פסל, אַ געטש, דערקענען אַלע גלייך, אַז דאָס איז א עבודה־זרה און עס קאָן קיינער קיין טעות נישט האָבען, אַנדערש אבער איז מיט אַ אשרה: אויסערליך איז דאס אַ שענער בליהענדער בוים, אויף וועלכען עס איז אַ תענוג אַ קוק צו טהון, ובאמת אָבער, אינעווייניג — איז עס גאָר אַן׳עבודה־זרה...

און דאָס זעלבע איז אויך מיט אַ דיין שאינו הגון...

יד העדים תהיה בו בראשונה להמיתו... (יז. ז)

עס איז, נאַטירליך, פיעל לייכטער צו שטעהן ביים ריכטער־טיש און איינצוריידען די ריכטער, אַז מען דאַרף יענעם פעראורטיילען צום טויט, איידער אַליין צו שטעהן אויפ׳ן עקזעקוציע־פּלאַץ און צוצוזעהען ווי דער טויט ווערט איבער יענעם אויסגעפיהרט. עס איז אויך לייכטער צוצוזעהן, ווי יע־נער ווערט געפיהרט צום טויט, איידער אַליין צו זיין דער רוצח. ווען דער ריכטער, וועלכער גיט אַרויס דעם טויט־אורטייל, וואָלט געוועזן פערפליכטעט אַליין אויך צו זיין דער תליון, וואָלטען אַ סך וועניגער טויט־אורטיילען אַרויסגעגעבען געוואָרען... וועלענדיג, אַלזאָ, נאָך אַלע דורכגעפיהרטע חקירות ודרישות, וואָס מעהר זיכער זיין אין דער ריכטיגקייט פון די עדות, האָט די תורה פעראָ־רדנט, אַז די עדות זעלבסט מוזען בייוואוינען די עקזע־

קוציע, און נישט נור בייוואוינגען, נאָר – „יד העדים תהיה בו בראשונה להמיתו", זיי אַליין מוזען די ערשטע אָנהויבען אויספיהרען דעם טויט-אורטייל, אפשר וועט זיי דאָס אבשרעקען און זיי וועלען אין דער לעצטער מינוט צוריקציהען זייערע פריהערדיגע ערקלערונגען...

(מנחה בלולה)

לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך... (יז. יא.)

דער סאָכאַטשאָווער רבי, דער „אבני נזר", איז אַמאָל געפאָהרען מבקר-חולה זיין דעם רבי'ן פון אַלעקסאַנדער, רבי יחיאל, וועלכער איז געווען שווער קראַנק. ביים געזעגענען זיך האָט איהם דער סאָכאַטשאָווער רבי אָנגעזאָגט, אז ער זאָל יעדען טאָג עפיס עסען פאַר'ן דאַווענען און טרינקען אַביסעל ווייַן, דער אַלעקסאַנדרער רבי האט איהם צוגעזאָגט צו פאָלגען און יעדען אינדערפריה, בשעת מען האָט איהם דערלאַנגט עפיס טועם צו זיין, האָט ער זיך געוואַשען די הענד און געמאַכט פריהער אַ ברכה: „אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע דברי חכמים"...

(אביר הרועים)

וכסף וזהב לא ירבה לו מאד... (יז. יז.)

וועגען עשירות זאָגען די חז"ל, אַז דאָס איז איינס פון די זאַכען וואָס ס'איז „רובן קשה ומיעוטן יפה" (גיטין ע'), און דערויף זאָגט דאָרט רש"י: „מיעוטו יפה ורובו קשה, שמבטלו מן תלמוד-תורה ומגביה לבבו".

פונוואַנען דרינגט דאָס רש"י?

פונ'ם דאָזיגען פסוק דאָ. נאָכ'ן „וכסף וזהב לא ירבה לו" ווערט אויסגעפיהרט: „למען ילמד" און „לבלתי רום לבבו", ער זאָל דאָדורך, הייסט עס, נישט מבטל זיין פון לערנען און נישט זיין קיין בעל-גאוה...

(רבי יוסף שאול נאטאנזאהן)

ונתן לכהן הזרוע והלחיים והקבה... (יח. ג.)

אויפ'ן מנהג ביי חסידים, צו נעהמען נאָכ'ן דאַווענען אַביסעל משקה

און צו טרינקען „לחיים", האבען די אלטע חסידים געפינען א רמז אין דאזיגען פסוק. אויף „הזרוע והלחיים והקבה" זאגט רש"י: „לחיים — תחת תפלה, שנאמר ויעמוד פנחס ויפלל"...

אשר יזיד לדבר דבר בשמי את אשר לא צויתיו לדבר...

(יח. כ.)

צו רבי זלמן ווילנער (רבי חיים וואלאזשינער'ס ברודער) איז אמאל געקומען צו פאהרען א בעריהמטער ספרדישער רב פון די מזרח-לענדער זיך מפלפל זיין מיט איהם אין לערנען. אריינקומענדיג זאגט ער צו רבי זלמנ'ען: איך האב געהערט, דאס איהר זענט א גרויסער בקי אין אלע ספרי הרמב"ם ז"ל, האב איך שוין לאנג געוואלט קומען צו אייך, אבער השי"ת האט מיך די גאנצע צייט אבגעהאלטען און נישט געהייסען געהן... חס ושלום!—שלאגט איהם רבי זלמן איבער — א איד טאר אזוי נישט ריידען! אויף די ווערטער פון רמב"ם: „אחד המתנבא מה שלא שמע וכו' הרי זה נביא שקר" (ס' המדע פרק חמישי) ווערט ערקלערט אין הגהות מימוניות, אז מען טאר אין קיין פאל זיך נישט אויסדריקען, אז דער אויבערשטער האט מיר אזוי און אזוי געזאגט, און leider זענען פיעל מענשען אין דעם נישט נזהר...

דאס זעלבע ווערט אויך געזאגט אין מהרש"ל, וועלכער פיהרט אויס: „וגם אני דהגבר ראיתי המכשלה הזאת על כן כתבתי פה"...

וִדַבֵּר אל העם ואמר עליהם שמע ישראל... (כ. ב. ג.)

„ודבר אל העם — בלשון הקדש" (סוטה י"ב)

פארוואס דוקא בלשון הקדש?

נאר אין דער זעלבער שטעלע דארט זאגט רבי שמעון בן יוחאי: „ואמר אליהם שמע ישראל, אמר להן הקב"ה לישראל אפילו לא קימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית אי אתם נמסרין בידן", און דער זעלבער רבי שמעון בן יוחאי זאגט אין אנ'אנדער ארט: „אפילו לא קרא אדם אלא קריאת שמע שחרית וערבית קיים לא ימיש ספר התורה הזה מפיך" (מנחות צ"ט) און ער פיהרט דערביי אויס: „ודבר זה אסור לאומרו בפני

עם הארץ״, אז מען דארף נישט אויסזאָגען פאַר אַן׳עם-הארץ דעם דאָזיגען סוד, אַז מיט לייענען קריאת-שמע איז מען שוין יוצא די מצוה פון תלמוד-תורה, מחמת אויף דעם סמך וועט ער שוין די קינדער זיינע קיין תורה נישט לערנען...

און דעריבער איז „ודבר אל העם בלשון הקדש״, האָט דער כהן די ערקלערונג וועגען דער בעדייטונג און חשיבות פון „שמע ישראל״, פון קריאת שמע שחרית וערבית, אָבגעגעבען אין לשון-קדש, כדי די עמי-הארצים זאָלען נישט פערשטעהן און נישט איינרעדען זיך, אַז דערמיט איז מען שוין פטור פון אַלע אַנדערע זאַכען...

(טור בנימין)

כי תצור אל עיר ימים רבים וכו׳ לא תשחית את עצה...

(כ. יט.)

בשעת דער פערשטאָרבענער הרב קוק איז, מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק, נעווען רב אין יפו, זענען צו איהם דערגאַנגען ידיעות, אַז אין איינע פון ראָטשילד׳ס קאָלאָניעס האָבען די קאָלאָניסטען בעקומען אַ פעראָרדנונג פון ראָטשילד׳ס פקידים אויסצוהאַקען די בוימער פון אַ געוויסען שטח, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען אויף צו בויען דאָרט הייזער.

הרב קוק איז צו דער בעשטימטער צייט אַוועק אין דער קאָלאָניע און בשעת עס האָבען זיך פערזאַמעלט די אַרבייטער מיט די העק אין די הענד און זיי האָבען שוין געזאָלט אויספיהרען די אַרבייט, האָט הרב קוק זיך אַוועקגעשטעלט און אויסגעשריען:

—וואָס? בוימער פון ארץ-ישראל וועט איהר אויסרייסען? מיט מיין קאָפּ וועל איך זיי שיצען! —

אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט איז ער געשטאַנען דאָרט און נישט אָבגעטרעטען פון פלאַץ, ביז מען האָט איהם פייערליך פערזיכערט, אַז זיי וועלען די אַרבייט נישט אויספיהרען און די בוימער נישט טשעפּען...

ונגשו הכהנים בני לוי וכו׳ ועל פיהם יהיה כל ריב וכל נגע... (כא. ה.)

„ועל פיהם יהי׳ כל ריב וכל נגע״. צו די כהנים, וועלכע זענען גלייכצייטיג געווען שופטים, פלעגט מען זיך ווענדען סיי מיט פערשידענע געגענזייטיגע תביעות און סכסוכים, סיי מיט שווערע קראַנקהייטען, מיט נגעים. בשעת עס איז אַלזאָ געפינען געוואָרען אין פעלד אַן׳אומבעקאַנטער הרוג האָט מען קודם כל געשיקט נאָך די כהנים: אפשר וועלען זיי איהם דערקענען, אַז ער האָט זיך געווענדעט צו זיי מיט אַ שווערע אומהיילבאַרע קראַנקהייט און, מעגליך, אַז ער איז דערפון פלוצים געשטאָרבען, אָדער אפשר איז ער געקומען צו זיי, האָבענדיג מיט וועמען עס איז אַ סכסוך, און דאַן וועט מען חוקר ודורש זיין, צי איז נישט יענער אַמאָל דער רוצח...

(כפלים לתושיה)

ואתה תבער הדם הנקי מקרבך כי תעשה הישר בעיני ד׳... (כא. ט.)

„ואתה תבער הדם הנקי מקרבך — אָבער נור בתנאי — כי תעשה הישר בעיני ד׳״, ווען דו אַליין ביזט מיט זיך, מיט דיינע מעשים, אין אָרדנונג. עס האָט אָבער נישט קיין רעכט צו זיין אַ חטאים־זופער און צו רודפ׳ן די רשעים אַזעלכער, וועלכער איז נישט בעסער פון זיי, ווי ס׳ווערט געזאָגט אין פסוק: „ופקדתי את דמי יזרעאל על בית יהוא״ (הושע א. ד.) אַז השי״ת האָט געמאָהנט פון בית יהוא דאָס פערגאָסענע בלוט פון נבות היזרעאלי, הגם אַחאב האָט פערדינט זיין שטראָף צוליעב׳ן פערגאָסענעם בלוט פון נבות היזרעאלי, דאָך האָט יהוא נישט געהאַט דאָס רעכט צו זיין דער שופט, ווייל ער איז אַליין מיט זיינע מעשים נישט בעסער געווען פון אחאב׳ן...

(פרחי אהרן)

כִּי תֵצֵא

וראית בשביה אשת יפת תואר וכו׳ ולקחת לך לאשה... (כא. יא.)

„שאם אין הקב״ה מתירה—ישאנה באיסור״ (רש״י)

— היתכן — האָט דערויף געפרעגט דער „חוזה״ פון לובלין — ווי קאָן מען דאָס חושד זיין אַ איד, אַז אויב מען וועט איהם נישט לאָזען טהון בהיתר וועט ער טהון די זאַך באיסור?

נאָר — האָט ער דערויף געענטפערט — בשעת מען איז געגאַנגען אין דער מלחמה אריין האט מען פריהער אויסגערופען: „מי האיש הירא ורך הלבב ישוב לביתו״, און דערויף ווערט געזאגט: „הירא מעבירות שבידו״. די אַלע אנשי־מלחמה זענען אַלזא געווען זיכער ביי זיך, אַז זיי האבען נישט קיין שום עבירות, און אַ איד וואס קאָן אַרומגעהן מיט דער איינרעדעניש, אַז ער איז ריין פון עבירות, איז דוקא פאַר אַזעלכען דאַרף מען שטאַרק מורא האבען, אַז „אם אין הקב״ה מתירה ישאנה באיסור״ — אויף אַזעלכען איז אַלץ צו גלויבען...

וילדו לו בנים האהובה והשנואה והיה הבן הבכור לשנואה... (כא. טו.)

פון די ווערטער „וילדו לו בנים האהובה והשנואה״ איז דאך משמע, אַז פריהער האט די אהובה געבוירען אַ זוהן און נאָכהער די שנואה, ולסוף ווערט אויסגעפיהרט: „והיה הבן הבכור לשנואה״, אַז די שנואה האט געבוירען פריהער? צווייטענס, ווי געשיקט זיך עס גאר, אַז

מען זאל וועלען דעם יונגערען זוהן אנערקענען אלס בכור און עס זאל דארפען געגען דעם נויטיג זיין א ספעציעלע אזהרה ?

נאר — האט דערויף ערקלערט דער ווילנער גאון — דא רעדט זיך וועגען אזא פאל, ווען ער האט פריהער חתונה געהאט מיט דער שנואה און נאכדעם ווי זי איז שוין געווען מעוברת, האט ער חתונה געהאט מיט דער אהובה און אויך זי איז מעוברת געווארען און „וילדו לו בנים האהובה והשנואה״, די צווייטע פרוי, די אהובה, האט געבוירען איהר זוהן פריהער פאר דער ערשטער פרוי, האבענדיג דאס קינד צו זיעבען חדשים, און דער פאטער וויל אלזא אנערקענען דעם בן־האהובה אלס בכור, דען ער איז דאך פריהער געבוירען געווארען, און דערויף קומט די אזהרה: „לא יוכל לבכר את בן האהובה על פני בן השנואה הבכור״, ווייל— „כי הוא ראשית אונו, לו משפט הבכורה״. אלס ריכטיגער בכור דארף אנערקענט ווערען דער בכור לעיבור, נישט דער בכור ללידה !...

לא יוכל לבכר את בן האהובה... (כא. טז.)

אין רמב״ן אויפ׳ן דאזיגען פסוק ווערט ערקלערט, אז „הדין זה נוהג אלא בחיי הבכור״, אז אויב דער בכור איז געשטארבען בחיי אביו, האט דער פאטער דאס רעכט צו פעראָרדנען, אז די אייניקלעך, די קינדער פון בכור, זאלען נישט נעהמען פון זיין ירושה צוויי חלקים, נאר גלייך מיט אלע איבריגע.

און די מפרשים וואונדערען זיך און פרעגען: פונוואנען דרינגט דאס דער רמב״ן ?

ווייזט אן רבי יוסף שאול נאטאנזאהן, אז דאס איז מרומז אין פסוק: „הנה אנכי הולך למות — ולמה זה לי בכורה״, דען נאכ׳ן טויט איז דער זכות פון דער בכורה נישט גילטיג מעהר...

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה... (כא יח.)

דער בעקאנטער משומד יחזקאל האנע איז, כידוע, געווען פריהער א גרויסער למדן און חסיד און איז געפאהרען צום „חוזה״ פון לובלין, אבער דער „חוזה״ האט שוין געהאט דאמאלס אויף איהם אנ׳אויג און ער

פלעגט איהם מבזה זיין און אָבשטויסען פון זיך, אויסדריקענדיג זיך׳ אַז עס וועט פון איהם קיין גוטס נישט אַרויסקומען, אַז דאָס וואַקסט אַ גוי...

איינמאָל, בשעת האָגע האָט זיך אַרומגעדרעהט אין לובלינער הויף און געפראַוועט חסידות, איז געקומען אַהין מיט אַ וויזיט דער גראַף טשאַרטאָריסקי, וועלכען דער „חוזה״ האָט גרויס כבוד אָבגעגעבען. נאָכדעם ווי דער גראַף איז אַוועק איז האָגע, וועלכער איז אגב געווען אַ גרויסער מחוצף, אַריין צום „חוזה״ און איהם געפרעגט:

– היתכן, רבי, מיך רודפ׳ט איהר, ווייל איהר זענט מיך חושד און האָט מורא, אַז כ׳וועל ווערען אַ גוי, און דאָ, אַז עס קומט צו אייך אַ פאַרטיגער גוי, זענט איהר איהם יאָ מכבד?...

ענטפערט איהם דער „חוזה״:

– אַ בן סורר ומורה, ווי דו ווייסט, ווערט געמשפט על שם סופו, ווייל ער וועט זיין אַ „עומד בפרשת דרכים ומלסטם את הבריות״. פרעגען דערויף די מפרשים: אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס קומט אַ סורר ומורה סקילה, בעת אַ מלסטם את הבריות, אַ רוצח, ווערט געמשפט מיט אַ לייכטערע מיתה, מיט סייף? וואָס פאַר אַ שכל און יושר איז עס, אַז פאַר׳ן חשד פון „על שם סופו״ זאָל מען ווערען האַרבער בעשטראָפט, ווי פאַר׳ן „סופו״ גופא?

נאָר וויזט אויס – האָט דער „חוזה״ אויסגעפיהרט – אַז דאָס גריי־טען זיך צו ווערען שלעכט, איז טאַקי פיעל ערגער און געפעהרליכער, ווי דאָס גופא שלעכט־זיין, דער ערב־גוי איז ערגער פונ׳ם גוי...

ואמרו אל זקני עירו בננו זה סורר ומורה... (כא. כ.)

פאַר אַ געוויסען גאַליציאַנער רב, פון די גדולים ומפורסמים, איז אמאָל פאָרגעקומען אַ דין־תורה צווישען אַ בעקאַנטען רבי׳ן און זיין ווייב, אויף וועלכער דער רבי האָט דורכאויס געוואָלט אַרויסבעקומען אַ גט. די רביצין האָט ביי דער דין־תורה אָנגעוויזען, אַז די אַלע טענות, וואָס דער רבי שטעלט אַרויס געגען איהר, זענען איינפאַכע רכילות און זי האָט דערביי גענומען אויסרעכענען וועגען איהם אַ גאַנצע רייה חטאים. דער טוען, וועלכער איז מיטגעקומען מיט׳ן רבי׳ן, האָט דאָס נישט געקאָנט פערטראָגען און ער האָט פערלאַנגט פון רב, אַז ער זאָל די רביצין נישט לאָזען ריידען, זאָגענדיג:

– אויפ׳ן פסוק „ואמר אבי הנער׳ה אל הזקנים״ (תצא כב. טז.) זאָגט

רש"י: „מלמד שאין רשות לאשה לדבר בפני האיש". די אשה דארף דע־ריבער שווייגען בשעת איהר מאן, דער רבי, שטעהט פאר איהר:

ענטפערט איהם דערויף דער רב:

— איהר פערגעסט אבער א צווייטען פסוק אין דער זעלבער סדרה. אויפ'ן פסוק: „ואמרו אל זקני עירו בננו זה סורר ומורה" ווערט געזאגט אין תרגום יונתן: „ויימרון לחכימי קרתא, עברינן על גזרת מימרא דד'", אז בשעת עס האנדעלט זיך וועגען דערצעהלען די חטאים, וועגען עובר זיין על גזירת השם, דאמאלס איז — „ואמרו", דארפעןביידע ריידען, נישט בלויז דער מאן, נאר אויך דאס ווייב...

כי יקח איש אשה ובא אליה ושנאה... (כב. יג.)

אין „ספר חסידים" ווערט דערצעהלט, אז עס האט איינער חתונה געהאט מיט א פרוי, וועלכע איז איהם נישט געפעלען געווען, נאר ער האט זי גענומען, ווייל זי האט געהאט א סך געלד, און ער האט דאן געמאכט צוויי ברכות: „ברוך דיין האמת" און „ברוך הטוב והמטיב", — די ברכה פון „ברוך דיין האמת", ווייל ער איז צוליב דחקות געצוואונגען געווען צו נעהמען א פרוי, וועלכע איז געגען זיין רצון, און „ברוך הטוב והמטיב", ווייל ער איז געווארען אויפגעריכט און בעקומען א סך געלד, פונקט אזוי, ווי מען דארף, לויט'ן דין, מאכען די דאזיגע צוויי ברכות בשעת איינער בעקומט א ידיעה, אז זיין פאטער איז געשטארבען און ער האט איהם איבערגעלאזט א גרויסע ירושה... האט מען געזאגט צו איהם: דאס איז דאך נישט גלייך צו יענעם פאל. דארט איז דער פאטער גע־שטארבען בידי שמים, דארף ער דעריבער זאגען „ברוך דיין האמת". דו אבער האסט דאך דיר די דאזיגע פרוי אליין גענומען? האט ער דערויף געענטפערט: אויך איך האב מיר אליין נישט גענומען, אויך דאס איז בידי שמים, דען — „ארבעים יום קודם יצירת הולד בת־קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני" (סוטה ב')...

„אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרה" (משלי לא. י.)...

אן אשת חיל קאן מען נור דאמאלס בעקומען, ווען עס איז —

„ורחוק מפנינים מכרה", חען מען יאָגט זיך נישט נאָך קיין גרויסען נדן...

(רבי אלי׳ הכהן)

את בתי נתתי לאיש הזה לאשה... (כב. טז.)

בשעת רבי יעקב יצחק, דער „חוזה" פון לובלין, איז ל"ע געוואָרען אַנ'אלמן, איז זיין תלמיד, דער „איד הקדוש" פון פשיסכע, אַוועק צום לובלינער רב, רבי עזריאל („דער אייזערנער קאָפּ") און איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל זיך משדך זיין מיט דעם „חוזה" און איהם געבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

— ניין — ענטפערט רבי עזריאל — די תורה איז געגען דעם שידוך, די תורה הייסט נישט.

— די תורה? — וואונדערט זיך דער „איד הקדוש".

— יאָ, אין דער תורה שטעהט בפירוש: „את בתי נתתי לאיש הזה", אַז אַ טאָכטער דאַרף מען חתונה מאַכען מיט אַ מענש, מיט אַ פשוט'ן מענש, און לויט אייך חסידים איז דאָך דער רבי אייערער נישט קיין מענש, נאָר אַ מלאך...

בשעת עס איז ביי רבי חיים צאַנזער געשטאָרבען ל"ע דאָס דריטע ווייב, האָט ער זיך געהייסען רעדען אַ פרישען שידוך. די קינדער זענען דערפון זעהר נישט צופרידען געווען און איינמאָל איז דער עלטערער זוהן אַריינגעגאַנגען צו איהם און פערפיהרענדיג מיט'ן פאָטער אַ שמועס, האָט ער איהם דרך-אַגב דערצעהלט, אַז בעת רבי אייזיק זידיטשעווער איז געוואָרען ל"ע אַנ'אלמן, האָט ער נישט געוואָלט מעהר חתונה האָבען, ערקלערענדיג די מקורבים, וועלכע זענען געקומען צו איהם מיט שידוכים, אַז ער האָט שוין חת־זונה געהאַט מיט דער תורה.

— איז אויב אַזוי — שמייכעלט רבי חיים, וועלכער האָט פערשטאַנען די אָנצוהערעניש — אויב רבי אייזיק'ל האָט חתונה געהאַט מיט דער תורה, קאָן איך דאָך שוין מיט איהר נישט חתונה האָבען. זי איז דאָך שוין אַנ'אשת-איש...

נאך דער פטירה פון לעמבערגער רב, רבי צבי ראמאניש, האבען אויפ'ן כסא-הרבנות רעפלעקטירט צוויי קאנדידאטען: איין גרופע האט געוואלט אויפנעהמען אלס רב דעם נודע-ביהודה'ס אייניקעל, רבי אלעזר לאנדא, און אנדערע האבען געוואלט רבי יעקב ארנשטיין, דעם „ישועות יעקב", און הגם רבי אלעזר האט געהאט זעהר א סך אנהענגער, מחמת אויסער א גדול בתורה האט ער אויך געהאט וועלטליכע בילדונג, האט פונדעסטוועגען גובר געווען דער צווייטער צד און רב איז געווארען רבי יעקב ארנשטיין, וועלכער איז געווען אנ'איידעם פון א זעהר רייכען שווער ר' הירש יאראסלאווער, מיט וועלכען די בעלי-בתים האבען מורא געהאט איינצורייסען, און פון דאמאלס אן האט געהערשט צווישען זיי א שטארקע התנגדות.

איינמאל האט דער „ישועות יעקב" געהאלטען אין בית-מדרש א וואונדערליכע און שארפזיניגע דרשה, וועלכע האט שטארק אויסגענומען און די גאנצע שטאדט האט נישט אויפגעהערט צו רעדען דערפון. איינער פון די צוהערער איז דאן אוועק צו רבי אלעזר לאנדא און איבערגעזאגט פאר איהם די גאנצע דרשה און די אלע זעלטענע חידושים. אז ער האט גע-ענדיגט, מאכט צו איהם רבי אלעזר:

— עט, נישטא פון וואס נתפעל צו ווערען, דאס אלץ וואס ער האט געזאגט, וואלט איך אויך געקאנט זאגען... זעהט איהר, בלויז איין זאך זיי-נע, דעם „הרי את" וואס ער האט געזאגט צו ר' הירש יאראסלאווער'ס טאכטער — דאס וואלט איך בשום אופן נישט אימשטאנד געווען צו זאגען...

אין די שפעטערדיגע יאהרען, ווי בעקאנט, זענען די צוויי גדולים געווארען צווישען זיך גאר שטארקע גוטע פריינד און זיי האבען זיך זאגאר משדך געווען.

(מופת הדור)

ויד תהיה לך מחוץ למחנה... (כג. יג.)

„מחוץ למחנה—חוץ לענן" (רש"י)

דערויף פרעגט דער „שפתי חכמים" (און אויך אנדערע מפרשים): „והלא משמת אהרן נסתלקו ענני הכבוד"?

א פלא, וואס זיי האבען אלע פערזעהען א בפירושע גמרא (תענית ט') וואו עס ווערט דייטליך געזאגט: „חזרו שניהם (באר וענן) בזכות משה"!...

(בית ישראל)

וכתב לה ספר כריתות... (כד.א.)

דעם תלמיד פון ליסער רב און זיין שוועסטער־אייניקעל, רבי נתן לייב, האט מען פארגעלעגט דאס רבנות אין שטעדטעל פאַטעק. ביים פאָה־רען אַהין איבערנעהמען דאס רבנות איז דער ליסער רב מיט איהם מיט־געפאהרען, און קומענדיג אַהין האט ער פערפיהרט אַ שמועס מיט די בעלי־בתים און זיי אויסגעפרעגט וועגען דער גרויס פון די הכנסות. די בעלי־בתים האבען איהם ערקלערט, אַז אויף קיין גרויסע הכנסות האט זיך דער רב נישט צו ריכטען, ווארום אויסער וואס דאס שטעדטעל איז קליין און ארים קאן מען אפילו קיין גט דארט נישט דורכפיהרען, מחמת עס האט נישט קיין אייגענעם טייך, נאר אַ שמאל וואַסער׳ל, וואס מען קאן אַריבער־שפרייזען מיט׳ן פוס.

— ווער האט עס אייך געזאגט — מאַכט צו זיי דער ליסער רב — אַז אַ טייך דאַרף זיין אַזוי ברייט, אַז מען זאל איהם נישט קענען אַריבער־שפרייזען מיט׳ן פוס? עס שטעהט בפירוש אין פסוק: „הפך ים ליבשה, בנהר יעברו ברגל" (תהלים ס״ו), זעהט מען דאך, אַז כאטש עס איז „יעברו ברגל" דאך טראגט ער דעם נאמען „נהר"...

און טאַקי גלייך אויפ׳ן ארט האט דער ליסער רב אַרויסגעגעבען אַ היתר, אַז אין פאַטעק מעג מען מסדר זיין גטין...

(דור דעה)

וכתב לה ספר כריתות.. (כד. ג.)

„כל המגרש את אשתו ראשונה, אפילו מזבח מוריד עליו דמעות (גיטין ד׳)

וואס פאַר אַ שייכות האט דאס צום מזבח?

דען אין דער פרשה פון קרבן־תמיד געפינען זיך אַלע אותיות פון א״ב, אויסער אַ ג׳ און אַ ט׳, איז דערפון אַ בעוויז, אַז דער מזבח האט פיינד די אותיות — גט...

(עולת אלעזר)

והיה בהניח וכו׳ תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח... (כה. יט.)

„והי׳ בהניח ד׳ לך מכל אויביך מסביב בארץ – בעת דו וועסט זיצען במנוחה אין דיין אייגען לאַנד, דאַן – תמחה את זכר עמלק, זאָלסטו מלחמה האַלטען מיט עמלק׳ן און אבּמעקען זיין זכר, בשעת אבער דו וועסט זיך געפינען – מתחת השמים – נישט אין דיין אייגען לאַנד. נאר מפוזר ומפורד אין דער פרעמד, אונטער די הימלען, וואו דו וועסט נישט אומ־שטאַנד זיין מקיים צו זיין בפועל דעם „תמחה את זכר עמלק״, דאַן – לא תשכח״, זאָלסטו על כל פנים זיך בעמיהען נישט צו פערגעסען...

(ילקוט סופר)

כִּי תָבוֹא

והיה כי תבוא אל הארץ... (כו. א.)

„עשה מצוה האמורה בענין שבשכרה תכנס לארץ״ (ספרי)

פרעגט דער חתם סופר, ווי אויך דער פנים יפות: די מצוה פון בכורים געהער דאך צו די „מצוות התלויות בארץ״, וועלכע מען איז מחויב נאָר אין ארץ־ישראל, אָבער נישט פריהער, טאָ ווי געשיקט זיך צו זאָגען: „שבשכרה תכנס לארץ״?

ענטפערט דערויף רבי יצחק אלי׳ לאַנדוי, אַז דער „עשה מצוה האמורה בענין״ בעציהט זיך נישט אויף דער מצוה פון ביכורים, נאר אויף דעם אויספיהר פון דער פריהערדיגער סדרה: „תמחה את זכר עמלק״, אַז מיר וועלען זיך נישט קאָנען פריהער בעזעצען אין ארץ־ישראל און נישט האָבען פריהער קיין מנוחה דאָרט, ביז עס וועט נישט אויסגעפיהרט ווערען דער געבאָט פון מחיית עמלק, ווי עס זאָגען אונז די חז״ל: „ועדיין איני יודע אם לבנות להם בית הבחירה תחלה או להכרית זרעו של עמלק תחלה כשהוא אומר והניח לכם מכל אויביכם וכו׳ הוי אומר להכרית זרעו של עמלק תחלה״ (סנהדרין כ׳)...

ארמי אובד אבי... (כו. ה.)

עס שטעהט נישט „אבד אבי״, נאָר „אובד״, אַ הוה. עד־היום ואָך האָט ער זיין אַרבייט נישט אָבגעשטעלט, ער איז כסדר אַ הולך ואובד...

(רבי חיים צאנזער)

ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה... (כו. י.)

רבי אלי' חיים מייזעל האט זיך אַמאל געוועגדעט צו אַ לאַדזער גביר נאך אַ נדבה, אויף וואס יענער האט געענטפערט, אַז ער קאַן ליידער נישט געבען און דערביי מיט גרויס פערביטערונג און דענערווירונג גענומען שילדערען דעם שווערען מצב זיינעם: דאס עסק איז איהם נישט געלונגען און מיט יענעם געשעפט איז ער דורכגעפאַלען. מיט איין וואָרט, עס איז איהם ביטער פון אַלע זייטען און וועגען געבען נדבות קאַן קיין רייד נישט זיין.

אין אַ צייט אַרום איז דער אייגענער גביר גאר שטאַרק נתעלה געוואָרען און געמאַכט אַ גרויס עשירות, און בשעת רבי אלי' חיים האט איהם דאַן בעגעגענט אין גאַס און איהם געפרעגט, וואס עס הערט זיך, האט ער אבגעענטפערט מיט איין ווארט:

— אַזוי...

רופט זיך אָן צו איהם רבי אלי' חיים, אַז איצט ווערט איהם פערשטענדליך דער מדרש אין פ' תבוא. אויפ'ן פסוק „ועתה הבאתי את ראשית פרי האדמה" זאָגט דער מדרש: „אדם אומר את שבחו בקול נמוך ואת גנותו בקול רם, שבחו בקול נמוך — מן ודוי מעשר, ואת גנותו בקול רם — ממקרא בכורים".

איז אייגענטליך, מיט וואָס איז דער ודוי-מעשר אַ שבח און מקרא-בכורים אַ גנאי?

נאָר „שבחו" מיינט מען: זיין גוטע לאַגע, און „גנותו" — די שלעכטע לאַגע. בשעת מען ברענגט בכורים, קאָן מען דערפון נישט אורטיילען, ווי אַזוי עס זעהט אויס די ווירקליכע מאַטעריעלע לאַגע פון יעדען איינעם, דאָ זעהט מען נישט ארויס דעם „שבח" נאָר דעם „גנאי", דען יעדער איינער ברענגט בלויז אַ קליין קישעל מיט די ערשטע עטליכע צייטיגע פירות, יעדער איינער זעהט נעביך דערביי אויס, ווי אַנ'אָרימאַן, וועלכער האָט נישט מורא מען זאָל איהם מקנא זיין און רייסען פון איהם נדבות און דעריבער לייענט ער דעם מקרא בכורים בקול רם — דאַגעגען ביי מעשר דערזעהט מען ביי יעדען איינעם דעם „שבח". לויט דער גרויס פון מעשר, וואָס ער ברענגט, ווערט מען גלייך געוואהר וויפיעל ער פערמאָגט, ווי גרויס עס איז זיין סטאַדע בהמות, זיין בעטרעף פון תבואה און פירות, און דעריבער זאגט ער דעם ודוי-מעשר בקול נמוך, מחמת וועגען אַזעלכע זאַכען האט מען נישט ליעב צו רעדען הויך, טאָמער וועט דער לאַדזער רב קומען צו איהם בעטען אַ נדבה...

וכתבת על האבנים את כל דברי התורה הזאת באר היטב... (כז. ח.)

„באר היטב—בשבעים לשון” (רש״י)

אויף ריזיגע שטיינער, אבנים גדולות, האָט מען געהייסען אויפשרייבען די אידישע תורה, און אין אַלע שבעים לשונות, זי זאָל פאַר אַלעמען זיין צוגענגליך, אַלע זאָלען זיי פערשטעהן, בכדי אויסצומיידען, אַז די אומות העולם זאָלען נישט אויסטראַכטען אויף דער תורה און נישט פערשפרייטען אין איהר נאָמען פערשידענע שקרים און שטותים...

(כסלים לתושיה)

והיית אך עשוק וגזול כל הימים... (כח. כט.)

„בכל מעשיך יהי׳ ערעור” (רש״י)

אויך דאָס איז אַ בעזונדערע מין קללה: „בכל מעשיך יהי׳ ערעור”, אידען זאָלען דאַרפען האַלטען און איין מערער זיין, אין איין פּראָטעסטירען. מען וועט זיך דאַרפען רק פערנעהמען מיט איינאָרדנען פּראָטעסט-פערזאַמלונגען און אָננעהמען פּראָטעסט-רעזאָלוציעס...

(אמרי חן)

והיית אך עשוק וגזול כל הימים ואין מושיע...

עס וועלען אַמאָל קומען — האָט געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער — אזעלכע שווערע צייטען פאַר אידען, ווען איינער דעם אַנדערען וועט נישט אימשטאַנד זיין צו העלפען, נישט נור מיט געלד, נאר אפילו מיט אַ קרעכץ, מחמה ער וועט דעם קרעכץ דאַרפען האָבען פאַר זיך...

תחת אשר לא עבדת את ד׳ אלקיך בשמחה... (כח. מז.)

רבי נחמן בראַצלאַווער, וועלכער איז געווען, כידוע, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון עבודה מתוך שמחה, שרייבט אין אַן אָרט:

„תחת אשר לא עבדת את ד׳ אלקיך בשמחה״. שמחה איז דער שטאַרקסטער פאַנצער געגען אַלע מיני פורעניות ר״ל. געגען שמחה קאָן אפילו די תוכחה קיין שליטה נישט האָבען, ווי דער פסוק זאָגט אונז בפירוש: „ובאו עליך כל הקללות האלה וכו׳״, די אַלע קללות ר״ל קאָנען האָבען אַנ׳אָרט נאָר דאַן און נאָר דערפאַר — „תחת אשר לא עבדת את ד׳ אלקיך בשמחה״...

גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב .. (כח. סא.)

„זה מיתת בנים״ (פסיקתא זוטרתא)

דער פשעמישלער רב האָט געהאַלטען אַ הספד אויף זיין זוהן, וועלכער איז יונג געשטאָרבען, האָט ער אָנגעהויבען מיט׳ן דאָזיגען מדרש און גע־זאָגט: דער רמב״ן פרעגט אויפ׳ן פסוק „איש כי ימות ובן אין לו והעברתם את נחלתו לבתו, ואם אין לו בת ונתתם את נחלתו לאחיו וכו׳״ (במדבר כז׳ ח.), פאַרוואָס ווערט נישט דערמאָהנט, אַז מען זאָל אָוועקגעבען זיין נחלה דעם פאָטער, דער פאָטער איז דאָך אַ נעהנטערער און פריהערדיגער יורש פאַר אַ ברודער? נאָר דער תירוץ איז — האָט זיך דער מספיד פוי־נאַנדערגעוויינט — די תורה האָט נישט געוואָלט אַרויסשרייבען קיין לשון קללה, דען עס איז אַ שרעקליכע קללה, אויב אַ פאָטער דאַרף נעהמען ירושה פון אַ זוהן, און דאָס איז אויך די כונה פון מדרש: „וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת — זו מיתת בנים״ עס איז אַזאַ גרויזאַמע מכה, אַזאַ אויסטערליש אומגליק ל״ע, וואָס די תורה האָט זי אפילו אין דער תוכחה נישט געוואָלט אַרויסשרייבען...

בשעת דער קיעלצער רב רבי נחום דוב ירושלימסקי איז געווען אויף קוּ־ראַציע אין קאַרלסבאַד איז דאָרט געשטאָרבען איינע פון די אָנגעזעהענסטע לאָדזער חסידישע פרויען, די פרוי פון ר׳ איטשעלע אוירבאַך. אויף דער בקשה פון פיעל לאָדזער און וואַרשאָווער אידען, וועלכע האָבען דאָרט גע־ווײלט אַלס קור־געסט, האָט דער קיעלצער רב מספיד געווען די נפטרת. דעם הספד האָט דער רב אָנגעהויבען מיט׳ן מאמר „רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה, לאתר דמתבעי תמן מובילין יתיה״ (סוכה נ״ג) און, אַרומריידענ־דיג די שבחים פון דער נפטרת, האָט ער אויסגעפיהרט, אַז כידוע איז „מפני הרעה נאסף הצדיק״, איז דער צדיק מכפר מיט זיין טויט אויפ׳ן עולם

הדור. ווי איז אָבער, אַז אַ שטאָדט האָט נישט קיין אייגענע צדיקים און זי האָט נישט, ווער עס זאָל מכפר זיין אויף איהרע חטאים, ברענגט מען פאַר איהר אַ צדיק פון דער פרעמד...

דער קאַרלסבאַדער געמיינדע-פרעדיגער, וועלכער האָט בייגעוואוינט די לויה, האָט זיך פונ'ם דאָזיגען הספד געפיהלט שטאַרק בעליידיגט און אויף אַ זיצונג פון די געמיינדע-פאָרשטעהער האָט ער זאָגאַר פאָרגעלעגט, מען זאָל פערפיהרען אַ פראָצעס געגען דעם „רוסישען ראַבינער", וועלכער האָט אַזוי שטאַרק בעליידיגט די קהלה...

וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת... (כח. סא.)

„וכל מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים".

פונוואַנען איז דאָס געדרונגען?

זאָגט מען דערויף אין נאָמען פון „נודע ביהודה":

אין יעדען ספר פון די חמשה חומשי תורה ווערט דערמאָהנט וועגען מיתת צדיקים. אין בראשית — די מיתה פון די אבות, אין שמות — מיתת יוסף, אין ויקרא — מיתת נדב ואביהו, אין במדבר — מיתת אהרן, בלויז אין „ספר התורה הזאת", אין דאָזיגען ספר, אין דברים, איז אין אַלע ביז-איצטיגע פרשיות, ביז צו דער תוכחה, נישט דערמאָהנט קיין מיתת צדיקים („וימת משה" איז דאָך דערמאָהנט ערשט שפעטער, אין דער ווייטערער, לעצטער פרשה), און דערפון איז אַלזאָ, געדרונגען, אַז „וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת" ווערט געמיינט מיתת צדיקים...

„וכל מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים".

דער שווערסטער פערלוסט פון מיתת צדיקים איז דער „אשר לא כתוב", אויסער וואָס מען פערלירט דעם צדיק זעלבסט, פערלירט מען אויך דערביי די אַלע דברי תורה וחכמה, וואָס זענען נישט געשריבען, וואָס מען פלעגט פון איהם נהנה זיין בעל-פה, און דאָס אַלץ געהט לאיבוד און ווערט פערגעסען...

(ילקוט סופר)

דער דערמאָהנטעטער מאמר „וכל מכה אשר לא כתוב זו מיתת צדיקים" ווערט געבראַכט אין „יערות דבש" (חלק ב' דרוש ד') און מיר האָבען שוין געברענגט אַמאָל אין נאָמען פון רבי ישעי' פיק, וועלכער האָט ערקלערט, אַז אַזאַ מאמר געפינט זיך בכלל נישט אין ש"ס און אין די מדרשים. ביי דער זעלבער געלעגענהייט האָבען מיר אויך געהאָט אָנגעוויזען אויף אַ רייהע מאמרים, וועלכע זענען אָנגענומען אין דער וועלט אַלס מאמרי חז"ל און באמת ווערען זיי דורך די חז"ל נישט דערמאָהנט און זיי שטאַמען גאָר פון אַנדערע שפּעטערע מקורים (זעה „פון אונזער אַלטען אוצר" באַנד זעקס, פ' תבוא). צו די דאָזיגע מאמרים דאַרפען צוגעגעבען ווערען נאָך פאָלגענדע:

„אין אורח מכניס אורח"... (דאָס לשון אין דער גמרא אין נאָמען פון בן סירא, איז: „וקל מזה אורח מכניס אורח" ב"ב צ"ח).

„אין אומן בלא כלים"... (גענומען וואַהרשיינליך פונ'ם מאמר אין מדרש רבה שמות פרשה מ': „נגר שאין בידו ארגליא אינו נגר")

„ודי לחכימא ברמיזא"... (דער ריכטיגער מאמר איז: „לחכימא ברמיזא, לשטיא בכורמיזא", מדרש משלי פרק כ"ב).

„ההכרח לא יגונה"... (זעה מהרש"א חולין ז').

„המתחיל במצוה אומרים לו גמור"... (דער דאָזיגער מאמר געפינט זיך אין ירושלמי מגילה סוף פרק ב', אָבער דאָרט שטעהט נישט „גמור" נאָר „מרוק". אַנ'עהנליכער מאמר איז פאַרהאַן אין מדרש רבה במדבר פ' כ"ב, און דאָרט איז דאָס לשון: „למה שלח פינחס, אמר מי שמתחיל במצוה הוא גומר").

„כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה"... (אין דער גמרא שבת ק"ה, איז דער נוסח אַ גאַנץ אַנדערער, און נעמליך: „והמשבר כלים בחמתו וכו' יהא בעיניך כאילו עובד ע"ז").

„מאן דיהיב חיי, יהיב מזונא"... (דאָס ריכטיגע לשון אין דער גמרא איז: „דכי יהיב רחמנא שובע לחיי הוא דיהיב". תענית ח').

„מאן מלכי רבנן"... (דאָס לשון אין דער גמרא איז: „מאן מלאכי השרת רבנן". נדרים כ'.)

„מי שיש לו מנה רוצה מאתים"... (גענומען פון קהלת רבה פ"א, אָבער דאָרט איז דאָס לשון: „אית ליה מאה בעי תרתי מאה").

„מיום שחרב בית המקדש ניטל טעם בשר וניתן בעצמות"... (ווערט געבראַכט בלויז אין פענח רזא פ' בא)

„קבל את האמת ממי שאמרו" (ווערט געבראַכט אין רמב"ם, אין דער

הקדמה לשמונה פרקים, און דארט איז דאָס לשון: „שמע האמת ממי שאמרו״).

והתמכרתם שם לאויבך לעבדים ולשפחות ואין קונה...

(כח. סח.)

עס וועט קומען אַ צייט, ווען נאָכדעם, ווי מען וועט אייך האָבען אין לאַנד פולשטענדיג אויסגענוצט, וועלען דאָן נישט העלפען מעהר אייערע פאטריאָטישע ערקלערונגען וועגען לאָיאַליטעט, טרייהייט און הכנעה׳דיגע, קנעכטישע איבערגעבענהייט... „ואין קונה״, עס וועלען אויף דער דאָזיגער סחורה מעהר קיין קונים און קיין בעלנים נישט זיין!..

(אמרי רדב״א)

נִ צָּ בִ י ם

הנסתרות לד׳ אלקינו והנגלות לנו ולבנינו... (כט. כח.)

ווענען דער גאולה העתידה ווערט געזאָגט: „בעתה אחישנה״, אז עס זענען בעשטימט פאַר איהר צוויי זמנים: „זכו אחישנה, לא זכו בעתה״. ווען עס וועט זיין דער זמן פון „בעתה״, דאָס איז פאַר אונז אַ סוד נסתר, וועלכען קיינער ווייסט נישט, דאַגעגען דער זמן פון „אחישנה״ קאָן געשעהן צו יעדער צייט, דאָס איז געווענדעט אָן אונז, אין אונזערע מעשים און אויפפיהרונגען, אינ׳ם — „היום אם בקולו תשמעו״.

אין פריהערדיגען פסוק ווערט גערעדט ווענען גלות: „ויתשם ד׳ מעל אדמתם וכו׳ וישליכם אל ארץ אחרת״, און דערויף קומט דער אויספיהר: „הנסתרות לד׳ אלקינו״, ווען דער דאָזיגער גלות וועט זיך ענדיגען, דאָס איז פערבאָרגען פון אונז, דאָס ווייסט בלויז איין גאָט, אָבער „והנגלות לנו ולבנינו״, עס איז פאַראַן אויך אַ צווייטער זמן, וועלכער איז ענטפלעקט פאַר אַלעמען, פאַר אונז און אונזערע קינדער, און דער דאָזיגער זמן איז — „לעשות את כל דברי התורה הזאת״, דאַן איז דער קץ שטענדיג גרייט...

(כתב סופר)

ושב וקבצך מכל העמים... (ל. ג.)

ווענען דעם אופן, ווי אַזוי עס וועט פאַרקומען דער סדר־הגאולה, געפינען מיר אין די חז״ל און אין די מפרשים פערשידענע געגענגעזעצטע מיינונגען.

לויט׳ן רמב״ם (הלכות מלכים פרק י״א) וועט פריהער זיין ביאת־המשיח און בנין המקדש און ערשט דערנאָך — קיבוץ גליות, און אַזוי — ווערט דערביי אָנגעוויזען — שטעהט אויך אין פסוק: „בונה ירושלים ד׳ און דאַן — „נדחי ישראל יכנס״...

אין א צווייט אָרט זאָגט דער רמב"ם (סנהדרין חלק) וועגען ימות-המשיח: „ולא ישתנה במציאות שום דבר ממה שהוא עתה, אלא שהמלכות תחזור לישראל".

לויט'ן ירושלמי (מעשר שני פרק ה') וועט צו אַלעם ערשטען זיין בנין המקדש און ערשט דאַן — ביאת המשיח און מלכות בית דוד.

דאָס זעלבע ווערט אויך געזאָגט אין מדרש שוחר טוב (ע'), און דאָס זעלבע אויך אין זהר (תולדות קל"ט), אַז פריהער וועט זיין בנין-המקדש און דערנאָך קיבוץ-גליות.

דאַגעגען געפינען מיר אין מדרש רבה אויפ'ן פסוק „עורי צפון ובואי תימן" (מדרש רבה נשא פרשה י"ג): „לכשיתעורר מלך המשיח שהוא נתון בצפון יבא ויבנה את בית המקדש שהוא נתון בדרום", אַז פריהער וועט זיין ביאת המשיח און ערשט דערנאָך בנין המקדש.

אין „חינוך" (מצוה צ"ה) ווערט געזאָגט, אַז ישוב ארץ ישראל וועט זיין פאַר בנין המקדש.

לויט'ן מהרש"א (מגילה י"ז) וועט פריהער פאַר אַלעם זיין קיבוץ-גליות און דער רמב"ן (סוף שיר-השירים) ערקלערט, אַז דער קיבוץ-גליות וועט פאַרקומען צוויי מאָל, דאָס ערשטע מאָל מיט דער ערלויבניש און מיט דער מיטהילף פון די מלכי-האומות און ערשט נאָכהער וועט זיין דער גרויסער קיבוץ-גליות...

און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין ר'תוספות יו"ט: „ונמצא שעד מלכות בית דוד תהי' לאומות קצת ממשלה עלינו וכמו שהיה בתחילת בית שני" (תוספות יו"ט מעשר שני פ"ה)...

בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע חיבת-ציון בעוועגונג, האָט זי דאַן אין די פרומע קרייזען, ווי בעקאַנט, אָנגעטראָפען אויף אַ שטאַרקע התנגדות. איינע פון די געגנערישע טענות איז געווען, באשר עפ"י רוב בעשטעהען די פיאָנערען, וועלכע לאָזען זיך קיין ארץ-ישראל, פון פרייע עלעמענטען און עס געשיקט זיך נישט, אַז זיי זאָלען עס זיין די בויער פון אידישען לאַנד... דערויף האָט דאַן דער ביאַלער רב, רבי שמואל לייב זאַק, אָנגעוויזען, אַז דוד המלך האָט נביאות געזאָגט אַז אַזוי וועט עס אויס-זעהען און אויף אַזאַ אופן וועט זיך אָנהויבען דער צוריקקעהר קיין ציון, אויסדריקענדיג זיך: „וזרע עבדיו ינחלוה ואוהבי שמו ישכנו בה" (תהלים ס"ט), עס שטעהט נישט „עבדיו ינחלוה", נאָר — „וזרע עבדיו", די קינדער פון זיינע קנעכט; די קינדער פון די פרומע אידען, הגם זיי וועלען אַליין

נישט פרום זיין, וועלען ערווערבען דאָס לאַנד און עס צוגרייטען, אַז – „ואוהבי שמו ישבנו בה"...

———

צו די געגנער פון ציוניזם האָט אויך אָנגעהערט רבי חיים בריסקער און אויך הויפּטזעכליך צוליעב'ן זעלבען מאָטיוו, באשר עס פערנעהמען זיך דערמיט אַממעהרסטען די נישט-פרומע אידען. האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט:

— סטייטש, רבי, אַט די נישט-פרומע זענען זיך דאָך מוסר-נפש און זענען עוסק אין סאַמע וויכטיגסטען און הייליגסטען אידישען ענין, אין ישוב ארץ-ישראל, זיי בויען דאָס לאַנד און בצזעצען זיך דאָרט. היתכן, אַז די פרומע אידען זאָלען ביי אַזאַ זאַך, וואָס איז נוגע דעם כלל-ישראל, שטעהן פונדערווייטענס?

— איהר ווייסט דאָך – האָט זיי דערויף רבי חיים געענטפערט – ווי עס פיהרט זיך ביי אַ חופּה: פאָראויס, בראש, לויפען די ווייסע חברה'-ניקעס, זיי פערלויפען אַלעמען, אפילו די כלי זמרים, דעם ועג. חתן-כלה און די אמת'ע מחותנים – קומען שפּעטער...

———

רבי מענדעלי רימאַנאָווער פלעגט זאָגען, אַז ביאת-המשיח וועט פּאַר-קומען אויפ'ן זעלבען אופן, ווי קבלת-שבת אין לעמבערג. רבי מענדעלי איז איינמאָל געקומען אויף שבת קיין לעמבערג. פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג האָט זיך אין איהם דערוועקט אַ שטאַרקע תשוקה צום שבת קודש, אויף וועלכען ער האָט זיך ממש נישט געקענט דערוואַרטען און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם משמש אין שטאָדט אַריין זעהען, צי אידען זענען זיך שוין מכין צו קבלת-שבת. דער משמש האָט אבגעשטעלט אין גאַס עטליכע דורכגעהענדע אידען און זיי געפרעגט, ווען זיי געהען מקבל-שבת זיין, אויף וואָס יענע האָבען איהם געענטפערט, אַז זיי האָבען נאָך גענוג אַנדערע דאגות און זיי האָבען נאָך צייט צו טראַכטען וועגען שבת... אין אַ שעה אַרום האָט ער ווידער אַרויסגעשיקט דעם משמש אַ קוק טהון, אפשר איז מען זיך שוין מכין צו קבלת-שבת. ווידעראַמאָל האָט דער משמש אָבגעשטעלט עטליכע דורכגעהער און ווידעראַמאָל האָט ער בעקומען די תשובה, אַז עס איז נאָך געגוג צייט צו טראַכטען דערפון, און אַזוי עטליכע מאָל... רבי מענדעלי איז אַלזאָ געזעסען און געוואַרט מיט אונגעדולד און פּלוצים דערהערט זיך, ווי פון אַלע זייטען הייבען זיך אָן שליסען די טהירען און פענסטער פון

די קראַמען און אידען לויפען איילענדיג איבער די גאַסען... שבת־קודש איז געקומען!

— דו זעהסט? האָט זיך רבי מענדעלי אָנגערופען צום משמש זיי־נעם—אָט אַזוי וועט אויך אויסזעהן ביאת־המשיח. אידען וועלען זיין פּערנו־מען מיט זייערע וואָכעדיגע עסקים, מיט זייערע טאָג־טעגליכע דאגות־פרנסה. קיינער וועט דעם קאָפּ גישט האָבען צו טראַכטען וועגען משיח'ן, קיינער וועט נישט זיין צוגעגרייט. פּלוצים אָבער, אין איין מינוט, וועט ווערען אַ בעוועגונג, פון אַלע זייטען וועט מען שליסען די קראַמען, זיך שיידען מיט די וואָכעדיגע דאגות, „ביום ההוא ישליך האדם את אלילי כספו ואת אלילי זהבו"... משיח בן דוד איז געקומען!

(דור דעה)

ער פלעגט אויך זאָגען:

איידער עס איז געווען אַ מלך ביי אידען, אין די טעג פון שפוט השופטים, איז געווען „איש כל הישר בעיניו יעשה", און ערשט דאַן איז נתגלה געוואָרען דאָס מלכות־ישראל, און דאָס זעלבע וועט אויך זיין פאַר ביאת משיח צדקנו...

קודם ביאת־המשיח – האָט ער זיך איינמאָל אויסגעדריקט – וועט מען זיך דאַרפען דראַפּען אויף די גלייכע ווענד בכדי מקיים צו זיין דעם „מי יעלה בהר ד' ומי יקום במקום קדשו"...

„אז יאמרו בגוים הגדיל ד' לעשות עם אלה, הגדיל ד' לעשות עמנו היינו שמחים"... (תהלים קכו).

נישט אַלע פרעהען זיך גלייך מיט'ן זעלבען גליק, נישט ביי אַלעמען איז דאָס זעלבע גליקליכע געשעהעניש אימשטאַנד אַרויסצורופען די זעלבע שמחה. עס איז געווענדעט ווער דער בעל שמחה איז, אין וואָסער צושטאַנד ער געפינט זיך און ווי וויט עס דערגרייכען זיינע השגות. אויב אַן אָרימאַן, וועלכער האָט נישט קיין ברויט אין שטוב, ווערט פּלוצים אויפגעריכט און ער כאַפּט אַ פערדיענסטעל פון עטליכע הונדערט גילדען, איז עס פאַר איהם אַ גרויסע פרייד, אַ געוואַלדיג גליק. דאַגעגען אַ גביר, אויב ער האָט אין פערלויף פון חדש פערדיענט נישט מעהר, ווי עטליכע הונדערט גילדען, איז נישט־נור וואָס ער פרעהט זיך נישט מיט אַזאַ פערדיענסט, נור פער־

קעהרט, דאס פערשאפט איהם זארג, מחמת ער איז געוואוינט א סך מעהר צו פערדינען... דער משורר, אנזאגענדיג אונז די בשורה וועגען דער קינפטיגער גאולה, ערקלערט דערביי: „בשוב ד' את שיבת ציון וכו' אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה", אז עס וועט דאן הערשען ביי אונז א גרויסע פרייד, אז מיר וועלען לאכען און זינגען פון שמחה, אבער דאס וועט נישט זיין די שמחה פון ארימאן, וועלכער פרעהט זיך דערפאר, ווייל ער האט פריהער געלעבט אין גרויסע צרות און פאר אנדערע וואלט דאס דאזיגע גרויסע גליק קיין גרויסע בעדייטונג נישט געהאט און זיי וואלטען דערפון קנאפ-וואס נתפעל געווארען. ניין! „אז יאמרו בגוים", אפילו די גוים וועלען זאגען: „הגדיל ד' לעשות עם אלה", גאט האט די אידען מיט א גרויס גליק אויפגעריכט, אזא גליק, אז „הגדיל ד' לעשות עמנו היינו שמחים", אז ווען דאס זאל אונז טרעפען וואלטען מיר זיך אויך געווען געפרעהט...

(דובנער מגיד)

לא בשמים הוא... (ל. יב)

דער נודע-ביהודה מיט'ן בעל שם-טוב האבען זיך אמאל צונויפגעטראפען אין וועג אין איין אכסניא. ביידע האבען זיך דאן נישט געקענט און בשעת זיי זענען געזעסען ביים טיש און געגעסען און שוין געהאלטען נאך די זופ איז אריינגעקומען די בעל-הבית'טע מיט א שאלה אויפ'ן פיפיק, פון וועלכען די זופ איז געקאכט געווארען. עס איז געוועזן א שווערע שאלה און דער נודע-ביהודה ד'האט לאנג מעיין געוועזן, ביז ער האט ענדליך אויסגעפינען, אז ס'איז כשר, דאן רופט זיך אן צו איהם דער בעש"ט, אז פאר איהם איז שוין פריהער קלאר געוועזן, אז די שאלה איז כשר, מחמת בעת ער האט געגעסען די זופ האט ער קיין שום רוח-רעה נישט געפיהלט, און דאס איז דאך ידוע — האט ער אויסגעפיהרט — אז אויף מאכלי טריפות רוהט א רוח-רעה...

דער נודע-ביהודה, וועלכער איז געוועזן א פשטן, ווייט פונ'ם נייעם חסידות, וואס האט זיך נור-וואס אנגעהויבען פערשפרייטען, האט אבגעמאסטען דעם אונבעקאנטען שכן זייגעם מיט אנ'איראנישען שמייכעל און דאן מאכט ער צו איהם:

— איהר ווייסט, ר' איד, עס איז מיר איצט פערענטפערט געווארען א ד'הארבע גמרא. די גמרא דערצעהלט: „כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו עתידה תורה שתשתכח מישראל וכו' עתידה אשה שתיטול ככר של תרומה

ז.וחזור בבתי כנסיות ובתי מדרשות, לידע אם טמאה הוא ואם טהורה היא״ (שבת קל״ח). איז, ערשטענס, באַכוואָס וועט די אשה דאַרפֿען מיט־נעהמען מיט זיך דעם ככר בעת זי וועט געהן פרעגען אַ שאלה, צי עס איז טמא, אָדער טהור? צווייטענס אויב די פרויען וועלען דאַן אַזוי מדקדק זיין במצוות און ביים מינדסטען חשש וועלען זיי לויפען פרעגען אַ שאלה אין בית־המדרש, טאָ ווי אַזוי איז דערפון אַ בעוויז, אַז „עתידה תורה שתשתכח מישראל״? אדרבה, דאָס בעווייזט דאָך פערקעהרט, אַז מען וועט מקיים זיין די מצוות פון דער תורה? איצט אָבער איז עס מיר פערענ־טפערט. דער געוועהנליכער דרך־התורה איז, אַז אַ רב דאַרף זיצען און לערנען, ער דאַרף קלאָר זיין אין ש״ס ופוסקים, אין די ראשונים ואחרונים, בכדי אַז מען קומט צו איהם פרעגען אַ שאלה זאָל ער וויסען צו פסק׳נען לויט׳ן דין. איז כל־זמן מען האָט זיך געהאַלטען אינ׳ם דאָזיגען דרך האָט זיך די תורה פערשפרייט ביי אידען. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָבען אונזערע חכמים פאָראויסגעזעהן, אַז עס וועט אויפשטעהן גאָר אַ נייע שיטה, אַ ווילדער משונה׳דיגער דרך: מען וועט אָנהויבען פסק׳נען דינים נישט לויט׳ן שלחן־ערוך, נאָר מען וועט מבחין זיין צווישען כשרות און טרפות לויט׳ן רוח רעה און אַז אַ אידענע וועט דאַרפען פרעגען אַ שאלה, וועט זי לויפען מיט׳ן ככר אין בית־המדרש אריין, די רבנים זאָלען דערפיהלען, צי עס איז דאָ דערויף אַ רוח רעה, אָדער נישט, און וויבאַלד אַזוי איז — „עתידה תורה שתשתכח מישראל״...

וַיֵּלֶךְ

חזק ואמץ כי אתה תבוא את העם הזה אל הארץ... (לא, ז.)

זעהענדיג דעם טרויעריגען סוף פון זיין רבי'ן, משה, דעם אידישען מנהיג, וועלכער האט נישט זוכה געווען אריינצוגעהן קיין א"י, און די אלע בני־ישראל, וואס ער האט ארויסגעפיהרט פון מצרים, זענען אויסגע־שטארבען אין דער מדבר, איז יהושע געווען ביי זיך נידערגעשלאגען און נישט קיין גרויס חשק געהאט צו ווערען דער ממלא־מקומו, האט איהם דעריבער משה רבינו געטרייסט, זאגענדיג: חזק ואמץ — שטארק זיך, זיי נישט געפאלען ביי זיך — כי אתה תבוא — דו וועסט, נישט אזוי ווי איך, יא אריינקומען נאך ארץ־ישראל, און — את העם הזה — מיט דעם דא־זיגען פאלק, מיט דעם איצטיגען דור, נישט ווי מיין דור, וועלכער איז אויסגעשטארבען אין דער מדבר...

(קול אומר קרא)

ואמר ביום ההוא הלא על כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה... (לא, יז.)

אויב זשע ער איז א מאמין און גלויבט אין השגחה־פרטית, אז דער־פאר געהט איהם אזוי שלעכט, ווייל גאט איז נישטא מיט איהם, טא פאר־וואס וועט איהם השי"ת נישט מוחל זיין און פארוואס קומט איהם נאך, נאך די דאזיגע ווערטער, דער שווערער עונש פון „ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא על כל הרעה אשר עשה" ?

דאס איז דערפאר — האט דערויף געענטפערט דער כתב סופר — ווייל ער זאגט דאס נור „ביום ההוא", אינ'ם טאג, ווען עס טרעפט איהם די צרה, קוים אבער קריגט ער זיך ארויס פון דער צרה, פערגעסט ער שוין וואס נעכטען איז געווען און וואס ער האט נעכטען געזאגט...

על כי אין אלקי בקרבי...

פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע זענען כופרים בעיקר, חעלכע לייקענען בכלל אין מציאת־הבורא, און פאַרהאַן ווידער אַ סך אַזעלכע, וואָס בעצם זענען זיי נישט קיין כופרים. אַזאַ איינער גלויבט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער חעלט, נאָר — „כי אין אלקי בקרבי", ביי איהם אין האַרצען איז ער נישטאָ. אין זיין טאָג טעגליכען לעבען, אין אַלע זיינע מעשים און האַנדלונגען פיהרט ער זיך אויף אַזוי, חי ער וואָלט גאָר קיין גאָט נישט געהאַט...

(הגיונות של עמי)

והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות וענתה השירה הזאת לפניו לעד... (לא. כא.)

די תורה — זאָגט דערויף דער מלבי"ם — גיט די אידען אַנ'עצה, חי אַזוי זיי זאָלען זיך פערטיידיגען, בשעת השי"ת חעט זיי מעניש זיין פאַר זייערע זינד. „והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות — בשעת עס עס וועלען קומען ל"ע צרות אויף אידען — „וענתה השירה הזאת לפניו לעד", זאָלען זיי ברענגען אַלס עדות און לימוד־זכות די דאָזיגע שירה פון פ' האזינו — כי לא תשכח מפי זרעו — און זיי זאָלען נישט פערגעסען צו טענה'ן, אַז — כי ידעתי את יצרו אשר הוא עושה היום בטרם אביאנו אל הארץ", אַז השי"ת האָט פאָראויס געחאוסט, אַז די אידען וועלען זינדיגען און דאָך האָט ער מסכים געווען צו ברענגען זיי קיין ארץ־ישראל, און וויבאַלד אַזוי איז די געגעבענע הבטחה חייטער גילטיג און ער מוז זיי צוריקברענגען אַהין...

— דו האָסט אונז מבטיה געווען דורך אונזערע חכמים — האָט זיך דער רבי ר' בונם אַמאָל אויסגעשמועסט מיט'ן רבונו של עולם — אַז „אין משיה בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או בדור שכולו חייב", און דאָס איז דאָך פאַר דיר גלוי וידוע, אַז אויב מען זאָל חלילה דאַרפען וואַרטען אויף „כולו זכאי", איז ווער ווייסט, צי עס וועט גאָר קענען אַמאָל קומען דערצו... ס'איז דאָך אַלזאָ בלתי־ספק, אַז סוף־כל־סוף וועט די גאולה מוזען קומען דורכ'ן צחייטען וועג, דורכ'ן „דור שכולו חייב", און אויב אויך

דער דאָזיגער דרך דויערט אַזוי לאַנג, איז דאָך עס בלתי ספק נור דער־פאַר, ווייל עס זענען נאָך פאַראַן אין יעדע שטאָדט עטליכע פרומע עהר־ליכע אידען, וועלכע זענען נאָכנישט געקומען חלילה צו דער מדרגה פון „כולו חייב" און דורך זיי ווערט די גאולה אויפגעהאַלטען, פרעג איך דעריבער, רבונו של עולם: וואָס אַרט דיך, אַז עס זענען נאָך דאָ אַביסעל פרומע אידען און פאַרוואָס זאָלסטו צוליב זיי מעכב זיין די גאולה?...

...„אין בן דוד בא עד שיכלו הנשמות שבגוף" (יבמות ס"ב).

דאָס איז געזאָגט געוואָרען אויף׳ן „דור שכולו חייב". משיח וועט אינ׳ם דאָזיגען צווייטען פאַל נישט קומען פריהער, „עד שיכלו הנשמות שבגוף", ביז די מענשען וועלען בלייבען אָהן נשמות; אין דער גאַנצער וועלט, צווישען אַלע מענשען, וועט הערשען אַ מורא׳דיגער מאַטעריאַליזם, אָהן אַ פונק נשמה, אָהן אַ שמץ גייסט, און עס וועט זיין די סאַמע העכס־טע צייט, אַז משיח זאָל זיך שוין ענדליך באַווייזען...

(ילקוט מרגליות)

וועגען ישעי׳ הנביא זאָגען די חז"ל, אַז נאָך אַלע תוכחות, וואָס ער האָט געזאָגט צו די אידען, „לא נתקררה דעתו עד שאמר להם המקרא הזה, ירהבו הנער בזקן" (חגיגה י"ד). וואָס פאַר אַ בערוהיגונג זענען פאַר איהם געווען די דאָזיגע ווערטער? נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי הירש קאַלישער — ער האָט זיך געטרייסט און בערוהיגט דערמיט, וואָס ער האָט פאָראויסגעזעהען, אַז בעקבתא דמשיחא וועט אינ׳ם יונגען דור זיך דערוועקען אַ התעוררות צו מעשים און זיי וועלען נישט קוקען דערויף, וואָס די זקנים פאַר זיי האָבען זיך נישט געוואָלט צוריהרען צו די דאָזיגע מעשים און קיין שום פעולה נישט אַרויסגעוויזען...

„נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל (עמוס ה׳). במערבא מתרצי לה הכי: נפלה לא תוסיף, קום בתולת ישראל" (ברכות ה׳).

און דאָס איז אויך דער פשט: „שוא לכם משכימי קום, מאחרי שבת, אוכלי לחם העצבים" (תהלים קכז. ב.). די כונה איז: „שוא לכם משכימי

קום״ — אומזיסט זענט איהר זיך מתייאש און זענט מקדים דאס ווארט „קום״, זאגענדיג: „נפלה לא תוסיף קום״, און צוליב דעם זענט איהר גורם צו „מאחרי שבת״, צום פערשפעטיגען זיך, צום גארנישט טהון, און צום „אוכלי לחם העצבים״, צום עסען כסדר דאס ברויט מיט טרויער און זיפץ. מען דארף זיך אבער נישט מייאש זיין און געדענקען, אז דער „קום״ געהער צום צווייטען האלבען פסוק: „קום בתולת ישראל!״...

(עולת תמיד)

בשעת רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האט געשריבען תנאים מיט זיין אייניקעל האט ער געהייסען איינשרייבען אין די תנאים בזו הלשון:

„החתונה תהי׳ אי״ה למזל־טוב בירושלים עיר הקדש, ובאם חלילה משיח צדקנו לא יבא בזאת השנה, תהי׳ החתונה בבערדיטשעוו״...

לקוח את ספר התורה הזאת ושמתם אותו מצד ארון ברית ד׳... (לא. כו.)

בכדי צו פערהיטען, אז אין דער באר־וואס געשריבענער תורה און איהרע מצוות, וועלכע זענען נאכנישט געווען גענוג איינגעקריצט אינ׳ם זכרון פונ׳ם פאלק, זאל נישט געמאכט ווערען מצד וועמען וועלכע עס איז ענדערונגען, איז זי דעריבער אוועקגעשטעלט געווארען אין קדשי־קדשים, וואוהין קיינער האט קיין צוטריט נישט געהאט, וואו, אויסער דער כהן־גדול איינמאל אין יאהר, האט קיינער נישט געטארט אהין אריינקומען...

(רבי עזריאל הילדעסהיימער)

אשור לא יושיענו. על סוס לא נרכב, ולא נאמר אלקינו למעשה ידינו... (הפטורה לשבת שובה).

דער נביא ווענדעט זיך מיט׳ן דאזיגען רוף צו אלע דריי לאגערען ביי אידען: אסימילאטארען, נאציאנאליסטען און ארטאדאקסען. צו די ערשטע, וועלכע זעהען די ישועה אינ׳ם אסימילירען זיך מיט׳ן שכנות׳די־

גען פאלק, רופט אויס דער נביא: „אשור לא יושיענו"! אומזיסט דאס נאכשלעפען זיך נאך זיי, אומזיסט אייערע האפנונגען... צו די צווייטע וועלכע גלויבען צו דערגרייכען די בעפרייאונג פון פאלק בלויז מיט די' אייגענע כוחות, רופט ער אויס: „על סוס לא נרכב!" בלויז מיט'ן אייגענעם קאמף, אהן סיעתא דשמיא, אהן דער געטליכער הילף, וועלען מיר גארנישט מאכען, יענע זענען פיעל שטארקער פון אונז... און צו די דריטע, וועלכע האלטען, אז מען דארף נישט געהן געגען רצון פון אויבערשטען און מען דארף דעריבער זיצען מיט פערלעגטע הענד און גארנישט טהון. שרייט ער אויס: „ולא נאמר אלקינו למעשה ידינו!" פעררופט זיך נישט אין אלע אייערע מעשים אויף גאט'ס נאמען, און געהט נישט ארום מיט דער פאלשער איינרעדעניש, אז דערפאר, וואס איהר ווילט נישט, איז דאס א סימן, אז דער אויבערשטער וויל נישט...

(דרשות אל עמי)

האזינו

האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי... (לב א

„למה לשמים ולארץ? שהמשיל הקב״ה את ישראל ככוכבי השמים וכעפר הארץ: הבט נא השמימה וספור הכוכבים, והיה זרעך כעפר הארץ״ (ספרי).

יעדעס אַנדערע פאָלק געפינט זיך אין איינעם פון די דריי צושטאַנדען: אָדער עס הערשט און געוועלטיגט איבער אַנדערע פעלקער, אָדער עס איז אונטערטעניג און ווערט בעהערשט פון אַנדערע, אָדער עס פיהרט אַ פרידליך, פאַר־זיך׳דיג לעבען, הערשט נישט איבער קיינעם און ווערט פון קיינעם נישט בעהערשט.

דאַגעגען דאָס אידישע פאָלק ווייסט אין זיין געשיכטע בלויז פון צוויי צושטאַנדען, צוויי מעגליכקייטען: אָדער עס איז „ככוכבי השמים״, אָדער „כעָפר הארץ״...

(דמשק אליעזר)

כי דור תהפוכות המה... (לב. כ.)

אַ רב האָט זיך אַמאָל משדך געווען מיט אַ רייכען בעל־עגלה פון אַ ווייטער שטאָדט. אינ׳ם חופה־טאָג, וועןביידע מחותנים זענען געפאָהרען צו דער חתונה וועלכע איז געפראַוועט געוואָרען אין אַ שטעדטעל, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן האַלבען וועג, האָט דער רב זיך געטראַכט: פאַרוואָס זאָל איך מבייש זיין דעם מחותן מיט זיין הלבשה? האָט ער גענומען און זיך אויסגעטהון דעם ספאָדעק מיט דער יופיצע און זיך אָנגעטהון, אַ בעל־עגלה׳שען קאַשקעט, אין אַ סוקמאַנע מיט אַ פאָר גרויסע שטיוועל. דער מחותן ווידער, דער בעל־עגלה, איז אָבער אויך געפאַלען אויפ׳ן זעלבען רעיון: הלמאי זאָל איך פערשעמען דעם מחותן מיט מיין הלבשה? האָט ער

אַראָבגעוואָרפען פון זיך די שטריק מיט די פּראָסטע בגדים און זיך אָנגעטהון אַ סויבעלנעם קאָלפּאַק, אַ פיינעם זיידענעם כאַלאַט און אַ יאַרמעלקע מיט אַ גאַרטעל, און אַזוי האָט דאָס שטעדטעל מקבל פנים געווען דעם רב אַלס בעל-עגלה און דעם בעל־עגלה — אַלס רב...

אַט דער זעלבער „דור תהפוכות" איז אויך אויסגעוואַקסען אין גלות. די אידען, ווי ניט-וועלענדיג פערשעמען די גוים מיט זייערע געהויבענע מדות, האָבען גענומען די שענע אידישע מדות און זיי ביסלעכווייז פער־שטעקט ווי טרפה'נע סחורה, איבערנעהמעגדיג איינציגווייז די גוי'אישע מדות; די גויים ווידער ד־האָבען געטהון פערקעהרט און איבערגענומען אַ סך שענע אידישע מדות, אַזוי, אַז טיילמאָל בעקומט מען דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען געווען די רבנים און מיר — די בעלי-עגלות...

און דאס איז אויך דער פשט: „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם", זיי האבען זיך איבערגעביטען און געטוישט מיט די יוצרות. די גויים האבען זיך אבגעלערענט און צוגענומען פאַר זיך אַ טייל פון די גוטע מדות, מיט וועלכע די אידען האבען זיך תמיד אויסגעצייכענט און די אידען האבען איבערגענומען די שלעכטע מדות און די שנאה פון עשו'ן...

(דובנער מגיד)

הם קנאוני בלא אל, כעסוני בהבליהם... (לב. כא.)

דון יצחק אברבנאל דערצעהלט אין אַנ'אָרט, אַז מען האָט געהאַט געפרעגט איינעם אַ משומד, פאַרוואָס ער האָט זיך גע'שמד'ט, האָט ער דערויף געענטפערט מיט אַ הלצה, אַז פריהער, בשעת ער איז געווען אַ איד, האָט ער זיין גאָט נישט געקענט זעהען, דען עס שטעהט „כי לא יראני האדם וחי", דאַגעגען גאָט איהם האָט יאָ געזעהען, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו", איצט אָבער איז פערקעהרט: ער דעם גאָט זיינעם זעהט עטליכע מאָל אין טאָג, דאַגעגען גאָט איהם — קיין איין מאָל נישט...

און אַזוי, אגב, ווערט דייטליך געזאָגט אין מדרש: „מעשה ידיכם אתם רואים והם אינם רואים אתכם, והקב"ה רואה מעשה ידיו ומעשה ידיו אינן רואין אותו, שנאמר כי לא יראני האדם וחי" (מדרש תהלים ק"ג).

כי קרוב יום אידם וחש עתידות למו... (לב. לה)

„נודע ד׳ משפט עשה בפועל כפיו נוקש רשע וכו׳״ (תהלים ט.).
נודע ד׳ משפט עשה — ווען ווערט גאָט׳ס נאָמען בעוואוסט מיט זיין משפט איבער די רשעים און ווען נעמט מען זיך אראָב אַ מוסר השכל דערפון? בשעת עס איז — בפועל כפיו נוקש רשע — בעת דער רשע ווערט בעשטראָפט פאַר זיינע פערברעכערישע מעשים באַלד אויפ׳ן אָרט, פאַר אַלעמען אין די אויגען, דאַן איז — הגיון סלה — דינט עס אַלס ביישפיל פאַר אַלע אַנדערע, זיי זאָלען זיך פערטראַכטען וועגען דעם, דאַ־געגען אָבער ישובו רשעים לשאולה — ווען דער משפט איבער זיי קומט ערשט פאַר אויף יענע וועלט, אין גיהנום, נאָכ׳ן טויט, דאַן — כל גוים שכחי אלקים — פערגעסען די גוים אין גאָט און קיינער ווערט דאַ־דורך נישט בעסער, וואָרום דאָס, וואָס עס קומט פאָר אויף יענע וועלט, דאָס זעהען זיי דאָך נישט...

(רבי ישראל ליפשיץ, בעל „תפארת ישראל״)

ראו עתה כי אני הוא ואין אלקים עמדי... (לב. לט.)

„אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים, אני ראשון — שאין לי אב, ואני אחרון — שאין לי אח, ומבלעדי אין אלקים — שאין לי בן״... (שמות רבה פ׳ כ״ט).

עהנליך דערצו:
„לא איש אל ויכזב ובן אדם ויתנחם. אם יאמר לך אדם: אל אני — מכזב הוא, בן־אדם אני — סופו לתהות; שאני עולה לשמים — הוא אמר ולא יקימנה״... (ירושלמי תענית ס״ה).

אויף אַן׳עהנליכען אופן:
„יש אחד ואין שני גם בן ואח אין לו (קהלת ד. ח.), יש אחד זה הקב״ה וכו׳ ואין שני, שאין לו שותף בעולמו, גם בן ואח אין לו, אח אין לו בן מאין יש לו״ ?... (קהלת רבה).

וכפר אדמתו עמו... (לב. מג.)

„כל המהלך בארץ ישראל אפילו שעה אחת ומת בתוכה מובטח לו שהוא בן עולם הבא, דכתיב וכפר אדמתו עמו״... (מדרש משלי פי״ז).

כל מאן דזכי, יעדער איינער, וועלכער איז זוכה צו פערבינדען זיך מיט׳ן דאָזיגען הייליגען לאַנד ביים לעבען, איז ער זוכה צו פערבינדען זיך שפּעטער מיט׳ן העכערען ארעא קדישא, אָבער ווער עס איז דערצו נישט זוכה ביים לעבען און מען ברענגט איהם בלויז אַהין קובר צו זיין, אויף דעם איז געזאָגט געוואָרען: „ונחלתי שמתם לתועבה״... און יעדער איינער, וואָס איז זוכה אויסצוהויכען זיין נשמה אין הייליגען לאַנד, ווערען איהם אַלע זיינע חטאים פערגעבען און ער איז זוכה צו רוהען תחת כנפי השכינה... (זוהר פ׳ אחרי).

ויבא משה וכו׳ הוא והושע בן נון... (לב. מד.)

די י׳, וועלכע איז, אַלס דאָס קלענסטע אות, דער סימבאָל פון ענוות, האָט איהם משה רבינו מוסיף געווען, ענדערענדיג זיין נאָמען פון „הושע״ אויף „יהושע״, בכדי אָנצוווייזען און צו ריהמען איהם פאַר דער מדה פון ענוות, מיט וועלכע יהושע האָט זיך אויסגעצייכענט, ווי עס ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן פ׳ שלח: „וכד חמא ענותנותיה קרא משה להושע בן נון יהושע״. איצט אָבער, בשעת יהושע האָט געדאַרפט פערנעמען משה׳ס אָרט און ווערען דער מנהיג ישראל, האָט ער איהם מעהר נישט געוואָלט ריהמען מיט דער דאָזיגער מדה. צופיעל ענווות איז פאַר א מנהיג א חסרון, א מנהיג דאַרף אָפטמאָל זיין שטרענג, אַנדערש וועט מען פאַר איהם קיין דרך־ארץ נישט האָבען און אַזוי האָט אויך רבי אָנגעזאָגט זיין זוהן: „נהוג נשיאתך ברמה!״ (כתובות ק״ג), און דעריבער האָט ער איהם איצט צוריק גערופען מיט זיין פריהערדיגען נאָמען — הושע...

(משיב דברים)

וְזֹאת הַבְּרָכָה

וזאת הברכה אשר ברך משה וכו׳ את בני ישראל לפני מותו... (לג. א.)

„לפנו מותו — סמוך למיתתו" (רש״י)

די תורה ערקלערט אונז, פאַרוואָס משה רבינו האָט נישט געבענשט איטליכען איד בעזונדער, נאָר יעדען גאַנצען שבט צוזאַמען, ווייל עס איז געווען „לפני מותו — סמוך למיתתו" און ס׳איז נישט געווען קיין זמן צו געזעגענען זיך מיט איטליכען איינציגען.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער התם סופר נעזעגענט מיט׳ן פערזאַמעלטען עולם אין די לעצטע מינוטען פאַר דער פטירה...

אף חובב עמים כל קדושיו בידך וכו׳... (לג. ג.)

רבי זישע האניפּאָלער האָט זיך אום שמחת-תורה פונאַנדערגעוויינט ביי די דאָזיגע ווערטער און ער האָט געטייטשט:

אַף חובב עמים — הגם, רבונו של עולם, דו ווייזט אַרויס, בעוונותינו הרבים, אַזוי פיעל ליעבע צו די אַנדערע פעלקער און דו האָסט אונז איבערגעגעבען צו זיי אין גלות, דאָך — כל קדושיו בידך — טרעטען די אידען נישט אָב פון דיר און פון דיין אמונה — והם תכו לרגליך — הגם זיי ווערען צוליב דיר אָהן אויפהער געשלאָגען און געפּייניגט, דאָך — ישא מדברותיך — האַלטען זיי אין איין זאָגען: תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב!...

ידיד ה׳ ישכון לבטח עליו... (לג. יב.)

די ספרי מוסר לערנען אונז (באַריכות רעדט וועגען דעם רבי ידעי׳ הפניני), אַז מען זאָל זיך נישט חבר׳ן מיט קיינעם צופיעל, ווייל צו־שטאַרקע חבר׳שאַפט ענדיגט זיך דערמיט, וואָס מען ווערט סוף כל סוף צווישען זיך שונאים, און אַזוי וואָרענט אונז אויך דער פסוק: „הוקר רגלך מבית רעך״.

אָבער איין ידיד איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, וואָס מען קאָן זיך פערלאָזען אויף זיין פריינדשאַפט און מען מעג זיך אַ גאַנצען לעבען חבר׳ן מיט איהם: „ידיד ד׳ — ישכון לבטח עליו, חופף עליו כל היום״...

(רבי אברהם יצחק הכהן קוק)

שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך... (לג. יב.)

יעדער פון זיי זאָל עוסק זיין אין זיין געביעט: זבולון דער סוחר און עושר זאָל נישט אויסנוצען זיין גבירישע תקיפות און נישט אַריינמישען זיך אין די זאַכען, וועלכע געהערען, לויט זייער כאַראַקטער, צו יששכר דעם תלמיד־חכם.

און דאָס איז אויך דער זין, וואָס צווישען די „שלשה שהקב״ה בוכה עליהן בכל יום״ ווערט אויך אויסגערעכענט: „על שאי אפשר לו לעסוק בתורה ועוסק״ (חגיגה ה׳). אין פלוג: וואָס פאַר אַ חטא בעגעהט ער דערמיט? אַדרבה, מען דאַרף דאָך זיין צופרידען פון אַזעלכען, וועל־כער בעמיהט זיך עוסק צו זיין בתורה, כאָטש ער קאָן נעביך נישט? — נאָר געמיינט ווערען דערמיט די יעניגע, וועלכע עסק׳ן זיך און פאָרען זיך אַרום דער תורה, זאָגען אַ דעה אין רעליגיעזע ענינים, רייסען זיך צו ווערען געוועהלט אַלס תלמוד־תורה גבאים, שטעלען זיך בראש פון פערשידענע חינוך־אינסטיטוציעס, כאָטש לויט זייער מהות האָבען זיי צו די דאָזיגע זאַכען אַ קנאַפּע שייכות, זייענדיג אַליין מורא׳דיגע עמי־הארצים...

(פרדס יוסף)

כי שפע ימים יינקו ושפוני טמוני חול... (לג. ט.)

וואָס איז דער טייטש „טמוני חול״?

נאָר אין די אַמאָליגע צייטען, בשעת אַ שיף האָט געפיהרט אין אַ לאַנד אַ משא מיט פראָדוקטען האָט זי צוריקוועגס אויך געמוזט אומקעהרען זיך מיט אַ משא. לעדיג האָבען די שיפען קיינמאָל נישט געקענט געהן, אַנדערש האָבען זיי צוליב זייער לייכטקייט נישט געקענט האַלטען זיך אויפ'ן וואַסער.

און דאָס איז דער זין פון דער ברכה: „כי שפע עמים יינקו". די שפע פון ארץ ישראל וועט זיין אַזוי גרויס, אַז „ושפוני טמוני חול", אַז די שיפען, וואָס זבולון וועט עקספּאָרטירען מיט ארץ־ישראל'דיגע סחורות אין די פרעמדע לענדער, וועלען צוריקוועגס, בכדי צו דערהאַלטען די גלייכגעוויכט, זיין אָנגעלאָדען מיט זאַמד, מחמת קיין סחורות פון דער פרעמד וועט זיי נישט לוינען צוריקצופיהרען, ארץ־ישראל וועט זיך אין קיין אימפּאָרט נישט נויטיגען, וואָרום זי וועט אַליין האָבען אַלץ וואָס זי דאַרף אין אַ איבערגענוגענדע מאָס...

(דון יצחק אברבנאל)

וירא ראשית לו... (לג. כא.)

אינ'ם דאָזיגען כלל דאַרף זיך האַלטען יעדער מנהיג העדה. „וירא ראשית — לו". דאָס, וואָס ער פרעדיגט און פערלאַנגט פון אַנדערע, דאַרף ער קודם כל ווייזען אַ ביישפּיעל פון זיך אַליין...

(מחנה חיים)

ולא ידע איש את קבורתו... (לד ו.)

„וכבר שלחה מלכות הרשעה וכו' הראנו היכן משה קבור, עמדו למעלה נדמה להם למטה, למטה נדמה להם למעלה וכו', לקיים מה שנאמר ולא ידע איש את קבורתו" (סוטה י"ג).

זינט צעהנדליגער, צעהנדליגער דורות האַלטען אונזערע שונאים אין איין טראַכטען, אין איין זוכען עצות ותחבולות, אין איין וועלען דערגעהן דעם סוד פון „היכן משה קבור", ווי אַזוי מקבר צו זיין, חלילה, די תורת משה, ווי אַזוי אָבצורייסען די אידען פון זייער אַלטער אמונה: צי זאָל מען עס דערגרייכען דערמיט, וואָס מען וועט די אידען אויפהויבען אין דער הויך, געבען זיי די מעגליכקייט צו געניסען פון אַלע בירגערליכע

רעכט און דאַן וועלען זיי זיך גענצליך אסימילירען מיט די שכנישע פעל־קער, אָדער פערקעהרט, מען דאַרף זיי וואָס מעהר רודפ'ן, וואָס מעהר אונטערדריקען און ערשט דאַן וועט געבראָכען ווערען זייער עקשנות. אונ־צעהליגע מאָהל האָט מען שוין אין אונצעהליגע מקומות אָנגעווענדעט געגען די אידען סיי די ערשטע, סיי די צווייטע טאַקטיק, אָבער יעדעס מאָל האָבען זיי זיך ענטווישט: „עמדו למעלה — נדמה להם למטה, למטה — נדמה להם למעלה"... די אַלע מיטלען געגען אידען האָבען נישט געהאָלפען און וועלען נישט העלפען, „לקיים מה שנאמר ולא ידע את קבורתו", די דאָזיגע קבורה־אַרבייט און אויסראָטונגס־פּלאַן וועט זיי קיינעם און קיינמאָל נישט געלונגען !..

(ילקוט סופר)

די חברה קדישא אין דאָברי האָט אַמאָל איינגעלאַדען דעם אָרטיגען רב, רבי יצחק אוירבאַך, צו דער גרויסער סעודה, וואָס זי פראַוועט יעדעס יאָהר. די דאָזיגע סעודה ווערט, כידוע, געפראַוועט בכל תפוצות ישראל אין ז' אדר, אין טאָג ווען משה רבינו איז נפטר געוואָרען און די חברה־קדישא לייט זענען דאַן עוסק אין הלכות אכילה ושתיה אין גאָר גרויסען פער־נעהם. נאָך דער סעודה ווען די חברה איז שוין געווען שטאַרק בגילופין האָבען זיי זיך געווענדעט צום רב, ער זאָל זיי זאָגען תורה, האָט ער געזאָגט:

— רבותי! מיר האָבען בקבלה, אַז מיט דער קבורה פון משה רבינו האָט זיך מתעסק געווען השי"ת בכבודו ובעצמו און אַז „ולא ידע איש את קבורתו", קיין שום ילוד אשה ווייסט נישט, וואו זיין קבר געפינט זיך. איז, ערשטענס, הלמאי האָט זיך השי"ת אַליין געדאַרפט דערמיט בעשעפ־טיגען, וואו איז געווען די חברא־קדישא? צווייטענס, פאַרוואָס האָט מען דער חברא־קדישא נישט אויסגעזאָגט, וואו דער קבר געפינט זיך, זי וואָלט דאָך געקאָנט ממש שאַרען גאָלד! עפעס אַ קלייניגקייט, וויפיעל אידען וואָלטען גרייט געווען צו בעצאָהלען פאַר אַ קרקע נעבען משה רבינו? נאָר די מעשה דערפון איז אַזוי. משה רבינו איז, כידוע, נסתלק געוואָרען אין ז' אדר און היות ווי אינם דאָזיגען טאָג פראַוועט די חברה־קדישא איהר יעהרליכע סעודה און אַלע חברה־קדישא לייט זענען אָנגעטרונקען ווי לוט, איז נישט געווען, ווער עס זאָל זיך מתעסק זיין מיט דער קבורה און דעריבער האָט עס השי"ת געמוזט אַליין טהון, און

דערפאַר איז אויך „ולא ידע איש את קבורתו", מחמת עס איז דערביי נישט געווען קיינער, חעמען מען זאָל מגלה זיין און אָנווייזען דאָס אָרט...

לא כהתה עינו ולא נס לחה... (לד. ז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „וטעם נס הפך מתח".

דאָס איז איינע פון די שווערסטע שטעלען אין אבן־עזרא, אויף וועלכען עס זענען שוין געזאָגט געוואָרען אָהן אַ שיעור פירושים, פון וועלכע דער ריכטיגסטער פשט זעהט־אויס צו זיין פאָלגענדער:

אין פ' כי תשא, אויפ'ן פסוק „ויאמר הנה אנכי כורת ברית" (לד. י.) ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „והנה כתוב במותו לא כהתה עינו ולא נס לחה הפך תולדות כל הזקנים". אויך דאָ, אַלזאָ, מיינט ער צו זאָגען דאָס זעלבע און, וואָהרשיינליך, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ קליינער טעות הדפוס: אַנשטאָט „מתח" מיט אַ ח', דאַרף זיין „מתה" מיט אַ ה' און מיט אַנ־אַי־בערשטריך אַלס ראשי־תיבות, וועלכע לייענען זיך: „מתולדות הזקנים"...

ויתמו ימי בכי אבל משה... (לד. ח.)

דעריבער איז „ויתמו ימי בכי אבל משה", האָבען זיך געענדיגט די טעג פון געוויין און די אידען האָבען זיך בערוהיגט און אויפגעהערט צו טרויערען נאָך משה'ן, ווייל — „ויהושע בן נון מלא רוח חכמה כי סמך משה את ידיו עליו", ווייל זיי זענען געווען זיכער, אַז יהושע קאָן פולקאָם פערטרעטען זיין פלאַץ און ער איז שקול כמשה, אָבער — פיהרט אויס דער פסוק — זיי האָבען אַ טעות געהאַט: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", נישטאָ און עס וועט נישט זיין מעהר אַזאַ מענש, וואָס זאָל איהם קאָנען פערטרעטען!..

(תוצאות חיים)

אין פ' ויחי, נאָך דער פטירה פון יעקב אבינו, שטעהט: „ויעברו ימי בכיתו", דאָרט האָט זיך דאָס געוויין נישט געענדיגט, נאָר — „ויעברו", זיי זענען איבערגעגאַנגען, זיי האָבען זיך בלויז איבערגעטראָגען פון איין גע־

ווײן צום צווייטען, פון איין טרויער צום צווייטען. עס האָבען זיך דאַן אָנ־געהויבען דערנעהנטערען פאַר די בני־ישראל די שווערע פינסטערע טעג פון שעבוד־מצרים, פון פרעה און זיינע גזירות.

דאַגעגען נאָך דער פטירה פון משה רבינו איז געווען: „ויתמו ימי בכי״, עס האָבען זיך געענדיגט די טרויעריגע וויינענדיגע טעג, עס האָבען זיך געענדיגט די פיערציג יאָהר אַרומוואַנדערען אין דער מדבר און עס האָט זיך אָנגעהויבען די גלענצענדע עפּאָכע פון כיבוש ובנין הארץ, גריי־טענדיג זיך צו פערנעהמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, צו קומען ענדליך אל המנוחה והנחלה... „ויתמו ימי בכי״!

(דברי בנימין)

לכל האותות והמופתים וכו׳... (לד. יא.)

„לכל האותות והמופתים וכו׳ אשר עשה משה לעיני כל ישראל״, די אַלע אותות ומופתים, וואָס משה האָט געוויזען פאַר די אידען, האָבען געהאַט איין אויפגאַבע און איין צוועק: איינצופלאַנצען אין זייערע הערצער די אמונה, אַז — „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״!...

(כתב סופר)

חָמֵשׁ מְגִלּוֹת

שִׁיר הַשִּׁירִים

צו רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמה אויף אַ ספר און ער האָט דערביי גענומען דערצעהלען, וואָס פאַר אַ גרויסער יחסן ער איז.

מאַכט צו איהם רבי אייזיל.

אין שיר השירים האָט שלמה המלך נישט אָנגעגעבען זיין יחוס, ערקלערענדיג קורץ: „שיר השירים אשר לשלמה", און דאָך האָט דאָס ספר שטאַרק אויסגענומען און מען האָט דערויף אַרויסגעגעבען אַ הסכמה, אַז „כל הכתבים קדש ושיר השירים קדש קדשים" (מגילה ו'). אין קהלת דאַגעגען ווערט שוין אויסגערעכענט דער גאַנצער יחוס פון מחבר: „דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים" און פונדעסטוועגען — „בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת" (שבת ל')... וואָרום ביי הסכמה אויף ספרים, ליעבער איד, רע־כענט מען זיך נישט מיט קיין יחוס...

כאהלי קדר כיריעות שלמה... (א. ח.)

אַזיי זעהען אויס, ליידער, אַ סך אידישע הייזער: אויסערליך זעהען זיי „כיריעות שלמה", מאַכען זיי דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט דאָרט גע־וועזען העל און ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך און פול מיט כל־טוב, און אינ־וועניג איז „כאהלי קדר", הערשט חשכות, מרה־שחורה און עס פייפט אין זיי דער דלות...

(מתנה לוי)

אם לא תדעי לך היפה בנשים — צאי לך בעקבי הצאן... (א. ח.)

אויב דו ווייסט נישט און דו ווילסט וויסען און דערקענען דעם אמת'ן מהות פון דער פרוי, צי איז זי ווירקליך שען און איידעל אין איהר אויפפיהרונג — „צאי לך בעקבי הצאן", טהו דאן א קוק אויף די קינדער איהרע, ווי אזוי זי האט זיי מחנך געווען, וואס פאר א ערציהונג זי האט זיי געגעבען. וואס פאר א מאמע — אזעלכע קינדער...

(פרחי אהרן)

לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי... (א. ט.)

די מפרשים מאטערען זיך צו ערקלערען דעם זין און בעדייטונג פונ'ם דאזיגען משונה'דיגען פערגלייך, באמת אבער איז עס גאנץ איינפאך:

פערגלייכענדיג אין די ווייטערע פסוקים דעם געליעבטען צו א קעניג — „עד שהמלך במסיבו נרדי נתן ריחו", ווערט די געליעבטע, אלס ביי-שפיעל פין איהר טרייהייט און איבערגעגעבענהייט צו איהם, פערגליכען צום קעניגליכען רייט-פערד אין טאג פון זיין קרוינונג, וועלכע איז שטרענג פערבאטען פאר אנדערע, צו וועלכע קיין שום מענש טאר זיך מעהר נישט צוריהרען...

(הרב ברוך פרידענבערג)

קורות בתינו ארזים... (א. יז.)

„שבח המשכן הוא זה" (רש"י)

א פלא! אין משכן זענען דאך נישט געווען קיין קורות, קיין באלקענס?

מעגליך, אז עס איז דא אריינגעפאלען א טעות און עס דארף זיין: „שבח המקדש".

(דברי חכמים)

כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות... (ב. ב.)

דער רמב"ן האט אמאל שפאצירט אין גארטען מיט זיינעם א פריינד,

אַ כומר, און עס האָט זיך פערבינדען צווישען זיי אַ שמועס וועגען אידען.

— איהר אידען — זאָגט דער כומר — מוזט ווירקליך זיין אַ שלעכט פאָלק, אַנדערש וואָלט מען אייך נישט אַזוי פיינד געהאָט אויף דער וועלט.

אַלס ענטפער נעהמט איהם דער רמב״ן אַרומפיהרען איבער׳ן גאָרטען און ווייזט איהם:

— אָט האָט איהר דאָ שענע, שמעקעדיגע רויזען, וועלכע זענען צו־פרעסען פון די פליגען און ווערים, און אָט האָט איהר דאַגעגען שטעכיגע דאָרניגע בלומען, אויף וועלכע די פליגען און ווערים האָבען קיין שליטה נישט. צי בעווייזט דאָס, אַלזאָ, אַז די דערנער זענען בעסער ווי די רויזען? — זיכער נישט, דאָס בעווייזט בלויז, אַז די רויזען, אַלס איידעלע און צאַרטע געוויקסען, זענען ליידער נישט בכח אַנטקעגענצושטעלען זיך זייערע פיינד, ווי דאָס זענען אימשטאַנד צו טהון די שטעכעדיגע דערנער...

און דאָס זעלבע — האָט דער רמב״ן צוגעגעבען — איז מיט אונז. נישט דערפאַר וייל מיר זענען שלעכט, רודפ׳ט מען אונז, נאָר וייל מיר זענען שוואַך און האָבען נישט קיין מעגליכקייט צו פערטיידיגען זיך...

סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים
כי חולת אהבה אני... (ב. ה.)

ביי די מזרח פעלקער איז געווען אַ מנהג, אַז יעדע כלה פלעגט פאַר׳ן געהן צו דער חופה עסען אַן׳עפעל. דער עפעל איז געווען דער סימבאָל פון ליעבע (אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע ווערט עראָס, דער גאָט פון ליעבע, פאָרגעשטעלט מיט אַן׳עפעל אין האנד), און דערמיט ווערט אַלזאָ פערשטענדליך דער בילדליכער אויסדרוק: „רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני״...

(יצחק בער לעווינזאהן)

כי חולת אהבה אני... (ה. ב.)

פון ליעבע צו דיר זענען מיר קראַנק. דערפאַר, וואָס מיר זענען צוגעבינדען צו דיר און מיר האָבען דיך ליעב — האָבען אונז אַלע פעלקער פיינד, האָבען מיר פון זיי אַזוי פיעל צרות און ליידען אויסצושטעהן...

(ספורנו)

השבעתי אתכם בנות ירושלים וכו׳... (ב. ז.)

„ד׳ שבועות כאן וכו׳ והשביע הקב״ה את העכו״ם שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי״. (כתובות קי״א).

פארוואס שטעהט עפיס: „שלא ישתעבדו בהן בישראל״, עס וואלט דאך געגוג געווען: „שלא ישתעבדו בישראל״?

געפינען מיר דערויף אין ספר „עלה דיונה״ פון רבי ישראל יונה מקעמפנא, דעם מחבר פון „מעון הברכות״, פאלגענדע מערקווירדיגע ערקלערונג:

השי״ת — שרייבט ער — האט געטהון א חסד גדול, וואס ער האט אריינגעגעבען אין די הערצער פון די מלכים ושרים, אז זיי זאלען נישט איבערגעבען צו א איד קיין שום ממשלה... ווייל די ערפאהרונג ווייזט אונז, אז אין די זעלטענע פאלען, ווען א איד בעקומט מצד די ממשלה די מינדעסטע התמנות, האט מען פון איהם אויסצושטעהן גרויסע צרות און דאס איז דאס שווערסטע פורעניות... און דאס איז די כונה פון מאמר, אז השי״ת האט בעשוואוירען די עכו״ם „שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי״. עס ווערט געמיינט: „שלא ישתעבדו בהן״, זיי זאלען זיי נישט אונטערדריקען און פייניגען, „בישראל״, דורך אידען, מיט דער הילף פון אידישע בעאמטע, מחמת ווען דאס וואלט געשעהען אין א צו־גרויסער מאס „יותר מדאי״, וואלטען די אידען חלילה קיין תקומה נישט געהאט...

הנה זה עומד אחר כתלנו, משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים... (ב. ט.)

זינט עס איז חרוב געווארען דאס בית־המקדש — זאגען די חז״ל—איז אוועקגעשטעלט געווארען אנ׳אייזערנע מחיצה בין ישראל ובין אביהם שבשמים.

און דאס — האט געזאגט דערויף רבי ישראל סאלאנטער — איז דער הילוק צווישען „משגיח מן החלונות״ און „מציץ מן החרכים״.

פאר׳ן חורבן זענען מיר געווען בבחינת „משגיח מן החלונות״. בשעת א פאטער קוקט אויף זיין זוהן דורכ׳ן פענסטער זעהען זיי זיך ביידע: דער פאטער דעם זוהן און דער זוהן — דעם פאטער.

דאגעגען נאכ׳ן חורבן, ווען ס׳איז צווישען אונז אוועקגעשטעלט גע־ווארען אנ׳אייזערנע וואנד, קוקט כביכול אויף אונז דורך „חרכים״, דורך די שפארעס. דער פאטער זעהט דאס זעלבע, וואס פריהער, דער זוהן אבער זעהט נישט דעם טאטען און ער שטעהט א דערשראקענער, א פערצווייי־

פעלטער. מיינענדיג, אַז ער איז חלילה איבערגעלאָזט געוואָרען אינגאַנצען אויף הפקר...

כפלח הרמון רקתך... (ד. ג.)

„רקנים שבך מלאיך מצוות כרמון" (סנהדרין ל"ז).

„ריקנים שבך", דאָס איז געזאָגט געוואָרען נאָר וועגען אַזעלכע, וועלכע האַלטען זיך אָן דיר און ביי דיר, וועלכע האָבען זיך פון דיר נישט דערווייטערט און נישט אָבגעריסען און זיי בעטייליגען זיך אין אַלע ענינֵי הכלל, נאָר אויף אַזעלכע בעציהט זיך דער שבח, אַז זיי זענען „מלאים מצוות כרמון", אָבער נישט די רקנים, וועלכע זענען ווייט סיי פון אידיש־קייט, סיי פון אידען...

(תולדות ישראל)

נופת תטופנה שפתותיך כלה (ד. יא.)

דער „פרי מגדים" האָט נישט ליעב געהאַט קיין אַריכות און, ווי עס איז צו זעהן פון זיינע ספרים, איז ער געווען אַ שטאַרקער בעל־מקצר. איידער ער איז געוואָרען רב האָט ער אַ געוויסע צייט געלערנט אין בער־לין אין׳ם בית־מדרש פון גביר ר׳ דניאל יפה, וואו עס איז דאַן געווען אַ צענטר פון תלמידי חכמים, וועלכע ר׳ דניאל האָט אויסגעהאַלטען אויף זיין חשבון, און אָט האָט איהם ר׳ דניאל איינמאָל פאָרגעהאַלטען, באשר די חברים, וועלכע לערנען מיט איהם צוזאַמען, קלאָגען זיך אויף איהם, אַז ער איז ביים לערנען שטאַרק מקצר אין ווערטער און ס׳איז זיי אָפט שווער צו כאַפּען, וואָס ער מיינט.

ענטפערט איהם דער „פרי מגדים" בדרך הלצה: דער תלמיד חכם ווערט אין פסוק געגליכען צו אַ כלה: „נופת תטופנה שפתותיך כלה", און דער דרך פון אַ כלה איז צו זיין בעשיידען, נישט צו ריידען קיין סך, אַזוי ווייט, אַז זאָגאַר דאַן ווען דער חתן זאָגט צו אַ הר: „הרי את", ענט־פערט זי איהם אַפילו נישט...

דער נצי״ב פון וואָלאָזשין פלעגט זעהר נישט צופרידען זיין פון די מחברים, וואָס זענען מקצר אין זייערע ספרים ביים בעגרינדען אַ סברא

און זיי זענען יוצא מיט „מראי מקומות״, אָבשיקענדיג דעם לעזער, ער זאָל מעיין זיין דאָ און דאָרט.

— די דאָזיגע „מראי מקומות״ — פלעגט ער זאָגען — זענען עפּ״י רוב טשעקען אָהן דעקונג...

—

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי יאָשע בער'ן, הלמאי אין זיין ספר „בית הלוי״ בעגעגענט מען אַ סך חדושי תורה, וועלכע געפינען זיך שוין אין אַנדערע ספרים?

האָט ער געענטפערט: בשעת אַ מענש געהט אין גלייכען וועג בעגעגענט ער זיך מיט אַ סך דורכגעהער, וועלכע געהען אין'ם זעלבען וועג, וואָס ער. דאַגעגען אַז אייגער לאָזט זיך אַוועק אין קרומע וועגען, קאָן ער אָבגעהן אַ מהלך רב און קיינעם נישט בעגעגענען...

—

דבש וחלב תחת לשונך... (ד. יא.)

„כל דהאומר דברי תורה ברבים יהיו ערבים לשומעיהם כדבש וחלב״ (מדרש חזית).

וואָס איז דער פערגלייך „כדבש וחלב״?

האָט עס דער קעלמער מגיד מסביר געווען:

ביי דבש איז דער פסולת, דער וואַקס, אין דער הויך, און דער האָניג — פון אונטען, ביי חלב דאַגעגען איז פערקעהרט, דאָס פסולת פון דער מילך בלייבט פון אונטען און דאָס פעטס — אין דער הויך; און די כוונה איז, אַז דער דורש ברבים דאַרף זיך בעמיהען, אַז זיינע ווערטער זאָלען האָבען אין זיך די מעלות פון חלב ודבש צוזאַמען. זיי זאָלען זיין גוט פון אָנהויב ביז'ן סוף, נישט ווי מאַנכע דרשנים, וועלכע הויבען אָן גוט און פערענדיגען שלעכט, אָדער פערקעהרט...

—

עורי צפון ובואי תימן... (ד. טז.)

„מלמד שהרוחות ערידות להכניס קנאה זו עם זו, רוח דרום אומרת אני מביא גלות דרום, ורוח צפון אומרת אני מביא גלות צפון,

והקב״ה נותן שלום ביניהם והם נכנסים בפתח אחד, לקיים מה שנאמר: אומר לצפון תני ולתימן אל תכלאי״ (שה״ש רבה).

עס איז אַן אָנדייטונג אויף דער אַלטער שטרייט־פראַגע צווישען די צוויי שטרעמונגען ביי אידען, די צוויי אויפפאַסונגען וועגען דעם אופן און דרך הגאולה. זיינט דורות פיהרט זיך אַ קאַמף, אַ „רוח קנאה״, צווישען די אונרוהיגע, טעמפעראַמענטפולע אידען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט פייער, מיט ברען, מיט׳ן „רוח דרום״, האַלטענדיג, אַז מען טאָר נישט זיצען מיט פערלייגטע הענד, אַז מען מוז אַליין עפּעס אנהויבען טהון און מיט אַלע כוחות צוטרעטען צום אויפבוי פון אידישען לאַנד, און צווישען די געלאַסענע, קאַלטע אידען פון „רוח צפון״, וועלכע האַלטען, אַז מיר אַליין טאָרען גאָרנישט טהון, נאָר מען דאַרף זיצען און וואַרטען, און האָבען בטחון, אָבער סוף־כל־סוף „הקב״ה נותן שלום ביניהם״, וועלען ביידע שטרעמונגען צווישען זיך שליסען שלום, „והם נכנסים בפתח אחד״, קומענדיג צו אַ הסכם, אַז צום בטחון זענען נויטיג — מעשים, און צו די מעשים — בטחון...

(גאולת ישראל)

פתחי לי אחותי רעיתי... (ה. ב.)

„אמר הקב״ה לישראל: פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם״ (שה״ש רבה).

עס איז געווען טאַקי — האָט דערויף געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער — צו עפענען בלויז אַ קליינעם פתח. אָבער זיין זאָל ער „כחודו של מחט״, שאַרף אַדורך און אַדורך — עס זאָל שטעכען ווי אַ נאָדעל...

דודי שלח ידו מן החור... (ה. ד.)

דער אויבערשטער שטרעקט־אויס, כביכול, זיין האַנד און איז מקבל פון אונז די תשובה אויף אונזערע חטאים — „מן־החור״, ווייל ער ווייסט, אַז „לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב״, אַז נישט מיר זענען שולדיג, נאָר די בעדינגונגען, די צרות אַרום...

(מגלת ספר)

ע׳יניך כיונים על אפיקי מים.. (ה יב)

ווי עס פּערזיכערען די חכמי המחקר, בעזיצט די טויב אַזאַ שאַרפע ראיה, אַז בשעת זי שטעהט ביים ברעג פון אַ טיעפען טייך, איז זי אים־שטאַנד צו זעהען, וואָס עס טהוט זיך אויפ׳ן באָדען אונטער׳ן וואַסער.

און דאָס איז דער זין פון דער מליצה: „עיניך כיונים על אפיקי מים״, די בליקען פון דיינע אויגען זענען אַזוי דורכדרינגענד, ווי די אויגען פון די טויבען, וועלכע שטעהען ביי די וואַסער־ברעגען.

(רבינו סעדיה גאון)

אל גנת אגוז ירדתי... (ו יא.)

פונקט ווי די ניס, וועלכע מען קאָן נישט דורכ׳גנב׳ענען דורך דער צאַל־גרעניץ, ווייל זיי לאָזען זיך הערען און זענען קענטיג, אַזוי איז אויך מיט ישראל: וואוהין איינער פון זיי זאָל נישט קומען, איז ער נישט אים־שטאנד זיך צו פערלייקענען און צו זאָגען אויף זיך, אז ער איז נישט קיין איד, ווי עס ווערט געזאָגט (ישעי׳ ס״ד): „כל רואיהם יכירו״...

(שה״ש רבה)

פונקט ווי די ניס, בשעת דו נעהמסט אראָב פון א קופּע ניס איינע פון זיי, בעוועגען זיך אלע איבריגע און ריהרען זיך פון אָרט, אזוי איז אויך מיט ישראל: אז מען שלאָגט איין יוד — דערשפּירען אלע מיט איינ־מאָל דעם וועהטאָג...

(דאָרט)

לכה דודי נצא השדה נלינה בכפרים... (ז. יב.)

דער קעלעמער מגיד פלעגט זאָגען:

קומענדיג אין א שטאָדט אריין און וועלענדיג זיך בעוואָרענען, אַז כ׳זאָל פון מיינע דרשות נישט אריינפאַלען אין אַ צו־גרויסען כעס אויף אונזערע אידען, געה איך פריהער אַרויס אויפ׳ן פויערישען יריד און אין

די שענקען און ערשט שפעטער קום איך אין בית־המדרש אַריין, זעה איך דאַן אַנ׳אונטערשיער... פריהער איז „בוא ואראך בני עשיו שהשפעת להם טובה והם כופרים בך״, און ערשט דערנאך — „נשכימה לכרמים, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות״...

ר ו ת

ויהי בימי שפוט השופטים... (א. א.)

„אוי לו לדור ששופט את שופטיו ואוי לו לדור ששופטיו צריכים להשפט, שנאמר וגם אל השופטים לא שמעו״ (מדרש רבה)

אויב מען האט געדארפט מעפט'ן די שופטים הייסט דאך עס, אז די שופטים האבען נישט געטויגט, איז וויבאלד אזוי דארף דאך זיין „אוי להם לשופטים״, נישט „אוי לו לדור״?

נאר דער שופט און מנהיג, ווי שלעכט ער זאל נישט זיין, איז ער נאך אלץ בעסער און שטעהט נאך אלץ העכער פאר די געוועהנליכע מענשען פון דור, און אויב עס זענען געווען אזעלכע שופטים, וואס דער דור האט זיי געדארפט משפט'ן, איז „אוי לו לדור״, קאן מען זיך שוין פארשטעלען, ווי אזוי דער דור אליין האט דאן אויסגעזעהען...

(איל המלואים)

ויהי רעב בארץ

„כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא צרה וכאן נאמר תרי ויהי — שתי צרות. ויהי בימי שפוט השופטים, שהיה בה רעבון של תורה וכו׳, ויהי רעב בארץ — שהיה בה רעבון ללחם״.

דער „רעבון של תורה״ קומט דאמאלס, ווען עס איז דא א „רעבון ללחם״. „חסורי מחסרא — והכי קתני״, בעת עס איז נישטא קיין פרנסה ועצט מען זיך לערנען...

(זרע ברך)

וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדה מואב וכו׳... (א א)

דאָ ווערען נישט אָנגערופען זייערע נעמען, נאָר עס ווערט געזאָגט סתם: „וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדה מואב הוא ואשתו ושני בניו״, ערשט אין צווייטען פסוק ווערט ערקלערט: „ושם האיש אלימלך ושם אשתו נעמי ושם שני בניו מחלון וכליון״, פאַרוואָס ווערען זייערע נעמען נישט דערמאָהנט באַלד אין ערשטען פסוק?

נאָר, כידוע, איז אלימלך אַנטלאָפען פון בית־לחם צוליעב קאַרגשאַפט, צוליעב די צופיעל אָרימעלייט, וואָס זענען אין׳ם הונגער־יאָהר געקומען צו אידהם בעטען הילף, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש: „אמר אלימלך הכל משכימין לפתחי וברח״, און היות ווי אויך אויפ׳ן וועג, ווען מען זאָל וויסען ווער עס פאָהרט, וואָלטען איהם די קבצנים און אָרימע קרובים געוועזען בעלאַגערט און געבעטען נדבות, איז ער דעריבער אַנטלאָפען אינקאָגניטאָ און נישט אויסגעגעבען, ווער ער איז. ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין אבערגעקומען דעם וועג און אָנגעקומען אין׳ם פרעמדען לאַנד, „לגור בשדה מואב״, ערשט דאָרט האָט ער זיך געגעבען צו דערקענען און בפרסם געוועזען: „ושם האיש אלימלך ושם אשתו נעמי ושם שני בניו מחלון וכליון״...

(כלי חמדה)

וישאו להם נשים מואביות... (א. ד.)

מיט׳ן טאַטען רעכענט מען זיך נאָך אַ ביסעל אין׳ם פרעמדען לאַנד, פאַר׳ן טאַטען האָט מען נאָך ווי עס איז דרך־ארץ. אָבער „וימת אלימלך איש נעמי וכו׳, דאַן — „וישאו להם נשים מואביות״, פאַר דעם מאַמען האָט מען שוין איז אַזעלכע פאַלען קיין מורא נישט...

(אלשיך)

ותשאר האשה משני ילדיה... (א. ה.)

וועגען אַ געוויסען בעקאַנטען גאון ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל געשריבען אַ בריעף צו זיין זוהן, וועלכער איז אַרויס לתרבות־רעה, און אָנגעהויבען האָט זיך דער בריעף מיט׳ן טיטול „לילדי״. איינער פון זיינע נאָהנטע מקורבים, וועלכער האָט דאָס איבערגעלייענט, איז געוואָרען

שטארק פערוואונדערט: היתכן? — האט ער געפרעגט — צו א זוהן, וואס פערשאפט אייך אזוי פיעל צער, שרייבט איהר אזא לשון-חיבה: „ילדי״?...

האט איהם דער גאון דערויף געענטפערט: אין רות ווערט געזאגט אין איין פסוק (א, ג.): „ותשאר היא ושני בניה״, דאגעגען אין צווייטען פסוקים ווייטער (א. ה.) ווערט געזאגט: „ותשאר האשה משני ילדיה״. איז דאך קשה: פארוואס ווערען זיי פריהער אנגערופען „בניה״ און נאכהער — „ילדיה״. צי דען זענען זיי שפעטער יונגער געווארען און פון בנים זענען זיי געווארען ילדים?

נאר „בן״ מיינט מען א זוהן, וואס געהט אין פאטערס דרכים און בעמיהט זיך פארטצוזעצען זיינע מעשים, ווי מיר געפינען אין מדרש תנחומא פ׳ בראשית: „ויולד בן — למה נקרא שמו בן, לפי שהוא בונה את העולם״. אזעלכער אבער, וועלכער איז נישט קיין בונה את העולם, ער מאכט חרוב די וועלט, וואס דער פאטער האט געבויט, איז ער נישט ראוי צו טראגען דעם נאמען „בן״. פריהער, אלזא, כל-זמן די קינדער האבען זיך לייטיש אויפגעפיהרט, איז — „ותשאר היא ושני בניה״, זענען זיי געווארען אנגערופען בנים. באלד אבער אינ׳ם ווייטערען פסוק ווערט דערצעהלט, אז זיי זענען אראב פון דרך הישר און „וישאו להם נשים מואביות״, און דאן — „ותשאר האשה משני ילדיה״, זענען זיי שוין נישט געווען מעהר קיין בנים, נאר סתם ילדים, קינדער, וועלכע מען האט געבוירען און וועלכע זענען אבער, ליידער, נישט מעהר קיין בונים...

כי המות יפריד ביני ובינך... (א יז)

עס שטעהט נישט „יפריד בינינו״, נאר „ביני ובינך״. דער טויט טיילט נישט פונאנדער ביידע, נאר איינעם: דער טויטער ווערט אבגעשיידט פון לעבעדיגען, צו וועלכען ער וועט שוין קיינמאל צוריק נישט קומען, דער לעבעדיגער דאגעגען ווערט נישט אבגעשיידט פון טויטען. ער צו איהם וועט און מוז סוף כל סוף קומען...

(דובנער מגיד)

די גיורת רות לאצארוס, די פרוי פון פראפעסאר משה לאצארוס, וועלכע האט זיך מגייר געווען און פערפאסט איייניגע ביכער וועגען אידענטום, האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז אויפ׳ן גרונד פון איהרע לאנג-

יעהריגע בעאַבאַכטונגען האָט זי פעסטגעשטעלט, אַז כמעט יעדער אידישער משומד איז בטבע אַ געוויסענלאָזער, פערדאָרבענער מענש, נאָך איידער ער שמד׳ט זיך, און יעדער גר, וועלכער בעשליסט אַנצונעהמען דעם אידישען גלויבען, צייכענט זיך אויס מיט זיין איידעלקייט און גוטע מדות, נאָך איידער ער איז זיך מגייר...

גם כי אמר אלי עם הנערים אשר לי תדבקין.. (ב. כא.)

א״ר חנין בר לוי, בודאי מואביה היא זו, הוא אמר וכה תדבקין עם נערותי והיא אמרה עם הנערים אשר לי״ (מדרש רבה).

ווי אַזוי איז דערפון אַ בעוויז, אַז זי איז אַ מואביה?

דער פשט איז גאַנץ איינפאַך: דערפון, וואָס זי האָט געמאַכט אַזאַ גראַמאַטיקאַלישען גרייז און אַנשטאָט „עם הנערות״, האָט זי געזאָגט „עם הנערים״, נישט אונטערשיידענדיג בין זכר לנקבה, איז געווען קלאָר, אַז זי איז אַ מואבית און זי האָט נאָך נישט געקענט גרינדליך די העב־רעאישע שפראַך...

(גשמי ברכה)

ויאמר הבי המטפחת וכו׳ וימד שש שעורים... (ג. טו.)

אַזאַ חשוב׳ע מתנה איז עס — שש שעורים?

נאָר די גמרא זאָגט: „מעיקרא מאימת? — אמר רב פפא, מכי רמי שערי באסינתא״ (כתובות ח׳), אַז עס איז געווען אַ מנהג אין די אידישע הייזער פאַר דער חתונה צו ווייקען גערשטען און צו מאַכען דערפון ביער, דאָס מיטגעבען איהר ביים אַוועקגעהן אַביסעל גערשטען, איז אַלזאַ, געווען אַ צייכען און אַנצוהערעניש, אַז ער איז גרייט מיט איהר חתונה צו האָבען...

(מגילת ספר)

ויקח עשרה אנשים מזקני העיר... (ד. ב)

עס האָט אַמאָל אַ וואַרשאָווער איד, אַ געפאַלענער בעל־הבית, אויס־גערעדט זיך דאָס האַרץ פאַר רבי זיינוועלע קלעפפיש, באשר ער דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער און די חתונה מאַלצייט, צו וועלכער ער דאַרף

איינלאַדען אַ גרויסען עולם, עסליכע הונדערט געסט, דאַרף איהם אָבקאָס־טען אַ סך געלר, אויף וואָס ער איז לײדער נישט אימשטאַנד און ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבען.

רופט זיך אָן צו איהם רבי זיינוועלע: צוויי מאָל ווערט דערצעהלט אין תנ״ך וועגען אַ חתונה מיט איינגעלאַדענע געסט: ביי לבנ׳ען און ביי בועז׳ן. איז ביי לבנ׳ען ווערט געזאָגט: „ויאסוף לבן את כל אנשי המקום ויעש משתה״. לבן, דער רמאי און שווינדלער, האָט, ווי דער שטייגער איז פון אַ שווינדלער, נישט געקלערט, וואָס מאָרגען וועט זיין און ער האָט געפראַוועט אַ חתונה מיט דער ברייטער האַנד, פערבעטענדיג אויף איהר „את כל אנשי המקום״, די גאַנצע שטאָדט מיט געסט. דאַגעגען בועז, הגם ער איז געווען אַ איד אַ נגיד, אַ גביר עצום, האָט ער אָבער געלעבט מיט חשבון און — „ויקח עשרה אנשים מזקני העיר״, האָט ער איינגעלאַ־דען אויף דער חתונה נישט מעהר ווי צעהן פערזאָן, און דערצו „מזקני העיר״, זקנים, אַלטע לייט, וועלכע קענען קיין סך נישט עסען... דאָס איז פאַלקאָם גענוג. מען דאַרף נישט ביים פראַווען אַ חתונה אַריינטרייבען זיך אין צופיעל הוצאות!..

יתן ד׳ את האשה הבאה אל ביתך כרחל ולאה וכו׳ ויהי ביתך כבית פרץ.. (ד. יא. יב.)

פאַרוואָס האָבען זיי אין זייער ברכה נישט דערמאָהנט אויף די ערש־טע אמהות, שרה ורבקה, נאָר בלויז רחל ולאה? און צוליעב וואָס האָבען זיי נאָך דערביי אויך געדאַרפט צוגעבען: „כבית פרץ אשר ילדה תמר ליהודה״?

נאָר בועז, מעגליך, האָט זיך אַ ביסעל געשעמט פאַר דער שטאָדט מיט דער אויפפיהרונג פון רות, וועלכע איז געקומען צו איהם אין גורן אין מיטען נאַכט, אַ זאַך, וואָס שטימט נישט מיט די אידישע חוקי הצניעות, און בכדי איהם צו בערוהיגען, ער זאָל נישט זיין געפאַלען ביי זיך, האָ־בען זיי אין זייער ברכה אָנגעוויזען אַלס ביישפיעל אויף רחל ולאה. אויך זיי האָבען, אין פלוג, אַ ביסעל אָבגעווייכט פון דרך־הצניעות. רחל האָט זיך אויסגעדריקט צו יעקב׳ן: „הבה לי בנים!״ און לאה האָט זיך נישט געשעמט און אויסגערופען: „אלי תבוא, כי שכר שכרתיך בדודאי בני!״ און פונדעסטוועגען, ווייל זיי האָבען עס געמיינט ערנסט און נישט געהאָט דערביי חלילה קיין שום זינדיגע כוונות, האָבען זיי זוכה געווען אויפצוי־שטעלען אַ דור פון בלויז צדיקים. פיליכט אָבער וועט נאָך בועז האָבען

אַ חשש, אַז דער פערגלייך איז נישט אינגאַנצען ריכטיג, ווייל ביי רחל ולאה איז דאָך שוין געווען דאמאָלס נאָך דער חתונה, דאַגעגען דאָ ביי רות, האָט עס פּאַסירט דאַן, ווען בועז איז נאָך פאַר איהר אַ ווילד־פרעמדער געווען — האָבען זיי דעריבער צוגעגעבען: „ויהי ביתך כבית פרץ אשר ילדה תמר ליהודה״. אויך די אויפפיהרונג פון תמר האָט אין פלוג אויסגעזעהען צו זיין געגען די חוקי הצניעות, אויך יהודה איז פאַר איהר אַ פרעמדער געווען בשעת זי האָט איהם אָבגעוואַרט על פרשת דרכים און זיך מתיחד געווען מיט איהם, און פונדעסטוועגען האָט זי זוכה געווען צו האָבען גוטע קינדער, ווייל איהר כוונה איז געווען לשם שמים „להקים שם המת על נחלתו״. און אויך ער, בועז, דאַרף אַלזאָ וועגען רות קיין שום שלעכטע מיינונג נישט האָבען און נישט שעמען זיך מיט איהר אויפפיהרונג, אויך זי האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט און ער מעג פאָלקאָם זיכער זיין, אַז זי וועט זיין אַ טרייע, כשר'ע אידישע טאָכטער...

(אלשיך)

איכה

גלתה יהודה מעוני ומרוב עבודה... (א. ג.)

ביי פעלקער, וועלכע פיהרען א נארמאל לעבען, איז דער „רוב עבודה" דער היפוך פון „עוני". דארט וואו עס איז „רוב עבודה", וואו אלע האבען ארבייט און בעשעפטיגונג, איז נישטא קיין עניות. ביי אידען אבער געהען אפט דיביידע זאכען, דער „עוני ורוב עבודה", צוזאמען: אפילו די וואס זענען בעשעפטיגט און פערהארעוועט איבער'ן קאפ, דערזעהען עפ"י רוב, אונטערציהענדיג דעם סך-הכל, אז זיי זענען עניים ואביונים, אז זיי האבען געארבייט פאר'ן טייוועלס וועגען...

(מגילת ספר)

נתנני ד' בידי לא אוכל קום... (א. יד.)

דערויף זאגען די חז"ל: „זו אשה רעה וכתובתה מרובה" (יבמות ס"ג) פונוואנען דרינגען זיי דאס?

נאר אויפ'ן פסוק „אעשה לו עזר כנגדו" ווערט געזאגט אין מדרש: „במה עזרתו? מביאה חטין לכוסס, פשתן ליבש, נמצאת מאירה את עיניו ומעמידתו על רגליו". וועגען געלד ווערט געזאגט: „ואת היקום זה ממונו של אדם שמעמידין אותו על רגליו" (סנהדרין ק"י), די ביידע זאכען, אנ-אשה טובה און ממון, שטעלען, אלזא, דעם מענש אויף די פיס. וויבאלד אבער ער ווערט געשטראפט סיי מיט „אשה רעה", סיי מיט „כתובתה מרובה", דאן איז — „נתנני ד' בידי לא אוכל קום", האט ער דאן קיין שום עמידה נישט...

(פרדס יוסף)

מלכה ושריה בגוים אין תורה... (ב. ט.)

„אין תורה — אין בהם מורה הוראה” (רש״י)

דער פשט דערפון איז – האָט דערויף געזאָגט רבי יוסף קרא – אַז דער מורה-הוראה און רב, וועלכער ווערט נתמנה אויפ'ן כסא-רבנות דורך גוים, מיט דער הסכמה פון „מלכה ושריה”, איז זיין תורה קיין תורה נישט און זיין הוראה – קיין הוראה נישט!..

און דאָס איז אויך דער פשט: „ושנא את הרבנות ואל תתודע לרשות” דו זאָלסט פיינד האָבען אַזאַ רבנות, וואָס ווערט ערוואָרבען דורכ'ן „רשות”, לויט'ן וואונש און הסכמה פון מלכות...

אם יהרג במקדש ד' כהן ונביא... (ב. כ.)

דערויף זאָגט דער תרגום: „דקטלין ית זכריה בר עדו”.

וואַהרשיינליך איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות, ובאמת דאַרף זיין: „זכריה בר יהוידע”, ווי עס איז צו זעהען אין דברי הימים ב' כד., אין ירושלמי תענית פ״ד, אין רש״י גטין נ״ז און אין פיעל אַנדערע מקומות.

(רבי מנחם פראַנקפורטער)

מפי עליון לא תצא הרעות והטוב... (ג. לח.)

„אין הקדוש ברוך הוא עושה רעה לשום אדם, אלא כשאינו משגיח עליו הוא כלה מאליו” (הקב״ה טהוט נישט קיינעם קיין שלעכטס. עס איז געגוג בלויז, ער זאָל פון דעם מענש אָבטהון די השגחה, נישט אומקוקען זיך אויף איהם און ער ווערט דאַן פערניכטעט פון זיך זעלבסט)...

(מדרש הנעלם בראשית)

אבותינו חטאו ואינם... (ה. ז.)

ווען עמיצער ערציהט אַ שלעכטען דור, זינדיגט ער אפילו דאַן, ווען ער לעבט שוין נישט, ווען ער איז שוין מעהר אויף דער וועלט נישטאָ,

דען די זינדיגע אויפפיהרונג פון צווייטען דור איז דאך א רעזולטאט פון זיין שלעכטע ערציהונג, א פארטזעצונג פון זיינע אייגענע זינד. „אבותינו חטאו — ואינם", אפילו דאמאלס, ווען זיי זענען שוין נישטא צווישען אונז...

(רבי ישראל סאלאנטער)

עבדים משלו בנו... (ח. ת.)

עס שטעהט נישט „משלו עלינו", נאר „משלו בנו". אין אונז, צווישען אונז. מיר ווערען געפייניגט און עס הערשען איבער אונז אייגענע, היימישע עבדים...

דאס האט געזאגט דער תוספות יום טוב בשעת דער פראגער ראש-הקהל האט איהם גע'מסר'ט און איבערגעגעבען למלכות...

„כשאתם זוכים אתם מונים לְבִנְיָנוֹ וכשאין אתם זוכים אתם מונים לחורבנו" (פתיחתא איכה רבתי).

בשעת'ן גלות בבל האט מען געוואוסט, אז דער גלות וועט דויערען זיבעציג יאהר, און די אידען האבען אלזא געצעהלט דעם זמן „לבנינו": אזויפיעל און אזויפיעל יאהרען האבען מיר נאך צו ליידען ביז צום פרישען בנין. דאגעגען אונזער איצטיגען גלות צעהלען מיר „לחורבנו", וויפיעל צייט עס איז שוין אבגעלאפען פון חורבן, ווען וועלכען מיר ווייסען נישט, ווען ער וועט זיך ענדיגען און עס וועט שוין ענדליך א סוף נעהמען צו די צרות...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט יעדען ערב-תשעה-באב שטעהן א גאנצען טאג ביים פענסטער און ווארטען און אויסקוקען: אפשר געהט משיח.

ערשט ווען ס'איז צוגעפאלען די נאכט און די טריט פון משיח האבען זיך נישט געהערט, איז ער מיט א טרויעריג אראבגעלאזענעם קאפ אוועק אין שוהל, אוועקגעזעצט זיך אויף דר'ערד ביים ארון קודש און גענומען יאמערען אויפ'ן קול, בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען:

„איכה ישבה בדד"!...

קֹהֶלֶת

הבל הבלים אמר קהלת... (א. ב.)

ווען אַנ׳אַנדערער וואָלט געזאָגט „הבל הבלים״, וואָלט איך געקענט זאָגען: דער דאָזיגער מענש, וועלכער רעדט מיט אַזאַ פעראַכטונג וועגען געלד, האָט אודאי אין זיין לעבען קיינמאָל קיין צוויי פרוטות נישט פער־מאָגט... אָבער שלמה וועגען וועלכען עס שטעהט געשריבען „אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה״ — פאַר איהם פּאַסט צו זאָגען „הבל הבלים״!...

(קהלת רבה פרשת ג׳)

ויוסיף דעת יוסיף מכאוב... (א. יח.)

וואָס מעהר וויסען און דעת דער מענש ערווערבט, אַלץ גרעסער איז זיין וועהטאָג, אַלץ מעהר איבערצייגט ער זיך, ווי בעגרעניצט און נישטיג עס איז דער מענשליכער שכל צו פערשטעהן די רעטענישען פון דער וועלט און דעם תכלית פון מענשליכען לעבען, און עס איז בעקאַנט דאָס וואָרט פון אַ בעריהמטען פילאָזאָף, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט: „דאָס איינציגע, וואָס מיר וויסען, איז — אַז מיר ווייסען גאָרנישט״...

(תולדות אדם)

ולבי נוהג בחכמה ולאחוז בסכלות... (ב. ג.)

דעריוף ווערט געזאָגט אין מדרש: „מהו בסכלות—בסכלנותא״. איז דאָך עס אין פלוג אונפערשטענדליך. וואָס איז דאָ דער מדרש מחדש? נאָר אין אַראַמיש איז סכלנותא דער טייטש: שכל, פערשטענדניש. אויף׳ן

פסוק „ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה" (שמות לא. ג.) מאַכט דער תרגום: „בחכמתא ובסוכלתנו", ווי אויך אין דער גמרא „אן סוכלנותך" (שבת צ') און אין פיעל אַנדערע ערטער.

דעם בעל־המדרש איז דאָ קשה געוועזן, ווי קומט עס, אַז שלמה המלך זאָל זאָגען אויף זיך, אַז ער איז געוועזן אַן „אוחז בסכלות"? און דערויף קומט די ערקלערונג, אַז „סכלות" ווערט דאָ געמיינט אין אַראַמישען זין— „סוכלנותא", שכל...

(גשמי ברכה)

עשיתי לי גנות ופרדסים... (ב. ה.)

דערויף מאַכט דער תרגום: „ותחומיה מן שור קרתא דירושלים". ד. ה. אַז די פרדסים זענען געוועזן מחוץ דער חומה פון ירושלים?

צוליעב וואָס זאָגט דאָס דער תרגום?

ווייל די גמרא זאָגט: „עשרה דברים נאמרו בירושלים וכו' ואין עושין בה גנות ופרדסות" (בבא קמא פ"ב)...

את הכל עשה יפה בעתו... (ג. יא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „רבי אומר, אפילו לדבר עבירה יפה בעתו".

דער זין פונ'ם דאָזיגען, אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר, איז. אַז אפילו ביים טהון אַן עבירה איז אַן אונטערשיד אין דער צייט, ווען דאָס ווערט געטהון. אַן אַלטער מאַן, אַז ער זינדיגט, אַ „זקן מנאף", איז זיין פערברעכען לאין־ערך גרעסער, ווי די זעלבע עבירה ווערט געטהון דורך אַ יונגערמאַן, ווי עס ווערט געדרש'נט אין ירושלמי (יומא פ"ו) אויפ'ן פסוק „אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו", אַז די זינד פון מענש ווערען אָבגעשאַצט „כשנים", לויט די יאָהרען, אין וועלכע יאָהרען פון זיין לעבען ער איז די זינד בעגאַנגען...

(עבודת הלוים)

ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה... (ד. ב.)

ליבען און נאכזאגען שבחים אויף די געשטארבענע קאן מען נור דאמאלס, ווען מען טהוט פריהער א קוק אויף די לעבעדיגע, אויף דעם דור, וואס זיי האבען נאך זיך איבערגעלאזען. לויט דער אויפפיהרונג פון די קינדער קאן מען וויסען, ווער די עלטערען זענען...

(ילקוט אליעזר)

פון דור צו דור ווערען די מענשען אלץ מעהר פערדארבען, און בשעת מיר קוקען זיך צו צו די מעשים פון די לעבעדיגע רשעים, הויבען מיר אן בענקען נאך די געשטארבענע, נאך די רשעים פון אמאל, מחמת אין פערגלייך מיט די היינטיגע זענען זיי געוועזען אמת'ע צדיקים...

(רוח חכמים)

דער רבי ר' בונם פלעגט זאגען: „ראיתי רשע עריץ ומתערה כאזרח רענן, ויעבור והנה איננו ואבקשהו ולא נמצא" (תהלים ל"ז). אויב ס'איז „ויעבור והנה איננו", אויב דער רשע איז שוין נישטא, טא נאך וואס איז דער „ואבקשהו ולא נמצא", וואס האט איהם עפעס דוד המלך ארומגעזוכט? ער האט איהם ארומגעזוכט דערפאר, ווייל זעהענדיג די פרישע רשעים, וועלכע זענען אויסגעוואקסען אויף זיין ארט, האבען די אמאליגע רשעים אויסגעזעהען לגבי איהם, ווי צדיקים...

טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הִוָּלְדוֹ... (ז. א.)

וואס פאר א צוזאמענהאנג האבען די צוויי פערגלייכונגען?

נאר אין די פארצייטישע דורות איז געוועזען א מנהג ביי די קעניג־ליכע און אריסטאקראטישע פאמיליעס, אז די „שליא" (דאס הייבעל) פון א ניי געבוירען קינד פלעגט מען האלטען אין בוימאייל, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „בנות מלכים טומנות את השליא בספלים של שמן" (שבת קכ"ט), און דאס אליין איז דער פערגלייך: „טוב שם משמן טוב", דער גוּ־טער נאמען וואס מען לאזט איבער ביים פערלאזען די וועלט, איז ווערט־

פולער פונ'ם טייערען בוימאייל, וואָס ווערט בענוצט אינ'ם טאָג פון גע־בוירען און — „ויום המות מיום הולדו".

(רבי ברוך פרידענבערג)

ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו, וממקום קדוש יהלכו וישתכחו בעיר אשר כן עשו... (ח י)

דאָס בית-הקברות זענען מיר געוואוינט צו רופען בלשון סגי־נהור, מיט אַ פערקעהרטען נאָמען: „בית החיים", און מעגליך, אַז אויך דער פסוק דאָ בענוצט זיך מיט'ן זעלבען לשון נקיה און אָנשטאָט „מקום טמא" רופט ער אָן דאָס בית-הקברות „מקום קדוש", און דער זין פון די ווערטער איז: „ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו", בשעת די רשעים שטאַרבען און מען פיהרט זיי צו קבורה, דאַן ווי נור „וממקום קדוש יהלכו", ווי נור מען קומט צוריק פון בית־עולם, פון „מקום קדוש" — „וישתכחו בעיר אשר כן עשו", ווערען זיי שנעל פערגעסען אין דער שטאָדט, וואו זיי האָבען זייער לעבען פערברענגט און אַלע זייערע מעשים דורכגעפיהרט, אין אַ גאַנץ קורצער צייט בלייבט קיין זכר נישט פון זיי און עס ווערט דורך קיינעם זייער נאָמען נישט דערמאָהנט...

(תנ"ל)

כל אשר תמצא ידך לעשות בכוחך עשה, כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה (ט י)

פאַרהאַן גבירים, וואָס ביים לעבען ווילען זיי אַ גראָשען צדקה נישט געבען, נאָר ערשט פאַר'ן טויט פועל'ן זיי ביי זיך איבערצולאָזען אין די הענד פון פערשידענע אפוטרופסים אַ געוויסען קאַפּיטאַל אַלס פאָנד, פון וועלכען די יעהרליכע ציגזען זאָלען פערוועגדעט ווערען אויף פערשידענע דברים שבצדקה. צו אָט די דאָזיגע נדבנים ווענדעט זיך קהלת און וואָ־רענט זיי: „כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה", וואָס דו קאָנסט און ווילסט טהון — טהו אַליין, כל־זמן דו לעבסט און לאָז עס נישט איבער אויף נאָכ'ן טויט, ווארום „כי אין מעשה וחשבון וכו' בשאול אשר אתה הולך שמה", על פי רוב איז נישטאָ קיין חשבון און קיין קאָנטראָל איבער

די אַלע געלדער, מיט וועלכע עס בעל-הבת'עווען פרעמדע אַפּוטרופּסים, על פּי רוב ווערט פון די אַלע געלדער אַ וויסטען תל...

(רבי אברהם בנימין קלוגער)

בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך לא יחסר...
(ט. ח.)

וויסער שטאָף כאַפּט זעהר לייכט פלעקען פון יעדע מינדעסטער זאך. איין טראָפּען פעטס, איין טראָפּען טינט – און עס ווערט גלייך דערפון אַ גרויסער אָנזעהעוודיגער פגם, וועלכען עס קומט נאָכהער שווער אָן צו בעזייטיגען.

דער מענש דאַרף אין זיין אויפפיהרונג זיך תמיד פאָרשטעלען, ווי ער וואָלט געווען געקליידעט אין זויבער־ווייסע מלבושים און אויפ'ן קאָפּ וואָלט ער בעת־מעשה געטראָגען אַ פולען קרוג מיט בוימאייל און ער דאַרף זיך דעריבער שטאַרק היטען, שטעלען זעהר פאָרזיכטיגע טריט, און אויף איין מאָמענט נישט מסיח דעת זיין, אז ביי דער מינדעסטער וואַקלעניש, ביי דער מינדעסטער אונפאָרזיכטיגקייט, איז ער עלול פערפלעקט צו ווערען פון קאָפּ ביז די פיס...

(עוללות אפרים)

ויותר מהמה בני הזהר, עשות ספרים הרבה אין קץ...
(יב. יב.)

דער ווילנער גאון האָט אַמאָל געפרעגט דעם דובנער מגיד, פאַרוואָס ער פערפאַסט נישט קיין ספר, וואָס זאָל ענטהאַלטען זיינע דרשות און פשטים אויף תנ"ך אין מדרש לויט אַ געוויסען סדר, אַזוי ווי אַנדערע גאונים און דרשנים טהון? האָט איהם דערויף דער דובנער מגיד געענטפערט כדרכו, מיט אַ משל:

– אויף אַ גבירישע חתונה קומען צום מאָהלצייט זעהר פיעל געסט, רייכע און אָרימע, אַלע עסען און טרינקען און זענען זיך משמח, דער חילוק איז אָבער: דער געבעטענער גאַסט זיצט ביים טיש און געניסט פון די מאכלים ומשקאות מיט אַ געוויסען סדר, פריהער עסט ער די פיש, דאַן נעמט ער אַ ביסעלע משקה, דערנאָך זופּ, פלייש, קאָמפּאָט און דאַן אַ

גלעזעל וויין, דאַגעגען דער אָרימאַן שטעהט אָן אַ זייט און עסט שנעל וואס עס בלייבט אויף די טעלערס אָדער וואָס מען וואַרפט איהם צו, אויף קיין סדר קאַן ער זיך נישט פערגינען צו וואַרטען און ער מישט אויס פיש מיט זופ, פלייש מיט הערינג, קאַלט מיט וואַרימס, אַבי וייטער צו קאָנען נעמען וואס מען דערלאַנגט איהם.

— דאָס זעלבע — האָט דער דובנער מגיד אויסגעפיהרט — איז אויך מיט מיר. דער גרויסער גאון, וועלכער זיצט שטענדיג ביי זיין הייליגען טיש על התורה ועל העבודה, איז ביכולת צו געניסען פון דער חכמה און חריפות, מיט וועלכע השי״ת האָט איהם געבענשט, מיט אַ סדר און אָרדנונג, אָבער איך, אַ וואַנדער-מגיד, וואָס שלעפט זיך אַרום איבער שטעדט און שטעדטלעך, איך מוז זיך בעגנוגענען דערמיט, וואָס השי״ת וואַרפט מיר צו פון צייט צו צייט. אָט פאַלט מיר איין אַ פשט אויף אַ פסוק פון חבקוק און באַלד דערנאָך אַ משל אויף די רייד פון בלק צו בלעם׳ן, אָדער גאָר אַ דרש אויף פרשת נח. איך מוז די אַלע זאַכען פערצייכענען כאַפּעדיגער-הייד אָהן אַ סדר און זיך לאָזען וויטער אין וועג אַריין...

„עשות ספרים הרבה אין קץ"...

דער אונטערשיד — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט רבי העניך, דער רבי פון אַלעקסאַנדער — צווישען ווילנער גאון און דעם בעל-שם-טוב איז דער, וואָס דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט ספרים און דער בעש״ט — מענשען...

צו רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמת אויף אַ ספר. היות, האָט ער זיך געקלאָגט, ער איז ל״ע קראַנק און ער דאַרף זיך קורירען און האָט קיין געלד נישט, לכן האָט ער בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ ספר און אויב ער וועט האָבען אַ הסכמה פון איהם, דעם סלאָנימער גאון, וועט מען עס זיכער קויפען און ער וועט האָבען געלד צו קורירען זיך. דערויף האָט רבי אייזיל, דורכבלעטערענדיג דאָס ספר און זעהענדיג, אַז עס האָט קיין שום ווערט נישט, איהם געענטפערט, אַז לפי דעתו איז בעסער צו זיין קראַנק, איידער צו זיין אַ מחבר. אַ ראיה פון דער גמרא אין ברכות. אין דער גמרא ווערט דערצעהלט וועגען אַ פכסוך, וואָס איז ענטשטאַנען צווישען ישעיה הנביא און חזקיה המלך. חזקיהו האָט

בעזאָגט: „ליתי ישעי׳ גבאי״, זאָל ישעי׳ קומען צו מיר און ישעי׳ האָט גע־האַלטען, אַז חזקיהו דאַרף קומען צו איהם. „מה עשה הקב״ה? הביא יסורים על חזקיהו ואמר לי׳ לישעי׳: „לך ובקר את החולה״ (ברכות י׳). איז דאָך אין פלוג קשה: צוליעב וואָס איז נויטיג געווען, אַז חזקיהו זאָל קראַנק ווערען בכדי ישעי׳ זאָל איהם קומען מבקר חולה זיין, עס איז דאָך מעג־ליך געווען א לייכטערער אויסוועג, אַז חזקיהו, וועלכער איז געווען אַ גדול בתורה, זאָל מחבר זיין אַ ספר, צוליעב וואָס ער וואָלט געמוזט געהן צו ישעיה׳ן, אַלס צום נביא און גדול הדור, נעמען ביי איהם אַ הסכמה, און אַזוי אַרום וואָלט געווען אַ געלעגענהייט, זיי זאָלען זיך טרעפען? נאָר מוז זיין, אַז דערפאַר איז נישט בענוצט געוואָרען דאָס דאָזיגע מיטעל, ווייל עס איז שוין בעסער צו זיין קראַנק, איידער צו זיין אַ מחבר, וואָס דאַרף בע־טען הסכמות...

רבי ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגען: נישט אַלץ, וואָס מען טראַכט, מעג מען אַרויסריידען; נישט אַלץ, וואָס מען רעדט, מעג מען שרייבען, און נישט אַלץ, וואָס מען שרייבט מעג מען דרוקען...

אֶ סְ תֵּ ר

עשה משתה לכל שריו ועבדיו... (א. ג.)

„מפני מה נתחייבו שונאיהן של ישראל שבאותו הדור כליה? — מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע״ (מגילה י״ב).

עס שטעהט נישט: „מפני שאכלו״, אַז דערפאַר איז אויף זיי נגזר געוואָרען דער עונש, ווייל זיי זאָלען דאָרט האָבען געגעסען מאכלות אסורות, דערויף וואָלטען זיי געקענט האָבען אַ תירוץ, אַז זיי האָבען קיין ברירה נישט געהאט, מען האָט זיי געצוואונגען דערצו. נענש געוואָרען זענען זיי בלויז דערפאַר — „מפני שנהנו״, ווייל זיי האָבען הנאה געהאַט, צופרידען געוועזען און זיך געפרעהט מיט דער דאָזיגער שמחה, אויף וועלכער — ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער גמרא — „אפיק מאני דבי מקדשא ואשתמש בהו״, מען האָט זיך בענוצט מיט די בערויבטע כלים פון בית-המקדש, און אַ פאָלק, וואָס האָט הנאה און לויפט זיך וויילען אויף אַזעל-כע בעלער, וואו מען טריאומפירט מיט זיין חורבן — אַזאַ פאָלק איז חייב כליה...

(פרחי לבנון)

בהראותו את עושר כבוד מלכותו... (א. ד.)

צום אָסטראָווצער רבי׳ן איז אַמאָל געקומען אַ בעלזער „אייניקעל״. דער אָסטראָווצער רבי, וועלכער האָט געהאַט גרויס התפעלות פאַר יעדען בנן של קדושים, האָט איהם זעהר שען אויפגענומען, גענומען זאָגען פאַר איהם פערשידענע חידושי-תורה און אויך געוויזען איהם זיינע כתבים. דאָס „איי-ניקעל״ איז אָבער גראָד געווען אַ קנאַפער מר בר רב אשי, טהוט ער אַ פרומען קרעכץ און זאָגט:

מיר, אָסטראָווצער רבי, זענען געוואוינט מיט ענויות, מיר האָבען זיך פיינד צו בעווייזען...

ענטפערט איהם דערויף דער אָסטראָוואצער רבי (וועלכער האָט, כידוע, אַליין נישט געשטאַמט פון קיין רבי׳שער דינאַסטיע) בתמימות:

— ביי אחשורוש׳ן, בשעת עס זענען זיך צונויפגעקומען צו איהם די שרי פרס ומדי, ווערט געזאָגט: „בהראותו את עושר כבוד מלכותו״. וואָס האָט ער זיי עפּיס אַרומגעפיהרט ווייזען זיין עשירות? נאָר אַ מלך אַ יחסן, אַ מלך בן מלך, האָט נישט נויטיג צו ריהמען זיך און צו בעווייזען זיך מיט זיין עשירות, וואָרום אַלע ווייסען ווער ער איז. וועגען אחשורוש׳ן אָבער זאָגען די חז״ל, אַז ער איז געווען אַ מולך מעצמו, האָט ער זיך דעריבער געדאַרפט ריהמען און בעווייזען „את עושר כבוד מלכותו״...

ימים רבים שמונים ומאת יום... (א. ד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש-רבה, אַז ער האָט זיי געוויזען אין די דאָזיגע טעג די כלים פון בית-המקדש.

פאַרוואָס האָט דאָס געדאַרפט פערנעהמען פונקט הונדערט און אַכציג טעג?

האָט עס רבי יונתן אייבעשיץ ערקלערט מיט פאָלגענדען חשבון:

אין עזרא ווערט געזאָגט: „כל כלים לזהב ולכסף חמשת אלפים וארבע מאות, הכל העלה ששבצר עם העלות הגולה מבבל לירושלים״ (עזרא א. יא.), אַז פון בבל האָט מען נאָכהער צוריקגעפיהרט קיין ירושלים פינף טויזענד און פיער הונדערט כלים פון בית-המקדש. אין תרגום שני אויפ׳ן דאָזיגען פסוק דאָ ווערט געזאָגט: „שיתא בי גנזי הוה מחזי להון בכל יום מאה ותמנין יומין״, אַז יעדען טאָג האָט ער זיי געוויזען זעקס אוצרות („בי גנזי״). אַ סתם אוצר בעשטעהט פון פינף כלים, ווי עס איז צו זעהן פון דער גמרא: „איכא דאמרי ד׳ מאוצר קטן״ (שבת קכ״ו). נמצא, אַז אחשורוש האָט זיי יעדען טאָג געוויזען דרייסיג כלים, און אין הונדערט און אַכציג טעג — פינף טויזענד און פיער הונדערט כלים, פונקט אַזויפיעל, וויפיעל עס האָבען בעטראָפען די כלי בית-המקדש...

להביא את ושתי המלכה לפני המלך... (א. יא.)

„ובלבד שתהא ערומה״ (מגילה י״ב).

פון וואַנען דרינגען עס די חז״ל, אין פסוק ווערט דאָך עס גאָרנישט דערמאָהנט?

נאָר אויפ'ן פסוק „וילך עשו השדה לצוד ציד להביא" (בראשית כז. ה.) ווערט געזאָגט אין בעל הטורים: „להביא — בגימטריא בגלוי".

מעגליך, אַלזאָ, אז אויך דאָ שטיצט זיך דער דרש אויף דער גימטריא פון וואָרט „להביא".

(מגלת ספר)

ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים... (א יג)

„יודעי העתים" — פלעגט זאגען רבי בעריש מייזעלש — מיינט מען די דיפּלאָמאַטען, וועלכע בייטען אפט זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען, צופּאַסענדיג זיך צו דער צייט, צו דער קאָניונקטור, לויט ווי דער ווינד בלאָזט...

כי הגיד להם אשר הוא יהודי... (ג ד)

דערפון — האט דערויף בעמערקט רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — וואָס מען האָט איהם געדאַרפט זאָגען, אַז דאָס איז אַ איד, איז צו זעהן, אַז די אידען זענען דאַן געגאַנגען געקליידעט ווי די נישט-אידען און פון זייער הלבשה איז דאָס אידישקייט נישט געווען צו דערקענען...

ישנו עם אחד... (ג ח)

„ישנים הם מן המצות" (מדרש רבה).

זיי זענען שלעפעריג און גלייכגילטיג צו די מצוות. מען קאָן דערי־בער אַרויסגעבען די שווערסטע גזרות געגען זייער דת און זיי וועלען דערויף נישט רעאַגירען, זיי וועלען זיך צוגעוועהנען, פערגעסען און — צוריק איינשלאָפען...

(רבי ברוך מרדכי קיידאנאוער).

מפוזר ומפורד בין העמים וכו׳ ואת דתי המלך אינם עושים...

וואָס האָט עס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג?

נאָר המן האָט געֶטענה׳ט, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די אידען אין פרס געניסען פון אַלע בירגערליכע רעכט, עס עקזיסטירט נישט פאַר זיי, ווי אין אַנדערע לענדער, קיין גהעטאָ, און זיי מעגען וואוינען איבעראַל „מפוזר ומפורד בין העמים״, אין אַלע מקומות פון מלכות מדי ופרס, דאָך זענען זיי אונדאַנקבאַר — „ואת דתי המלך אינם עושים״...

(קב בשמים)

ודתיהם שונות מכל עם... (ג. ח.)

ודתיהם, אַזוי פערפליכטעט זייער דת: שונות מכל עם! זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער...

(רבי ר׳ בונם)

פתשגן הכתב להנתן דת בכל מדינה ומדינה... (ג. יד.)

ווי עס ווייזט אויס, זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צוויי ערליי צירקוליאַרען: דער „פתשגן הכתב״ בעציהט זיך אויפ׳ן אָפיציעלען צירקוליאר און דער „ונשלוח ספרים ביד הרצים״ — אויף אַ געהיימען, נישט־אָפיציעלען צירקוליאַר. אינ׳ם אָפיציעלען „פתשגן הכתב״ איז געשטאַנען געשריבען סתם: „להיות עתידים ליום הזה״. אויף וואָס מען זאָל זיין גרייט אינ׳ם דאָזיגען טאָג — דאָס איז אין אָפיציעלען פאַפיר נישט אָנגעוויזען געוואָרען, אָבער עס איז געווען „גלוי לכל העמים״, אַלע האָבען געוואוסט, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך... אַ חוץ אָבער דעם „פתשגן הכתב״ איז „ונשלוח ספרים ביד הרצים אל כל מדינות המלך״, זענען בעזונדער פונאַנדערגעשיקט געוואָרען איבעראַל געהיימע צירקולאַרען, אין וועלכע עס איז געווען אויפגעקלערט וואָס מען מיינט מיט דעם „להיות עתידים ליום הזה״, אַז דאָס מיינט מען— „להשמיד להרוג ולאבד וכו׳״...

(אמרי חן)

כי אם החרש תחרישי בעת הזאת רֶוַח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר... (ד. יד.)

מרדכי האָט מורא געהאַט, אַז דער „רוח והצלה", די אינטערווענץ לטובת אידען, זאָל נישט אַמאָל קומען „ממקום אחר", פון יענע אַסימילירטע אידישע קרייזען, וועלכע דרעהען זיך אַרום אחשורוש'ן, וועלכע זענען „נהנים מסעודתו של אותו רשע". אויב זיי זאָלען זיין די שתדלנים אינ'ם דאָזיגען ענין, דאַן — „ואת ובית אביך תאבדו", וועלען זיי חלילה איינגעהן אויף אַזעלכע תנאים, וועלכע וועלען דערפיהרען צום אונטערגאַנג פון אידישקייט און אידענטום...

(רבי יעקב מאיר מלאפי)

ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות... (ה. א.)

דערויף מאַכט דער תרגום: „והוה ביומא תליתאה דפסחא", אַז דאָס איז געווען דעם דריטען טאָג פסח.

דאַגעגען אין ווייטערען קאַפּיטעל, אויפ'ן פסוק: „בלילה ההוא נדדה שנת המלך", זאָגט דער תרגום: „ביה בליליא אתקטלו כל בוכרי דמצראי".

איז דאָך עס אַ מערקווירדיגע סתירה !...

(שו"ת הרידב"ז סי' תתי"ח)

ויספר להם המן את כבוד עשרו ורוב בניו... (ה. יא.)

„וכמה רוב בניו ? אמר רב : שלשים" (מגילה ט"ז).

וואו איז עס מרומז און פונוואַנען איז עס פון דאָזיגען פסוק געדרינגען, אַז המן האָט געהאַט דרייסיג קינדער ?

דאָס איז געדרונגען פון וואָרט „ורוב", דען אין פסחים, אויף דער משנה „הפסח נשחט בשלש כיתות" (פסחים ס"ד), זאָגט דאָרט די גמרא : „בג' כיתות של שלשים שלשים בני אדם" און די גמרא פיהרט אויס : „ברב עם הדרת מלך", זעהט מען דאָך, אַז סתם „רוב" מיינט מען דרייסיג...

(גשמי ברכה)

אין ווילנא האָט אַמאָל די רוסישע מאַכט בעשטימט אַלס קאַזיאָנעם ראַבינער אַ בעקאַנטען שטאָדט־מסור, אַ בעל־עבירה'ניק און מומר־להכעיס. די קהלה האָט זיך געגענגעשטעלט, זי האָט דערלאַנגט אַ ביטע צו דער מאַכט, מען זאָל איהם נישט בעשטעטיגען און צווישען די פערשידענע מאָטיווען, מיט וועלכע זי האָט בעגרינדעט איהר פּראָטעסט, האָט זי אויך אָנגעגעבען, אַז דער דאָזיגער פּערזאָן איז אַ גרויסער בעל־משפחה, אַז ער איז אַ מטופל מיט אַ סך קינדער און די קהלה איז נישט אימשטאַנד אויס־צוהאַלטען אַזאַ היבשע פאַמיליע, אָבער די אַלע טענות האָבען נישט גע־פּועל'ט און די מאַכט האט איהם בעשטעטיגט.

מלא שמחה פון זיין נצחון טרעפט־אָן דער קאַזיאָנע־ראַבינער אין גאַס דעם ווילנער שטאָדט־מגיד, רבי יעקב, און ער רייצט זיך מיט איהם: איהר זעהט? כאטש כ'האָב אַ סך קינדער האָט איהר מיך דאָך געמוזט אויפנעהמען אַלס ראַבינער...

ענטפערט איהם דער ווילנער שטאָדט־מגיד:

— אין דער מגלה ווערט דערצעהלט: „ויספר להם המן את כבוד עשרו ורוב בניו ואת כל אשר גדלו המלך", צוליעב וואָס האָט ער זיי עפּיס דערצעהלט, אַז ער האָט אַ סך קינדער און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צום „ואת כל אשר גדלו המלך"?

נאָר ווייזט אויס, אַז אויך יענער המן האָט זיך געריהמט מיט'ן זעל־בען, אַז כאָטש ער האָט אַ סך קינדער, וואָס דאָס איז ביים אָנגעהמען אַ פּאָסטען נישט קיין גרויסע מעלה, דאָך האָט ער דעם דאָזיגען פּאָסטען בעקומען און דאָס איז אַ בעוויז אויף „כל אשר גדלו המלך", וואָס פאַר אַ גרויסער חשוב ער איז ביים מלכות...

ודובר שלום לכל זרעו... (י. ג)

דאָס איז דער סוף דבר, דער אויספיהר און עיקר פון דעם אַלעם וואָס איז ביז אַהער דערצעהלט געוואָרען: געדענקט אין די קינדער, אינ'ם „ודובר שלום לכל זרעו". בעמיהט זיך, אַז עס זאָל חלילה נישט איבערגעריסען ווערען די גאָלדענע קייט פון אידישען פאָלק, וואָס האָט אין זיין געשיכטע אַזויפיעל שווערע נסיונות דורכגעמאַכט, מיט וועלכען עס זענען אַזויפיעל וואונדערליכע נסים געשעהען, זעהט, אַז דאָס אַלץ זאָל חלילה נישט זיין לאיבוד, זעהט צו דערהאַלטען די קינדער, זאָרגט דערפאַר, אַז אויך די קינפטיגע דורות זאָלען היטען און פאַרטזעצען די גרויסע און רייכע אידישע ירושה!...

(מגילת ספר)

„מחייב אינש לבסומי בפוריא" (מגילה ז').

אום צו קענען זיך פרעהען מיט'ן פורים, דארף מען זיך פריהער אנשכור'ען בכדי מען זאל פון זיך אלע דאגות פערטרייבען און פערגעסען, וואו מען איז אין דער וועלט. ווארום בשעת מען איז ניכטער, ווי אזוי איז מעגליך צו פרעהען זיך מיט שמחת פורים, אין דער צייט, ווען עס איז „אכתי עבדי אחשורוש אנן", אין דער צייט, ווען מיר זענען ווייטער ארומגערינ־געלט פון די פערשידענע המנ'ס און פון זייערע אכזריות'דיגע גזירות? — די דאזיגע מצוה איז גור מעגליך מקיים צו זיין, ווען מען איז שיכור...

(כתב סופר)

אלס רמז אויפ'ן מנהג צו קלאפען המנ'ען ווייזט אן רבי יעקב עמדין אויפ'ן פסוק „והיה אם בן הכות הרשע".

די סופי תיבות פון „והיה אם בן" איז — המן...

„אם כל המועדים יהי' בטלים ימי הפורים לא נבטלין" (יוצר לפ' זכור).

פורים איז קיינער נישט מבטל. אפילו דער יעניגער, וועלכער היט נישט אב און איז מבטל און מחלל אלע אנדערע ימים טובים, האלט אויך פון פורים, דען דאס איז דער לייכטסטער יום־טוב, וועלכער איז נישט פערבינדען מיט קיין איסור־מלאכה און מיט קיין שום ספעציעלע מצוות, א יום־טוב פון בלויז משתה ושמחה...

(לחמי תודה בדרך בדיחות)

„אם כל המועדים יהי' בטלים", אויב אלע מועדים און זמנים, וועלכע זענען אין פערשיעדענע צייטען א־געוויזען געווארען אויף ביאת המשיח, וועלען זיך חלילה נישט בעשטעטיגען און עס וועט זיין כלו כל הקיצין, דאן — „ימי הפורים לא נבטלין", וועט דאן, ליידער, מוזען איבערגעחזר'רט ווערען די מעשה־פורים, ווי עס ווארענען אונז די חז"ל: „אם ישראל עושין תשובה נגאלין, ואם לאו — הקב"ה מעמיד להן מלך שגזירותיו קשין כהמן ומחזירן למוטב" (סנהדרין צ"ז)...

(איל המלואים)

נאָך דער פטירה פון רמ״א, וועלכער האָט מחבר געווען דריי און דרייסיג ספרים און איז נפטר געוואָרען אין ל״ג, אין דריי און דרייסיגסטען טאָג לעומר (איינינע זענען דערביי מוסיף, אז ער איז נפטר געוואָרען צו דריי און דרייסיג יאָהר, אָבער דאָס איז נישט ריכטיג; באמת האָט דער רמ״א געלעבט צוויי און פופציג יאָהר), האָט דער ספדן אויסגערעכענט אין זיין הספד צוויי און דרייסיג מעלות פון נפטר, ער האָט זיך אָבער בעמיהט אויסצוגעפינען נאָך איין מעלה, בכדי משלים צו זיין דעם מספר פון דריי און און דרייסיג, און דאַן איז צוגעגאַנגען צו איהם איינער פון די מלוים און איהם אויפמערקזאם געמאַכט אויף נאָך אַ דריי און דרייסיגסטע מעלה און נעמליך: יעדען פורים אויף דער נאַכט פלעגט זיך דער רמ״א פערשטע-לען, אָנטהון אויפ׳ן פנים אַ מאַסקע ווי די פורים-שפּיעלער און אַרומגעהן פון הויז צו הויז דערמאָהנען דעם עולם, אַז מען זאָל נישט פאַרגעסען צו דאַווענען מעריב...

יָמִים טוֹבִים

ראש השנה

„באחד באלול ר״ה למעשר בהמה״ (ר״ה ב׳)

אין די טעג פון אלול דארף יעדער איד זיך בעמיהען צו מעשר׳ן, מטהר צו זיין און אויסצוראטען פון זיך דאס בהמיות...

(קאזשעניצער מגיד)

„אני לדודי ודודי לי — ראשי תיבות אלול״

און די סופי־תיבות – האט דערויף צוגעגעבען רבי שלמה קארלי־נער – זענען יוד׳ען, בלויז יוד׳ען. דאס איז דער עיקר כל העיקרים: אידען זאל מען זיין, וואס מעהר אידען!...

אין טור או״ח הלכות ר״ה ווערט געזאגט: „בערב ראש השנה הגדולים מתענים ובעשרת ימי תשובה הבינונים וביום הכפורים הכל מתענים״. דא־געגען אין שלחן־ערוך ווערט געזאגט סתם: „נוהגים להתענות ערב ראש השנה״, אז אלע זענען זיך נוהג אינ׳ם דאזיגען טאג צו פאסטען (דער מהרי״ל איז זאגאר מוסיף: „אפילו תינוקות מתענים״), און דערויף פרעגט דער מגן־אברהם: אין טור שטעהט דאך בפירוש, אז נור „הגדולים מתענים״?

האט דער „מחצית השקל״ געענטפערט דערויף בדרך־צחות, אז היות חי בזמן־הזה האלטען זיך אלע פאר גדולים, יעדער איינער איז אנגע־שטעקט מיט גאוה און בלאזט פון זיך, איז אויף דעם דאזיגען חטא גופא, אויף דעם וואס מען האלט זיך פאר גדולים – דארף מען ערב ראש השנה תשובה טהון און פאסטען...

„אדם נידון בראש השנה" (ר"ה ט"ז)

פאַר די פענסטער פון בעל שם טוב איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דער שטאָדטישער וואַסער-טרעגער, חייקעל. האָט איהם דער בעש"ט צוגערופען און געפרעגט: ווי געהט עס דיר, חייקעל?

— אוי, רבי, — האָט חייקעל אָבגעקרעכצט — עס איז ביטער לא-עליכם ווי גאַל, מען שלעפט די שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע טרעפ און קיין פרנסה דערפון איז נישטאָ.

צומאָרגענס, דערזעהענדיג חייקלען פאַרבייגעהן פאַר'ן פענסטער, האָט איהם דער בעש"ט ווידער אָבגעשטעלט און געפרעגט:

— נו וואָס מאַכסטו חייקעל, ווי געהט עס?

— וואָס זאָל מען מאַכען — ענטפערט חייקעל — געלויבט השי"ת דערפאַר, ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך שוין אַ איד אַ זקן און פונדעסטוועגען, געלויבט דער אויבערשטער, האָט מען נאָך כח צו שלעפען שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע טרעפ און ברוך השם מען לעבט און מען קומט דורך.

האָט זיך דער בעש"ט דאַן געווענדעט צו זיינע תלמידים און געזאָגט:

— עס האָט מיך שטענדיג געאַרט די סתירה צווישען די צוויי מאמרים. אין איין אָרט זאָגען די חז"ל: „אדם נידון בראש השנה" און אין אַ צווייט ארט: „אדם נידון בכל יום" (ר"ה ט"ז)? און אט האט מיר חייקעל וואַסערטרעגער די דאזיגע סתירה פערענטפערט. ווי איהר זעהט איז עס דער זעלבער חייקעל, די זעלבע שווערע קאַנען וואַסער, די זעלבע הויכע טרעפ און דאך איז ער, חייקעל, נעכטען געווען פערביטערט און זיך געקלאָגט אויף זיין שווערען מצב, דאַגעגען היינט איז ער מונטער און צופרידען, און דאס איז דער פשט פון די צוויי מאמרים: לעולם איז טאַקי „אדם נידון בראש השנה", ווערט איטליכער מענש געמשפט אום ראש-השנה, דאמאָלס איז „מזונותיו של אדם קצובין לו", דאמאָלס ווערט בעשטימט, אַז חייקעל זאָל זיך אַ גאַנץ יאהר מפרנס זיין פון טראגען וואַסער. אבער צי חייקעל זאָל זיין צופרידען פון זיין אומנות אדער נישט, דערויף איז „אדם נידון בכל יום", יעדען טאג ווערט אין הימעל בעשטימט, ווי אַזוי חייקעל זאָל זיך אינ'ם דאזיגען טאג פיהלען...

———

זכרנו לחיים וכו׳ למענך אלקים חיים...

דאָס לעבען, וואָס דו ווערסט אונז שענקען, זאָל זיין „למענך״, פאַר דיינעטוועגען, מיר זאָלען עס נישט אויספּיהלען, חלילה, מיט קיין נאַריש־קייטען...

(שפת אמת)

ובכן תן פחדך...

צי דען — האָט געפרעגט רבי חיים צאַנזער — זענען מיר אַליין שוין גענוג פערזאָרגט מיט יראת־שמים און מיר האָבען שוין נישט מעהר קיין אַנדערע דאגות, נאָר מתפלל צו זיין, אז אויך די אומות־העולם זאָלען ווע־רען פרום, „וייראוך כל המעשים וישתחוו לפניך כל הברואים ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך וכו׳״?

נאָר — האָט ער דערויף געענטפערט — די גמרא זאָגט: „המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר — הוא נענה תחילה״ (ב״ק צ״ב), זענען מיר דעריבער מתפלל אויף אַנדערע, כדי מיר זאָלען אַליין דאָדורך גע־האָלפען ווערען מיט יראת־שמים...

אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה...

אין דער צייט פון די מורא׳דיגע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוס־לאַנד, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרען מיט דער הילף פון דער צאַרי־שער רעגירונג זעלבסט, און אַלע אינטערווענצען האָבען נישט געהאָלפען און ס׳איז נישט געווען צו וועמען צו ווענדען זיך, האָט דער בעריהמטער דרשן, ר׳ בצלאל צאַדיקאָוו, געהאַלטען אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די שרעקליכע לאַגע, אין וועלכע אידען געפינען זיך, און פול מיט פערצווייפלונג און פערביטערונג האָט ער דאַן אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און אויסגעשריען מיט אַלע כחות:

— אוי, אבינו מלכנו... אין לנו מלך!...

און דאַן האָט ער זיך אָבגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך פּאָרזיכטיג אויף אַלע זייטען און פערענדיגט אין דער שטיל: ...אלא אתה...

תקיעת שופר.

עס איז אַ משל צו אַ מלך, וואָס זיינע קינדער האָבען פערבלאָנדזשעט און זיי זענען אַוועק ווייט פון דער היים און נישט געוואוסט דעם וועג צוריק, און וויפיעל זיי האָבען נישט געשריען צום מלך, ער זאָל זיי העלפען, האָבען זיי קיין ענטפער נישט בעקומען.

האָבען זיי זיך געטראַכט: אפשר האָבען מיר פערגעסען די שפּראַך פון מלך און מיר ווייסען נישט, ווי אַזוי צו ריידען צו איהם, לאָמיר דעריבער אָנהויבען שרייען מיט'ן בלויזען קול, אָהן ווערטער —

תקיעת-שופר — דאָס איז דער קול אָהן ווערטער...

„תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקידת יצחק" (ר"ה ט"ז)

האָט געזאָגט דערויף דעם רבין ר' בונם'ס פאָטער, רבי הירש וואוי-דיסלאַווער:

לעולם, בכדי צו דערמאָהנען די עקידה, וואָלט דאָך גיכער געפּאַסט צו נעהמען אַ מעסער, דאָס איז דאָך אַ פיעל שטאַרקערער זכר איידער אַ שופר?... נאָר באמת זענען מיר אויסען דערמיט צו דערמאָהנען, נישט אַזוי ווייט די מעשה עקידה גופא, אַז אברהם האָט מסכים געווען און יצחק איז געווען גרייט צו לאָזען זיך ברענגען פאַר אַ קרבן, ווי בעיקר דאָס, אַז השי"ת פערלאַנגט נישט קיין מענשליכע קרבנות און ער האָט דעם קרבן פון יצחק'ן אויסגעטוישט אויף אַן איל... און דעריבער, בשעת מיר שטעלען זיך אַוועק אום ראש-השנה מתפלל זיין צו השי"ת, ער זאָל אונז, חלילה, נישט מעניש זיין פאַר אונזערע חטאים, ווייזען מיר אָן דערביי אויפ'ן שופר של איל, אַז אויך מיט אונז זאָל ער זיך אַזוי נוהג זיין, ווי ער האָט זיך נוהג געווען מיט יצחק אבינו, וואָרום — „כי לא יחפוץ במות המת"...

ערוב עבדך לטוב, אל יעשקוני זדים...

כל ישראל ערבים זה בזה", אַלע זענען מיר געגענזייטיג פעראַנט-וואָרטליך, אַלע זענען מיר שותפים איינער צום צווייטען, סיי צו די מצוות,

סיי צו די עבירות. בעטען מיר דעריבער ביים רבונו של עולם: „ערוב עבדך לטוב", העלף אונז, אז מיר זאלען קענען זיין „ערבים זה בזה" בלויז „לטוב", צו גוטע מעשים, און „אל יעשקוני זדים", עס זאל נישט קומען דערצו, — אז די רשעים זאלען מיך בערויבען, זיי זאלען ווערען שותפים צו מיינע מצוות און איך — צו זייערע עבירות...

(רבי משה לייב סאסובער)

כי זכר כל המעשים לפניך בא וגם את נח באהבה זכרת...

צי האבען מיר נישט קיין גרעסערע צדיקים, אויף וועלכע מיר זאלען זיך פעררופען, דאס מיר דארפען אזש אנקומען צום זכות פון נח'ן?

נאר — טענה'ן מיר צום רבונו של עולם — אמת הדבר, אז מיר זע-נען נישט ריין פון זינד, אז מיט אונזערע מעשים און מיט אונזער אויפ-פיהרונג זענען מיר נישט אזוי שטארק אין ארדנונג, אבער, בעטען מיר ביי דיר: „כי זכר כל המעשים לפניך בא ואתה דורש מעשי כולם", זאלען פאר דיר גלייכצייטיג דערמאהנט ווערען די מעשים פון אלע אנדערע מענשליכע בעשעפענישען, פון אלע אנדערע פעלקער. טהו א קוק, ווי אזוי זייער אויפפיהרונג זעהט אויס, וואסערע מעשים נוראים עס ווערען דורך זיי אבגעטהון און דו וועסט דאן זעהען, אז אין פערגלייך מיט זיי זענען מיר צדיקים גמורים... „וגם את נח באהבה זכרת" — אויך צו נח'ן האסטו אנ-געוואנדען די זעלבע מאס — „ותפקדהו בישועה ורחמים בהביאך את מי המבול לשחת כל בשר" — און דו האסט זיך צו איהם אין דער מבול-צייט בעצויגען בישועה ורחמים, נישט אזוי ווייט צוליעב זיינע אייגענע מעשים טובים, ווי „מפני רוע מעלליהם" — ווייל אין פערגלייך מיט די שלעכטע מעשים און מיט די רשעים פון דור-המבול, האט ער אויסגעזעהען צו זיין א צדיק תמים...

(סידור דובר שלום)

ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור...

דאס פעררופען זיך אויף דער עקידת יצחק, ווי בכלל דאס פעררופען זיך אויף זכות אבות, קאן אויסגענוצט ווערען נישט נור לטובה, נאר אויך לרעה, נישט נור דורכ'ן סניגור, נאר אויך דורכ'ן קטיגור, וועלכער קאן זיך אוועקשטעלען און טענה'ן, אז דוקא דערפאר, וואס דער בעשולדיגטער האט געהאט אזעלכע זיידעס, וועלכע האבען איהם געדארפט דיענען אלס ביי-

שפּיעל מיט זייערע גוטע מעשים, מיט זייער גרייטקייט צו לאָזען זיך מוסר נפש זיין על קידוש השם, קומט איהם דערפאַר אַ פיעל הארבערע שטראָף. בעטען מיר דעריבער און אַפּעלירען: „ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור", די עקדת יצחק זאָל אונז דערמאָהנט ווערען, נישט חלילה פון דער שלעכטער זייט נאָר — „ברחמים", צום גוטען, לזכות...

און אַזוי געפינען מיר אויך אין דער תפלה פון משה רבינו בשעת ער האָט געבעטען: „זכור לעבדיך לאברהם ליצחק וליעקב", האָט ער גלייך דערויף צוגעגעבען: „אל תפן אל קשינו ואל רשענו ואל חטאתנו", אַז דערמאָהנט זאָל אונז ווערען דער זכות-אבות נישט צום שלעכטען, חלילה, נאָר צום גוטען...

(של"ה)

„באין מליץ יושר"...

צוקומענדיג צו די דאָזיגע ווערטער האָט רבי משה ליב סאסובער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „באין מליץ יושר מול מגיד פשע", אויב ס'איז נישטאָ חלילה קיין מליץ-יושר, וואָס זאָל אויף אונז מלמד זכות זיין, דאַן בעטען מיר דיך, רבונו של עולם: „תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט", אַז דו זאָלסט האַנדלען מיט אונז לויט די דינים פון דער תורה, און לויט דער תורה-הקדושה מוזען מיר געווינען, מוזען מיר אַרויסגעהן זכאי. מחמת, ערשטענס, איז אַ בפירוש'ער דין, אַז „זכין לו לאדם שלא בפניו ואין חבין לו לאדם אלא בפניו", און דער משפט, וואָס ווערט געפיהרט וועגען אונז דורכ'ן בית דין של מעלה, איז „שלא בפניו", דען מיר הערען נישט זייערע טענות און מיר זענען דעריבער נישט אימשטאַנד אויף זיי צו ענטפערען... צווייטענס, זאָגען אונזערע חכמים: „אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו", אַז דער דיין דאַרף זיין זיכער ביי זיך, אַז ווען ער זאָל געשטעלט ווערען אויפ'ן זעלבען אָרט און אין די זעלבע בעדינגונגען, וואָס דער געמשפּט'ער, וואָלט ער נישט דורכגעפאַלען, וואָלט ער דעם נסיון אויסגעהאַלטען, און דאָס קענען די מלאכים, וועלכע זיצען אַלס שופטים אין דער פמליא של מעלה, נישט זאָגען אויף זיך, מחמת עס איז זיי קיינמאָל נישט אויסגעקומען געפּרובט צו ווערען מיט אונזער טעם, זיי האָבען נישט קיין יצר הרע און אין זיי האָט מען נישט איינגעוואָרצעלט די שלעכטע מדות פון „קנאה ותאוה וכבוד", מיט וועלכע עס קומט אונז אויס צו ראַנגלען זיך גאַנצע טעג, און זיי זענען אויך קיינמאָל נישט געפּרובט געוואָרען מיט דעם ביטערען נסיון פון פרנסה, פון אַרומלויפען מיט לעדיגע הענד צו פערזאָרגען

דאָס ווייב און קינדער מיט ברויט... דריטענס, פסקנ'ט דער רמב"ם (הלכות סנהדרין פרק ב' הלכה ג'), אַז „אין מעמידין בכל הסנהדרין לא זקן מופלג בשנים ולא סריס מפני שיש בהם אכזריות, ולא מי שאין לו בנים כדי שיהא רחמן", און אַזוי זאָגט אויך רש"י (אין סנהדרין לב), אַז זקנים האָבען אין זיך אכזריות, ווייל זיי האָבען שוין בעוויזען צו פערגעסען דעם צער פון גידול בנים און צוליעב דעם זעלבען טעם זענען אויך די מלאכים נישט ראוי צו משפט'ן אונז, דען אויך זיי ווייסען נישט פונ'ם צער גידול בנים... פיערטענס, נישט נור קיין דיינים, נור אפילו קיין עדות קענען זיי אין אונ־זער משפט נישט זיין, דען דער דין איז, אַז ס'דאַרף זיין „עדות שאתה יכול להזימה" און די מלאכים זענען מיר נישט בכח מזים צו זיין... פינפ־טענס, טאָר איבערהויפט נישט אַרויסגעשטעלט ווערען אַלס עדות דער שטן הוא היצר־הרע, ווייל ראשית, איז ער דאָך אויך אַ מלאך, שנית, איז ער נישט מעהר ווי אַנ'עד אחד, שלישית, איז ער אַ מחטיא את הרבים און ער איז פסול לעדות. חוץ דעם האָט ער דעם דין פון אַ מסית־ומדיח וועלכען ס'איז אַ מצוה עוקר צו זיין מן השורש, און נישט נור אַלס מקטרג, נאָר אפילו מלמד זכות צו זיין אויף אונז טאָר ער עפ"י דין נישט צוגעלאָזען ווערען... זעקסטענס, איז אַ בפירושע הלכה, אַז „התובע הולך אחר הנתבע", און אויב דאָס בית־דין של מעלה האָט צו אונז תביעות, דאַרפען זיי אַראבקומען אַהער און זיך משפט'ן מיט אונז דאָ פאַר'ן בית־דין של מטה, לויט'ן דין פון זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד... אַזוי איז דער חוק ומשפט לויט דער תורה הקדושה און מיר פערלאַנגען, רבונו של עולם, אַ ריינע דין־תורה!...

היודע יצר כל היצורים...

דער רבונו של עולם ווייסט און ער קען דעם יצר פון איטליכען מענש און יעדער איינער ווערט דעריבער געמשפט לויט דעם יצר, וואָס האָט איהם גורם געווען צו זינדיגען, דען נישט ביי אַלעמען איז דער יצר־הרע גלייך און „כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו"...

(רבי אברהם'לע סאָכאַטשאווער)

וכל מאמינים שהוא עונה לחש...

וכל מאמינים — האָט רבי יענקעלע ראַדזימינער זיך אויסגעדריקט איינמאָל ראש-השנה ביים טיש — מיר אַלע גלויבען און זענען פול מיט אמונה — שהוא עונה — אַז השי״ת ענטפערט אויף אַלע טענות פון מקטרג: לחש! שטיל זאָל זיין!...

(תירוש ויצהר)

היום הרת עולם וכו׳ אם כבנים ואם כעבדים...

לויט דער תורה שבכתב און לויט דער תורה שבעל-פה — האָט רבי זושא האַניפּאָלער זיך אויסגעטענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם — ביזטו מחויב, רבונו של עולם, צו בעפרייען אונז און אויסצולייזען מעבדות לחרות. ערשטענס, איז דער דין, אַז אַ׳נעבד געהט אַרויס פריי „בראשי איברים״, אויב דער בעל-הבית האָט איהם אויסגעשלאָגען אַ׳נ׳אויג, אויסגעהאַקט אַ צאָהן וכדומה, צווינגט מען איהם, אַז ער מוז איהם שרייבען אַ „גט שחרור״, ער מוז איהם בעפרייען, און צי דען דאַרף מען נאָך אויסרעכענען, און צי איז דען מעגליך גאָר אויסצורעכענען, וויפיעל ראשי איברים מען האָט שוין פון אונז אָבגעהאַקט און וויפיעל מיר זענען שוין געשלאָגען און געפייניגט געוואָרען במשך פונ׳ם לאַנגען און פינסטערען גלות?.. ווידער ווערט געפסק׳נט: „שאם הניח לו רבו תפלין בראשו או שאמר לו רבו לקרות ג׳ פסוקים בספר-תורה בפני הצבור״, אַז אויב דער בעל-הבית האָט אָנגעטהון דעם עבד תפלין אויפ׳ן קאָפּ, אָדער ער האט איהם געהייסען לייענען פאַר׳ן צבור דריי פסוקים אין דער תורה, „יוצא לחירות וכופין את רבו לכתוב לו גט שחרור״ (יורה דעה רס״ז). מאַך זשע, רבונו של עולם, אַ חשבון, ווי לאַנג מיר האבען שוין פאַר דיר ביז׳ן היינטיגען טאג תפילין געלעגט, ווי לאַנג מיר זענען שוין מתפלל און וויפיעל פסוקים מיר האָבען שוין ביז היינט געלייענט אין דער תורה... דער דין איז אויך: „המוכר עבדו לעכו״ם או לגר תושב יוצא לחירות״, דאָס זעלבע אויך: „המוכר עבדו לחוץ-לארץ או לסוריא או לעכו״. ווי לאַנג זשע איז דער שיעור, אַז מיר זאָלען זיין פערקויפט צו די גוים? ווי לאַנג איז דער שיעור, מיר זאָלען זיך אַרומוואַלגערען אין חוץ-לארץ? עס ווערט אויך גע-פסק׳נט: „עבד שאמר לעלות לארץ-ישראל כופין את רבו לעלות עמו״, אויב דער עבד וויל געהן קיין ארץ-ישראל, צווינגט מען דעם בעל-הבית ער זאָל מיטגעהן מיט איהם. און דער דאָזיגער דין — ווערט געזאָגט אין שלחן-

ערוך—איז גילטיג אפילו דאַן, ווען ארץ־ישראל געפינט זיך בידי עכו״ם, און אויך מיר, רבונו של עולם, ווילען, מיט אלע כחות רייסען מיר זיך אַהין, ביזטו אַלזאָ עפ״י דין מחויב מיטצוגעהן מיט אונז... פינפטענס, ווערט גע־זאָגט אין רמב״ם, אַז עס איז אַ מדת חסידות, דאָס דער מענש זאָל זיין אַ רחמן און ער זאָל נישט בעשווערען דעם עול אויף זיין עבד, ער זאָל איהם נישט מצער זיין, ער זאָל איהם געבען צו עסען און צו טרינקען צו דער זעט „מכל מאכל ומשקה״, און ער זאָל איהם נישט מבזה זיין, נישט פיזיש און נישט מיט ווערטער, און ער זאָל נישט שרייען און נישט בייז־זערען זיך, נאָר רעדען צו איהם בנחת און אויסהערען זיינע טענות. איז אויב דאָס ווערט פערלאַנגט פון אַ געוועהנליכען בשר־ודם, איז דאָך אַ קל־וחומר, בן בנו של קל־וחומר, אַז דער מלך מלכי המלכים, דער „יושב על כסא רחמים ומתנהג בחסידות״, דאַרף זיינע אידישע קנעכט אַוודאי און אַוודאי פערזאָרגען מיט פרנסה, „בכל מילי דמיטב״ ובדרך כבוד, און זיך אויפפיהרען מיט זיי בחסד, לפנים משורת הדין... דאָס אַלץ, וואס איז ביז אַהער אויסגערעכענט, איז נוגע אַן עבד כנעני, דעם עבד־עברי קומט עפ״י דין נאָך פיעל גרעסערע זכיות: מען טאָר איהם נישט פערקויפען לענגער ווי אויף זעקס יאָהר; דער בעל־הבית איז מחויב אויסצוהאַלטען מיט מזונות נישט בלויז איהם אַליין, נאָר אויך זיין ווייב און קינדער; בעהאַנדלען דאַרף ער איהם אויפ׳ן איידעלסטען אופן; עס דאַרף זיין „כי טוב לו עמך״ און „לא ירדנו בפרך״ און בעת׳ן בעפרייען איהם פון עבדות דאַרף ער איהם פערזאָרגען אויפ׳ן וועג מיט אַלעם גוטען: „הענק תעניק לו״... פערלאַנגען מיר דעריבער פון דיר, רבונו של עולם: „אם כעבדים— עינינו לך תליות עד שתחנינו ותוציא כאור משפטינו״, אַז דו זאָלסט אונז משפט׳ן לויט׳ן משפט פון דער תורה!...

(דורש טוב לעמו)

יוֹם כִּפּוּר

„רבי אומר: על כל עבירות שבתורה, בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה, יוה״כ מכפר וכו׳, ומודה רבי בכרת דיומא, דאי לא תימא הכי, כרת דיוה״כ לרבי לית ליה?״ (שבועות י״ג).

האָט דער קאָצקער רבי געפרעגט: וואָס איז דאָ די גמרא׳ס קשיא? אויך לויט רבי קאָן דאָך מעגליך זיין, אַז עס זאָל קומען כרת, און דאָס אין פאַל, אויב ער זאָגט: „אחטא ואשוב״, דערויף איז דאָך קיינער נישט מחולק, אַז יום־כפור איז דאַן נישט מכפר?

נאָר — האָט דער קאָצקער געענטפערט — אויב ער זאָגט: „אחטא ואשוב ויום־הכפורים מכפר״, הייסט ער באמת אַ שוגג, וועלכער ווייסט נישט אַז יום־הכפורים איז דערויף נישט מכפר און מעגליך, אַז ווען ער זאָל געווען וויסען, וואָלט ער דעם חטא נישט בעגאַנגען, און אויף אַ שוגג קאָן דאָך ווידעראַמאָל נישט קומען קיין כרת...

די חז״ל זאָגען: „רבא הוה רגיל דהוה יתיב בתעניתא תרי יומי״ (ר״ה כ״א), אַז רבא האָט יום־כפור געפאַסט צוויי טעג משום ספיקא דיומא.

פרעגט זיך: אין אַ צווייט אָרט ווערט דערצעהלט, אַז „לרבא הוה אתי ליה שלמא ממתיבתא דרקיע כל מעלי יומא דכפורי״ (תענית כ״א), איז אויב אַזוי האָט ער האָט דאָך שוין גענוי געוואוסט, ווען יום־כפור איז, טאָ נאָכוואָס האָט ער ווידער געדאַרפט פאַסטען צוויי טעג?...

די דאָזיגע קשיא ווערט געבראַכט אין ספר „פתח עינים״ און עס ווערט דאָרט אָנגעוויזען, אַז אין מס׳ ר״ה איז רבינו חננאל גורס, נישט רבא נאָר רבה...

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען, אַז דאָס, וואָס נאָך דער סעודה המפסקת, ביים בענשען ברכת המזון, ביים צינדען די ליכט און ביים געהן אין שוהל אַריין, דערהערען זיך אין אַלע אידישע הייזער אַזעלכע מורא׳דיגע בכיות ויללות — דאָס איז דעם שטנ׳ס אַרבייט, דען די חז״ל זאָגען: „השטן בגמטריא שס״ד הוי, שס״ד יומי אית ליה רשותא לאסטוני, ביומא דכפורי לית ליה רשותא לאסטוני״ (יומא פ׳), איז פון גרויס כעס, וואָס ער בלייבט אַ גאַנצען מעת-לעת אַרבייטסלאָז, לאָזט ער איבער די אידען פאַר׳ן אַוועקגעהן אַלס „לעצט-געלד״ אַ פּאָרציע מרה-שחורה און עצבות, וואָס דאָס איז איינס פון די ערגסטע מדות... אַ איד דאַרף טאַקי שטעהן יום-כפור פאַר׳ן אויבערשטען מיט אַ צובראָכען הארץ, מיט אַ לב נשבר ונדכה, אָבער נישט מיט קיין עצבות חלילה, נאָר מיט התחזקות און מיט בטחון, אַז — „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם״!..

ערב יום-כיפור פאַרנאַכט, פאַר כל-נדרי, האָט איינמאָל רבי יחיאל מאיר, דער רבי פון גאָסטינין, אָנגעכאַפּט דעם משמש זיינעם פאַר דער האַנד און זיך געבעטען ביי איהם:

— פּייוועל-קרוין, לאָמיר תשובה טהון! כאָטש ס׳איז אַזוי שפּעט, איז נאָך אַלץ דאָ צייט תשובה צו טהון, דען ס׳ווערט געפּסק׳נט, אַז „מקצת היום ככולו״ און „יום אחד בשנה חשוב כשנה״, און אויב מיר זאָלען אין דער איצטיגער מינוט תשובה טהון, וועט עס זיין גלייך, ווי מיר וואָלטען תשובה געטהון אַ גאַנץ יאָהר...!

איינמאָל ערב יום-כיפור פאַרנאַכט איז דער צדיק רבי יעקב יצחק, דער רבי פון לובלין, צוגעגאַנגען צום עמוד זאָגען „כל-נדרי״, ער איז אָבער געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און געשוויגען. ס׳איז שוין שפּעט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען, אָבער דער רבי האַלט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט איןביידע הענד, פערטיעפט אין מחשבות און שווייגט... פלוצים טהוט ער זיך אַ דרעה-אויס צום עולם און פרעגט: צי געפינט זיך נישט צווישען די מתפללים אַ איד פון פילעוו? — קוקט מען זיך-אָן איינער דעם צוויי-טען מיט ערשטוינונג, און עס רופט זיך-אָן אַ איד, וועלכער ציטערט איני-גאַנצען פון פחד, אַז ער איז פון פילעוו... רופט איהם דער רבי צו צו-זיך און פרעגט איהם, צי ווייסט ער נישט, וויפיעל דער פריץ פון זיין שטאָדט האָט בעצאָהלט פאַר׳ן הונד, וואָס ער האָט היי-יאָהר געקויפט..

יאָ — ענטפערט דער איד און עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר פּחד פון דער אומגעריכטער שאלה. — יאָ, איך בין גראָד געוועזן דאָן אין „הויף", בשעת דער פּריץ האָט דעם הונד געקויפט... טויזענד רובל האָט ער פאַר איהם בעצאָהלט...

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך אויפ'ן פּנים פון'ם רבי'ן אַ צופרידענער שמייכעל בעוויזען און ער האָט זיך אויסגעדרעהט צום עמוד און אָנגעהויבען זאָגען „כל-נדרי" מיט גרויס שמחה...

דער עולם האָט געשטוינט, אָבער קיינער, פערשטעהט זיך, האָט די העזה נישט געהאַט איבערצופרעגען אַ וואָרט. ערשט מוצאי-יום-כיפור נאָך הבדלה האָט דער רבי דערצעהלט זיינע מקורבים, וואָס אַזעלכעס עס האָט פּאַסירט:

— עס איז אויפ'ן הימעל — דערצעהלט ער — געוועזן אַ גרויסער קטרוג אויף אידען. דער שטן-המקטרג ימ"ש האָט זיך אַוועקגעשטעלט און איבערגעגעבען אַ מעשה מיט איינעם אַ בכבוד'דיגען געפאַלענעם אידען, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען איבער די שטעדט מקבץ-זיין נדבות אויף הכנסת-כלה און די אידישע גבירים האָבען איהם מדחה געוועזן און אָבגע'פּטר'ט מיט גראָשענס; אָבער געהענדיג אַזוי אין וועג, איז איהם אַנטקעגענגעקומען דער פּילעווער פּריץ, וועלכער האָט זיך מיט איהם פונאַנדערגערעדט, און דערהערענדיג וועגען זיין שווערען מצב, האָט ער אַרויסגענומען, דער גוי'אישער פּריץ, דריי הונדערט רובל און איהם דערלאַנגט!..

דער דאָזיגער קטרוג — האָט אויסגעפיהרט דער רבי פון לובלין — האָט אַ גרויסען רושם געמאַכט און איך האָב זיך דעריבער בעמיהט צו בעווייזען, אַז נישט צוליעב רחמנות האָט דער פּריץ דעם אידען אַזאַ גרויסע נדבה געגעבען, נאָר ווייל געלד האָט ביי איהם קיין ווערט נישט; והראיה — אָט איז דאָך רעכט ביי איהם צו בעצאָהלען טויזענד רובל פאַר אַ הונד!...

פאַרוואָס — ווערט געפרעגט אין פערשידענע ספרים — מאַכט מען נישט קיין ברכה ביים מקבל זיין אויף זיך דעם תענית פון יום-כפור, פונקט אַזוי ווי מען דאַרף מאַכען אַ ברכה ביים מקיים זיין יעדע אַנדערע מצוה פון דער תורה?

— ווייל — האָט דערויף גאַנץ איינפאַך געענטפערט דער סאָכאַטשאָווער רבי, דער „אבני נזר" — די מצוה פון תענית איז אַן אויסנאַהם פון אַלע אַנדערע מצוות; עס איז אַ מצוה פון „שב ואל תעשה"...

על חטא שחטאנו לפניך בנשך ובמרבית...

רבי יאָשע בער בריסקער האָט אַמאָל ערב יום־כפור צו מנחה בע־מערקט, ווי אַ געוויסער בריסקער גביר, אַ בעקאַנטער פּראָצענטניק, קלאַפּט זיך גאָר שטאַרק אין הארצען ביים דאָזיגען על־חטא, רופט ער זיך נאָכהער אָן צו איהם, אַז דאָס האָט געמיינט ישעיה הנביא בשעת ער האָט אויסגע־שריען: „על מה תכו עוד תוסיפו סרה"! ער האָט געמיינט דערמיט די פּראָצענטניקעס, וועלכע זינדיגען אַפילו דאַן ווען זיי קלאַפּען זיך אין האַר־צען, מחמת צווישען איין קלאַפּ און צווייטען וואַקסט דערווייל דער פּראָצענט...

דער רבי ר׳ בונם איז אַמאָל געווען אין קאַרלסבאַד צוזאַמען מיט׳ן וואָרקער רבי׳ן און זיי האָבען זיך געטראָפען דאָרט מיט׳ן ניקעלשבורגער רב, רבי מרדכי באַנעט. איינמאָל, ווען זיי האָבען שפּאַצירט צוזאַמען אין וואַלד, פרעגט רבי מרדכי באַנעט דעם רבי׳ן ר׳ בונם, פאַרוואָס מען האָט מסדר געווען דעם ודוי פון יום־כפור, די על־חטא׳ס, לויט׳ן סדר פון א״ב?

ס׳איז גאַנץ פּשוט — ענטפערט איהם דער רבי ר׳ בונם — ווען דער „על חטא" וואָלט נישט געווען לויט׳ן א״ב, וואָלט מען דאָך נישט געוואוסט ווען מען זאָל אויפהערען צו קלאַפּען...

רבי מרדכי באַנעט איז געוואָרען אויסער זיך פון אַזאַ כמעט הלצה׳־דיגער תשובה און ער האָט אַ זאָג געטהון מיט כעס, אַז אַזאַ ענטפער פּאַסט פאַר׳ן פּשיסכער חדר...

(תירוש ויצהר)

וסלחת לעונינו כי רב הוא..

געוועהנליך איז דער דרך העולם, אַז בשעת אַ מענש פּיהלט זיך פאַר וועמען זינדיג און ער געהט יענעם מפייס זיין, בעמיהט ער זיך צו פאַר־ענטפערען און צו פערקלענערען ביי יענעם אין די אויגען די בעדייטונג פון בעגאַנגענעם חטא, לסוף שטעהען מיר גאָר און ריהמען זיך: כי רב הוא! מיר האָבען אַ סך זינד, גרויסע זינד... היתכן?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף דער דובנער מגיד — עס איז פאַר־האַן אַ צווייטער פאַל. בשעת איינער איז אַ גרויסער בעל־חוב און ער קומט צום קרעדיטאָר זיך פערגלייכען, בעמיהט ער זיך, פערקערט, פאַר־

צושטעלען, אַז ער פערמאָגט גאָרנישט און ס'איז נישטאָ, וואָס צו נעהמען ביי איהם, וואָרום ער איז פערשולדיגט אין חובות איבערן קאָפּ, כדי יענער דערהערענדיג אין וואָס פאַר א קלאָגענדיגען מצב זיין בעל-דבר געפינט זיך, זאָל מסכים זיין צו רעגולירען מיט איהם אויף די לייכסטע בעדינגונגען...

און אויך מיר טענה'ן דאָס זעלבע: „וסלחת לעונינו כי רב הוא", מיר זענען מורא'דיגע בעלי-חובות, און דעריבער זיי אונז מוחל און קום מיט אונז אַדורך...

ככתוב על יד נביאך בימים ההם ובעת ההיא, נאום ד', יבוקש את עון ישראל ואיננו...

האָט רבי משה קאָברינער געפרעגט: דער דאָזיגער פסוק (ירמי' נ' כ'), וועלכער בעציהט זיך אויף ימות-המשיח, איז דאָך אין סתירה צו די פערשידענע מאמרי חז"ל, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז „בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי וכו' ויראי חטא ימאסו והאמת תהא נעדרת וכו'" (סוטה מ"ט)?

נאָר — האָט ער דערויף געענטפערט — דער פשט איז: עס וועט דאַמאָלס זיין אַזאַ פערדאָרבענע צייט, אז „יבוקש את עון ישראל ואיננו", מען וועט מעהר נישט געפינען ביי קיינעם קיין חטאים, מען וועט אַלץ מעגען, אַלץ וועט זיין ערלויבט, מען וועט קאָנען אָבטהון אַלדאָס בייז און בלייבען אַ שענער איד...

עשה למען תינוקות של בית רבן. עשה למען יונקי שדים שלא חטאו...

די דאָזיגע הארציגע און ריהרענדע ווערטער ווערען אויסגעשריען דורך די מתפללים מיט גרויס כונה. עס שאקירט אָבער און עס קלינגט משונה'דיג אין די אויערען, ווען צווישען די דאָזיגע שרייערס אין שוהל געפינען זיך נישט ווייניג אַזעלכע, וועלכע שיקען נישט זייערע קינדער אין קיין חדרים, נאָר אין שולען, וואו עס איז נישטאָ קיין זכר פון תורה און אידישקייט, וואו זיי בעקומען אַ פרעמדע, גוי'אישע ערציהונג, און זיי שעמען זיך גאָרנישט, די טאַטעס, אַוועקצושטעלען זיך און צו שרייען בקול רם: „עשה למען תינוקת של בית רבן"!...

(דרכי בקדש)

וכך היתה תפלתו של כהן גדול...

רבי אלעזר פלעקלעש אין זיין ספר „תשובה מאהבה" ווייזט אָן אויף דער מערקווירדיגער און ווירקליך פלא'דיגער שטעלע אינ'ם סדר העבודה לויט'ן נוסח אשכנז, וואו עס ווערט געזאָגט: „וכך היתה תפלתו של כהן גדול ביום הכפורים בצאתו מבית קדש הקדשים וכו' שנת נבוא לבית מקדשנו.. שנה שתוליכנו קוממיות לארצנו... שנת תעלנו שמחים לארצנו", ווי אַזוי גפשיקט זיך צו בעטען די דאָזיגע תפלה בשעת דאָס בית המקדש האָט עקזיסטירט און אידען זענען געזעסען אין זייער לאַנד? זאָל מען ווי־דער אָננעהמען, אַז מען האָט די דאָזיגע ווערטער מוסיף געווען אין די שפּעטערדיגע דורות, נאָכ'ן חורבן — טאָ ווי אַזוי לאָזט זיך דערביי זאָגען: „וכך היתה תפלתו של כהן גדול"?...

ויאמר עליהם עברי אנכי...

„עברי אנכי", און אַזוי איז שוין פון תמיד אָן דער אידישער גורל... יונה צאָהלט אָב פאַר דער גאַנצער שיף — און אַליין איז „ויונה ירד אל ירכתי האניה", האָט ער קוים פאַר זיך אַ ווינקעל... יונה איז דער שטיל־סטער און רוהיגסטער פון אַלעמען, אָבער על כל צרה שלא תבוא, איז ער פעראַנטוואָרטליך, אויף איהם ווערט אָנגעוויזען אַלס אויף דעם שווערסטען פערברעכער, צוליעב וועלכע אַלע ליידען, אויף איהם פאַלט שטענדיג דער גורל און ער דאַרף זיין דער קרבן, וועלכער זאָל פערלייכטערען די משא פון דער שיף, בכדי די איבריגע פּאַסאַזשירען זאָלען קאָנען אָנקומען צום ברעג בשלום.. עברי אנכי...

(ילקוט מרגליות)

יום־כפור נאָך מנחה, האָט איינמאָל רבי מאיר'ל פּרימישלאַנער צוגע־רופען צו זיך אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט אַלעמען איבערגעיאָגט מיט'ן פּרייז און געקויפט מפטיר יונה, און איהם אַ פרעג געטהון:

— נו, יונגערמאַן, האָסטו שוין עפּעס אַנ'ענטפער אויפן רב־החובל'ס קשיא?

דער יונגערמאַן בלייבט שטעהען אַ מבולבל'ער: וועלכע קשיא?

— מען האָט דיר איצט פאָרגעלייענט די קשיא, וואָס דער רב החובל

האָט געפרעגט יונה'ן: „מה לך נרדם״? — וואָס שלאָפסטו? — „קום קרא אל אלקיך!...

אין ספר „תופת ועדן״ פון עמנואל הרומי ווערט סאַרקאַסטיש אויס־געלאַכט דער מנהג צו האַנדלען אום יום־כפור מיט די עליות, וואָס עס ברענגט צו קריגערייען און קנאה־שנאה, און ער שרייבט וועגען דעם:

„ביום הכפורים באשמורת הבקר יקומו
ולריב ומצה יצומו
יריבו על המקומות ויקראו בגרון —
כי הם ראוים לשבת אצל הארון״...

דער מנהג צו בלאָזען שופר נאָך נעילה איז (ווי עס ווערט געזאָגט אין טור סי׳ תרכ״ד) לזכר פון יובל, וואָס לויט'ן דין האָט ער זיך אָנגע־הויבען פון יום־כפור.

דער דאָזיגער תקיעת־שופר — האָט דערויף צוגעגעבען רבי שלמה לייב לענטשיצער — איז מרמז אויף שמיטת חטאים, פונקט ווי יובל איז אַ שמיטת קרקעות וכספים, און פונקט אַזוי ווי יובל איז חל אפילו אויף אַזעלכען, וועלכער האָט קיין געלד נישט אויסצולייזען זיין נחלה, אַזוי איז אויך יום־כפור מכפר אויף אַזעלכע, וועלכע קומען נעבי'ך תשובה טהון מיט לעדיגע הענד, אָהן מצוות ומעשים־טובים...

מען דערצעהלט וועגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, אַז ער איז איינמאָל אום יום כפור געווען אַ גאַנצען טאָג שטאַרק טרויעריג און ער האָט אָהן אויפהער געוויינט און געגאָסען מיט טרערען. אָבער אין מיטען דער תפלה פון נעילה איז דער טרויער פון זיין געזיכט פערשוואונדען געוואָרען און ער איז געוואָרען פרעהליך. מוצאי יום־כפור נאָך הבדלה האָט ער דערצעהלט, אַז עס איז אינ׳ם דאָזיגען־טאָג געווען אין הימעל אַ שטאַרקער קיטרוג אויף אידען, אָבער פאַרנאַכט ביי נעילה האָבען זיך צוויי אידענעס ערגיץ אין אַ ווייבער־שוהל צושמועסט און איינע האָט גע־זאָגט צו דער צווייטער, אַז זי איז זיכער, דאָס מיר האָבען זיך אויסגעבעטען אַ גוט יאָהר. פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט איהר די צווייטע —

פון וואַנען ביזטו אַזוי זיכער ? ענטפערט איהר דערויף די ערשטע יודענע : ווי קאָן דען, האַרציגע, אַנדערש זיין ? ווען מיר וואָלטען געשטאַנען אפילו פאַר אַ גזלן אין וואַלד און פאַר איהם אַזוי פיעל געבעטען און אַזוי פיעל געוויינט, וואָלט ער אויך דאָך אויף אונז רחמנות געקריגען !... די דאָזיגע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען רעש אין עולם העליון און דער סניגור האָט מנצח געווען דעם קטיגור...

סֻכּוֹת

דער טריסקער מגיד פלעגט זאָגען, אַז אין די ימים-נוראים, אין די טעג פון ראש-השנה און יום-כפור, גרייט ער זיך אָן אויף אַ גאַנץ יאָהר יראת השם און אין די טעג פון סוכות, וועלכע זענען רייך מיט מצוות, וואָס ווערען אויפגענומען בחיבה, מיט ליבשאַפט, גרייט ער זיך דאַן אָן אויף אַ גאַנץ יאָהר אהבת-השם...

„ולקחתם לכם ביום הראשון — ראשון לחשבון עוונות" (תנחומא)

פאַרוואָס איז עפּעס גראָד דער ערשטער טאָג סוכות דער „ראשון לחשבון עוונות"?

האָט געזאָגט דערויף בדרך צחות דער „תפארת שלמה", דער רבי פון ראַדאָמסק: בשעת דער שטן קומט צוגעהן אין די ימים-נוראים מיט די שווערע פּעק עבירות און הויבט אָן אויסרעכענען די זינד, וואָס איטליכער איד איז בעגאַנגען במשך פון יאָהר, שטעלען זיך אָוועק די מליצי יושר און טענה'ן, אַז די אַלע זינד זענען די אידען בעגאַנגען בשוגג, בטעות, פאַר וועלכע מען דאַרף זיי מוחל זיין, דען נישט זיי, נאָר ער, דער שטן און יצר-הרע, איז אין דעם אַלעם שולדיג. ער האָט זיי גענאַרט און פערפיהרט מיט פערשידענע שקרים און פאַלשקייטען, איינרעדענדיג זיי, אַז די עבירות זענען לגמרי קיין עבירות נישט, און זיי האָבען איהם געגלויבט און זיך געלאָזט פון איהם פערפיהרען... ענטפערט דערויף דער שטן: פאַרוואָס לאָזען זיי זיך אָבנאַרען דוקא דאַמאָלס בשעת מען רעדט זיי צו צום שלעכטען? צי זענען זיי אין זייערע געלד-עסקים אויך אַזעלכע תמימים, צו גלויבען יעדען איינעם אויפ'ן וואָרט? זאָל איינער פון זיי פערלאַנגען ביים צווייטען, אַז ער זאָל איהם פאַר אַ חפץ, וואָס איז ווערט צעהן פּרוטות, געבען דאָפּעלט, וועט ער איהם געבען?... און אַלס

פשרה צווישען די טענות פון די צוויי צדדים ווערט דאַן בעשלאָסען, אַז מען זאָל אָבוואַרטען עטליכע טעג און מאַכען אַ פּראָבע בכדי פעסטצושטע-לען, צי זענען די אידען לייכטגלויביג נור בשעת'ן איינהאַנדלען דעם יצר-הרע'ס עבירות, אָדער די זעלבע לייכטגלויביגקייט ווייזען זיי אַרויס אויך ביי אַנדערע ענינים... און אָט, בשעת די אידען לאָזען זיך אַרויס נאָך יום-כפור אין גאַס איינקויפען די ארבעה מינים, פאַר וועלכע זיי צאָה-לען געזאַלצענע פּרייזען, און זיי קומען אינ'ם ערשטען טאָג סוכות אין שוהל מיט די אתרוגים און לולבים אין די הענד, ווייזט מען דעם שטן אַז אויך אין דיני ממונות לאָזען זיך די אידען אָבנאַרען, אַ ראיה פון די דאָזיגע אתרוגים מיט די לולבים, פאַר וועלכע זיי האָבען געצאָהלט אַזעלכע הויכע פּרייזען, הגם די דאָזיגע פּראָדוקטען האבען בעצם אַ גאַנץ קנאַפּען ווערט און אַ גוי וואלט פאַר אַלע ארבעה מינים קיין צעהן גראָ-שען נישט געגעבען... און אויב אַזוי קאָן מען דאָך שוין גלויבען, אַז אויך מיט די עבירות האָבען זיי זיך געלאָזט אָבנאַרען פון יצר-הרע, אָננעה-מענדיג עס פאַר גוטע סחורה...

נאָכ'ן דאָזיגען ריכטיגען בעווייז, נאָך וועלכען דער שטן בלייבט אָהן לשון, ווערען די פריהערדיגע פעקלעך עבירות אָבגעמעקט, אַנולירט און — „ראשון לחשבון עוונות", פונ'ם דאָזיגען טאָג אָן הויבט זיך אָן אַ נייער חשבון, אַ פרישע קאָנטאָ...

אין בערדיטשעוו, און אין דער גאַנצער סביבה אַרום, האָבען איינ-מאָל פאַר סוכות אויסגעפעהלט אתרוגים. ס'איז שוין צוויי טעג צו סוכות, דער בערדיטשעווער צדיק, רבי לוי יצחק, איז אונרוהיג און עס איז אונ-רוהיג און עס וואַרט מיט אומגעדולד דער גאַנצער קהל — און נישטאָ קיין אתרוג. האָט דער בערדיטשעווער געגומען עטליכע שליחים און זיי אַרויסגעשיקט אויף די וועגען אויסקוקען, אפשר וועלען זיי בעגעגענען אַ איד מיט אַנ'אתרוג. זענען זיי געגאַנגען אין געזוכט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען ענדליך דערזעהען אָנפאָהרען אַ בויד און אין דער בויד זיצט אַ איד מיט אַנ'אתרוג און לולב אין האַנד. זיי האָבען זיך דערפרעהט און אָבגעשטעלט די בויד, אָבער זייער שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט, מחמת דער איד האָט זיי ערקלערט, אַז נישט בערדיטשעוו איז דער ציעל פון זיין נסיעה, ער פאָהרט בלויז פאַרביי אויפ'ן בערדיטשעווער וועג און וואוינען וואוינט ער אין אַ שטעדטעל, וואָס ליגט זעהר ווייט פונדאַנען. די שלוחים האָבען איהם פונדעסטוועגען נישט אָבגעלאָזט און געבעטען, ער זאָל זיך אויף אַ

ווײלע אַבשטעלען און אַרײנגעהן מיט זײ צום בערדיטשעווער צדיק און דער איד האָט זיך געלאָזט איבעררײדען. דערזעהענדיג דעם איד מיט'ן אתרוג און לולב ווערט דער בערדיטשעווער מלא־שמחה און ער בעט דעם אורח, ער זאָל איהם טהון צוליב און בלײבען יום־טוב אין בערדיטשעוו וואו ער וועט קענען מזכה זײן דעם גאַנצען קהל מיט דער מצוה פון בענשען אתרוג, אָבער דער איד איז נישט מסכים: וואָס הײסט? ער האָט אין דער הײם ב"ה אַ פאַמיליע, אַ ווײב מיט קינדער, זאָל ער זיך פער־שטערען דעם יום־טוב און זיך אַוועקזעצען אין אַ פרעמדער שטאָדט? איז איהם דער בערדיטשעווער מבטיח, אַז ער וועט אין דעם זכות געהאָלפען ווערען מיט עשירות און מיט גוטע קינדער, דער איד וויל אָבער נישט הערען: ער דאַרף נישט קײן עשירות. ער איז ב"ה אַ גאַנץ שענער בעל־פרנסה און אויך קינדער האָט ער ב"ה גוטע. נײן, ער קאָן דאָ נישט בלײבען, ער מוז זײן יום־טוב אין דער הײם... געזעהען אַז דער איד איז אײנגעשפּאַרט, רופט זיך אָן צו איהם דער בערדיטשעווער: ווײסט איהר וואָס, אויב איהר וועט ערפילען מײן בקשה, זאָג איך אײך צו אַ פּלאַץ אין גן־עדן נעבען מיר... ווי דער איד האָט דאָס דערהערט, איז זײן עקשנות מאָמענטאַל געבראָכען געוואָרען, ער האָט מסכים געווען צו בלײ־בען און עס האָט זיך געפרעהט דער גאַנצער קהל, עס האָט זיך געפרעהט דער בערדיטשעווער צדיק און אויך דער פרעמדער איד האָט זיך גע־פרעהט.

דער איד האָט איבערגעלאָזט דעם אתרוג מיט'ן לולב און איז אַוועק אין שטאָדט אַרײן זיך מכין זײן צום יום־טוב, און דאַן האָט דער בער־דיטשעווער גענומען אַ שליח און אַרומגעשיקט צו אַלע בעלי־בתים פון שטאָדט מיט אַ בעפעהל, אַז עס זאָל קײנער פון זײ נישט אַרײנלאָזען דעם איד צו זיך אין סוכה אַרײן. עסען און טרינקען זאָל מען איהם נישט זשאַלעווען פון שענסטען און פון בעסטען, קײן סוכה אָבער זאָל מען איהם נישט געבען. פאַרוואָס? — דאָס האָט קײנער נישט פערשטאַנען און עס האָט קײנער נישט געהאַט די העזה איבערצופרעגען, אָבער אַז דער צדיק הײסט, מוז מען פאָלגען...

בײנאַכט נאָכ'ן דאַווענען, דער איד געהט פון שוהל צו זיך אויף דער אכסניא, ער קומט אַרײן אין זײן צימער, זעהט ער: אַ שען געגרײטעטער טיש מיט א סך ליכט, ווײן, חלות, פיש א. א. וו. און ער חדוש'ט זיך, וואָס האָט מען איהם עפּעס צוגעגרײט די סעודה אין שטוב? געשיקט זיך עס, אַז דער בעל־הבית, וועלכער זעהט אויס צו זײן אַ פרומער איד, זאָל קײן סוכה נישט האָבען? ער געהט אַרויס אויפ'ן הויף און עס ווערט איהם פרעהליך אויפ'ן האַרצען: עס שטעהט אַ גרויסע סוכה און אין דער סוכה

ויצט דער בעל־הבית מיט׳ן בני־בית, ער עפענט די טהיר פון דער סוכה מיט אַ ברייטען „גוט יום טוב!״ אָבער מען לאָזט איהם נישט אַריין... ער בלייבט שטעהן ערשטוינט, דערשראָקען: וואָס בעדייט דאָס? נאָר קיינער ענטפערט איהם נישט... לאָזט ער זיך אַריין אין אַ צווייטע שכנ׳ישע סוכה, און ווידער דאָס זעלבע: מען לאָזט איהם נישט אַריין, און אַזוי אין אַלע אַנדערע סוכות... וואָס זאָל דאָס בעדייטען? סוף כל סוף דערגעהט ער דעם סוד: עס איז אַ שטרענגער בעפעהל פון בערדיטשעווער צדיק, מען זאָל איהם אין קיין שום סוכה נישט אַריינלאָזען... אַ דערשראָקענער לויפט ער אַריין צום צדיק און פון גרויס צער און בזיון גיסען זיך איהם טרעהרען פון די אויגען: פאַרוואָס קומט עס מיר, רבי? מה פשעי ומה חטאתי? ענטפערט איהם רבי לוי יצחק, אַז אויב ער וויל דורכאויס זיצען אין סוכה, וועט ער איהם הייסען אַריינלאָזען, נאָר מיט אַ תנאי, ער זאָל איהם געבען תקיעת־כף, אַז ער איז מוחל אויפ׳ן פּלאַץ אין גן־עדן, וואָס ער האָט איהם צוגע־זאָגט צוליב׳ן אתרוג... דערהערענדיג דעם דאָזיגען תנאי בלייבט דער איד שטעהן אין פערלעגענהייט. פון איין זייט: ווי קאָן ער זיך אָבזאָגען פון אַזאַ גליק, פון אַ געזיכערטען חלק עולם־הבא, פון אַ פּלאַץ אין גן־עדן נעבען בערדיטשעווער צדיק? און צוליעב וואָס, אויב אַזוי, האָט ער זיך געלאָזט איינרעדען, צו פערשטערען זיך דעם יום־טוב, צו זיין אָבגעריסען פון ווייב און קינדער און צו ווערען אומזיסט פערשוואַרצט אין דער פרעמד? פון דער צווייטער זייט: ווי קאָן ער עס פועל׳ן ביי זיך, אַז ער זאָל עובר זיין אויף דער מצוה פון סוכה, וואָס ער האָט אָבגעהיטען אַלע זיינע יאָהרען, ווי געשיקט זיך עס, אַז אַלע אידען זאָלען זיצען אין סוכה און ער זאָל עסען אין שטוב?.. און דאַן האָט ער זיך פּלוצים בעשלאָסען און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו רבי לוי יצחק׳ן און אויסגערופען: נאַט אייך תקיעת־כף, כ׳בין אייך מוחל אויפ׳ן חלק גן־עדן און — לאָזט מיך זיצען אין סוכה!..

אַ גאַנצען יום־טוב האָט זיך רבי לוי יצחק אויף איהם נישט אומגע־קוקט און נישט גערעדט מיט איהם, ערשט שמיני־עצרת האָט ער נאָך איהם געשיקט, אַוועקגעזעצט איהם אויבענאָן נעבען זיך און איהם שטאַרק נוהג כבוד געווען, און דאַן רופט ער זיך אָן צו איהם און זאָגט: האָב נישט פעראיבעל, מיין קינד, וואָס כ׳האָב דיך פריהער אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט, כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז אַ איד זאָל זיך איינקויפען עולם־הבא דורך אַזאַ ביליגען, הפקר׳דיגען אופן, דורך שאַכער־מאַכער און תקיעת־כף. אַזאַ עולם־הבא, מיין קינד, איז גאָרנישט ווערט. עולם הבא דאַרף מען זיך אַליין אויסאַרבייטען, צו עולם־הבא דאַרף מען זוכה זיין דורך אייגענע גוטע מעשים, און דעריבער האָב איך דיך געוואָלט דערפיהרען צו אַ נסיון

און זעהן, צי דו וועסט דעם נסיון אויסהאלטען און איצט, ווען דו האסט ב"ה אויסגע־האלטען און ארויסגעוויזען צוליב דער מצות־סוכה אזוי פיעל מסירת־נפש, אזש ביז צום אבזאגען זיך פון עולם־הבא. גיב איך דיר צוריק מיין פריהערדיגע הבטחה און איך זאג דיר צו, אז מיר וועלען ביידע אי"ה זיצען אין גן־עדן צוזאמען.

(ש. י. זעווין, מספורי החסידים)

הושענא למענך דורשנו...

הושענא! — האט רבי משה לייב פאסובער געטענה'ט צום רבונו של עולם — דו האסט דאך בפירוש געשריבען אין דיין הייליגע תורה, אז ווען עמיצער געפינט אן אבידה, מעג ער זי האלטען נאר אזוי לאנג, „עד דרוש אחיך אותו", ביז דער בעל־הבית פאדערט זי צוריק, און אט איז שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, ווי מיר, דיין פאלק ישראל, זענען פערלוירען און וואלגערען זיך ארום צווישען די אומות, בעטען מיר דעריבער: דורשנו! עס איז שוין די העכסטע צייט, דו זאלסט מקיים זיין דעם „עד דרוש אחיך אותו" און אויסלייזען די אבידה!...

יום טוב נאכ'ן דאווענען זענען עטליכע סלאנימער בעלי־בתים אריינגע־קומען צו רבי אייזלען מקיים זיין דעם חוב פון „כיבוד יום־טוב" און פון „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל". אבגעזעסען עטליכע מינוט בעמערקט רבי אייזיל, ווי זיי איילען זיך און ווילען שוין געהן א היים, מאכט ער צו זיי: היות, ווי איהר איילט זיך און עס איז איצטער נישט קיין זמן צו זאגען תורה, וועל איך אייך בלויז זאגען א טעם אויף דעם מנהג, וואס איז אנגענומען ביי די בעלי־בתים, צו מאכען די יום־טוב'דיגע וויזיטען ביים רב פאר'ן עסען, געהענדיג א היים פון שוהל. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס יום־טוב, ווי איהר ווייסט, דארף זיין „חציו לד' וחציו לכם", און פון איין העלפט צו דער צווייטער העלפט קאן מען נישט אריבערשפרונגען אזוי לייכט, עס מוז דערביי זיין א געוויסער איבערגאנג, פונקט, למשל, ווי צווישען ווינטער און זומער איז דער איבערגאנג — דער פריהלינג, צווישען זומער און ווינטער — דער הערבסט, צווישען טאג און נאכט — דער בין־השמשות און שקיעת־החמה, און צווישען נאכט און טאג — דער עמוד־השחר און נץ־החמה. ווי אזוי זשע געהט מען איבער פון „חציו לד'" צום

„חציו לכם״? — איז די עצה דערצו, מען זאָל אין דער צווישען-צייט, געהענדיג פון שוהל, אריינגעהן צום רב; היות ווי דער רב לערנט נישט און די בעלי-בתים צאָהלען איהם קיין פענסיע נישט, איז ער דער ריכטיגער איבערגאַנג, דער אמת׳ער פערמיטלער צווישען די צוויי העלפטען, מחמת ער איז נישט „לה׳״ און נישט „לכם״...

(שיחות חכמים)

רבי משה לייב סאַסאָווער האָט אַמאָל, מוציא שמחת-תורה נאָך מעריב, בעמערקט, ווי ביי אַ טייל פון עולם הויבען אָן די פנימער צו ווערען ערנסט און פערדאגה׳ט צוליעב׳ן יום-טוב, וואָס געהט אַוועק, צוליב די וואָכעדיגע, שווערע ווינטער-טעג וואָס קומען אָן, האָט ער אַ קנאַק געטהון מיט׳ן פינגער און אויסגערופען: נישט געדאגה׳ט, אידען! דער רבונו של עולם פון „אתה חוננתנו״ איז דער זעלבער רבונו של עולם פון „אתה בחרתנו״, נישט געזאָרגט!..

חֲנֻכָּה

פון צווישען אלע מועדים און ימים־טובים איז חנוכה דער איינציגער מועד, וואס ווערט נישט דערמאהנט אין תנ״ך, און דעריבער פרעגט די גמרא: „מאי חנוכה״?

(מגיד משנה)

דער נצחון פון די חשמונאים און דער אנהויב פון זייער הערשאפט איז געפייערט געווארען מיט אכט טעג חנוכה און — מערקווירדיג! אכט הערשער האט פון זיך ארויסגעגעבען די דינאסטיע פון די חשמונאים: יהודה, יונתן, שמעון, יוחנן, אריסטובול, אלכסנדר־ינאי און די ברידער אריסטובול און הורקנוס. די אכט טעג חנוכה האבען אלזא פאראויס מרמז געווען אויף די אכט הערשער פון בית־חשמונאי...

(דר. אחרן יעלינעק)

אין פסיקתא רבתי פרק ב׳ ווערט אנגעגעבען א גאנץ אנדערען טעם ווי אין דער גמרא, וועגען דער פייערונג פון אכט טעג חנוכה.

„בשעה — ווערט דארט געזאגט — שנצחו בניו של חשמונאי כהן גדול למלכות יון וכו׳ נכנסו לבית־המקדש ומצאו שם שמונה שפודין של ברזל וקבעו אותם והדליקו בתוכם נרות״.

לויט דעם קומט אלזא אויס, אז די אכט טעג חנוכה זענען כנגד די שמונה שפודין של ברזל, אין וועלכע מען האט אנגעצינדען ליכט.

אנ׳אנדייטונג דערצו געפינען מיר אויך אין מס׳ מנחות, פונוואנען עס איז צו זעהען, אז אין בית־המקדש האט זיך געפינען א מנורה פון די חשמונאים, וועלכע איז געווען געמאכט פון שפודין של ברזל (מנחות כח).

צווישען די אַלטע אידישע היסטאָריקער הערשט אַ שטאַרקע חלוקי־דעות, צי יוחנן כהן־גדול, וועלכען מיר דערמאָהנען אין דער תפלה פון על־הנסים, איז דער זעלבער, וועגען וועמען די חז״ל זאָגען, אַז „שימש שמונה שנים בכהונה גדולה ולבסוף נעשה צדוקי״, אָדער עס איז אַן־אַנדערער. דער רמב״ם אין דער הקדמה צו משניות זאָגט בפירוש: „יוחנן כה״ג בן מתתיהו המוזכר בתפלות״, אַז עס איז, הייסט עס, יאָ דער זעלבער יוחנן, דערויף ווייזט אָן דער יוחסין, אַז דער רמב״ם האָט געהאַט אַ טעות און ער בעווייזט מיט פערשידענע ראיות, אַז דער יוחנן, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער תפלה איז נישט דער זעלבער שנעשה צדוקי. די היסטאָריקער זענען מסכים מיט'ן יוחסין, אַז דער רמב״ם האָט געהאַט אַ טעות. ובכלל — וואונדערען זיי זיך — ווי געשיקט זיך עס, אַז דער נאָמען פון יוחנן כהן גדול שנעשה צדוקי זאָל דערמאָהנט ווערען אין דער תפלה?

באמת אָבער האט מען אינ'ם דאזיגען גרויסען אַמפּערניש פערזעהען אַ קלייניגקייט: אין דער תפלה פון על הנסים ווערט געזאגט: „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי״, מתתיהו דער זוהן פון יוחנן כהן גדול, אין רמב״ם דאַגעגען ווערט געזאגט גאַנץ אַנדערש: „יוחנן כהן גדול בן מתתיהו המוזכר בתפלות״, יוחנן כהן גדול דער זוהן פון מתתיהו וועלכער ווערט דערמאהנט אין די תפלות, די ווערטער „המוזכר בתפלות״ בעציהען זיך אַלזא אויף מתתיהו'ן. אט דער דאזיגער מתתיהו האט געהאַט אַ זוהן, וועלכער האט אויך געהייסען יוחנן און איז אויך געווען אַ כהן־גדול און וועגען איהם איז עס געזאָגט געוואָרען, אַז — „לבסוף נעשה צדוקי״...

(הרב ישכר גראס)

„מצותה משתשקע החמה״ (שבת כ״א)

די מצוה פון הדלקת נר חנוכה איז בעיקר נויטיג און נוצליך אין דער צייט פון שקיעת־החמה, ווען עס הויבט אָן ווערען פינסטער, ווען עס לאָזט זיך אויס דאס חמימות און וואַרימקייט, ווען מען ווערט אינ'ם אַרומיגען חשכות דערדריקט פון ספיקות און יאוש און עס נעהמט זיך דוכטען, אַז עס איז כלו כל הקיצין, אַז עס איז שוין חלילה קיין שום האָפנונג נישטאָ. אין אַזאַ מאָמענט איז בעזונדערס נויטיג דאָס אָנצינדען די נרות חנוכה, וועלכע זאָלען פערטרייבען דעם יאוש און וועקען התעוררות און בטחון אויף בעסערע, ליכטיגע צייטען...

(חרוזי פנינים)

„עד שתכלה רגל מן השוק" (שבת כ"א).

פאַרוואָס ווערט אין דער גמרא נישט אָנגעוויזען בפירוש דער זמן, נאָר עס ווערט אָנגעגעבען אַ סימן: „עד שתכלה רגל מן השוק"?

נאָר דער נר חנוכה—האָט געזאָגט דערויף רבי משה לייב סאַסובער — דאַרף יעדען אידען דיענען אַלס לימוד, אַז מען דאַרפט לעבען מיט בטחון, נישט איינרייסען די וועלט און „ולא כל המרבה בסחורה מחכים", אַז פונקט אַזוי, ווי דער פך שמן, וואָס האָט עפ"י דרך-הטבע נור געקלעקט אויף איין טאָג, האָט געברענט גאַנצע אכט טעג, אַזוי קאָן אויך השי"ת העלפען דעם סוחר מיט ווייניג סחורה און קנאַפ געלד, און דעריבער „מצותה—דאַרפט מען זיך אַזוי פערטיפען אין דער דאָזיגע מצוה—עד שתכלה רגל מן השוק", ביז מען זאָל אָנהויבען צו פערשטעהן, אַז מען דאַרפט נישט ליגען ביז שפעט אין דער נאַכט אויפ׳ן מאַרק און נישט זיין פערהאָרעוועט צופיעל אין די עסקים...

„מצותה — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי"ם — די מצוה פון נר-חנוכה דאַרף משפיע זיין אויפ׳ן יחיד אויף אַזוי ווייט. עד שתכלה רגל מן השוק", אַז עס זאָל אויסראָטען פון איהם דאָס רגילות, די גשמיות׳דיגע געוואוינהייטען און גראָבע מדות, מיט וועלכע ער שטעקט זיך אָן אין דער גאַס...

„פתילות ושמנים שאין מדליקים בהם בשבת מדליקים בהם בחנוכה".

אפילו אַזעלכע נשמות („נר ד׳ נשמת אדם"), וואָס שבת איז זיי נישט מעורר און האָט אויף זיי קיין השפעה נישט, קאָן זיי חנוכה מעורר זיין, דען אויך אין די צייטען פון די חשמונאים האָבען זיך דאַן אַ גרוי-סער טייל אידען געפינען אין אַ זעהר נידריגע מדרגה און דאָך האָט זיי השי"ת געהאָלפען און עס האָט זיך מיט איינמאָל דערוועקט אין זיי די גרויסע התעוררות...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

„אסור להרצות מעות כנגד נר חנוכה" (שבת כ"א).

ווייל דאָס איז „כנגד", אין קאָנטראַסט, צום נר-חנוכה, וועלכער איז דער סימבאָל פון אונזער גייסטיגען כח, מיט וועלכען מיר האָבען אין אַלע צייטען אויסגעהאַלטען די אָנגריפען פון אַלע אונזערע שונאים און וועלכער

וועט סוף כל סוף פאר אונז עפענען דעם וועג צו אונזער ענדגילטיגער ערלייזונג און בעפרייאונג. „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו"...

„הדלקה עושה מצוה" (שבת כ"ב).

דער עיקר זין פון דער דאזיגער מצוה איז — די הדלקה, דאס התלהבות, דער חשק, דער ברען!...

(קדושת לוי)

אויף דער בעקאנטער קשיא פון בית-יוסף, פארוואס מיר פייערן אכט טעג חנוכה, ווערענד דער נס איז דאך נור געווען זיבען טעג, דען אויפ'ן ערשטען טאג איז דאך אין פך שמן געווען גענוג בוימאייל, ענטצפערט דער „קומץ המנחה" מיט א משל:

עס איז אמאל א רייכער סוחר געפאהרען קיין לייפציג אויף א יריד און ער האט געהאט ביי זיך אכט זעקלעך מיט גאלדענע טאלערס. אויפ'ן וועג זענען איהם בעפאלען גזלנים, וועלכע האבען פון איהם צוגערויבט דאס געלד און עפ"י נס האבען זיי איין זעקעל מיט גאלד נישט דערזעהן און עס איבערגעלאזען.

קומענדיג אין נאהנסטען ישוב האט ער געדינגען פויערים, זיי זאלען נאכיאגען די גזלנים און דערביי האט ער א נדר געטהון, דאס באם השי"ת וועט איהם העלפען און ער וועט אבראטעוועט זיין געלד, וועט ער דערפון אראבגעבען מעשר אויף צדקה. זיין תפלה איז דערהערט געווארען און דער סוחר איז אהיימגעפאהרען מיט זיין געלד שמח וטוב לב. דאן זענען געקומען צו איהם די גבאי-צדקה איינקאסירען דעם מעשר און דא איז ענטשטאנען צווישען זיי א שקלא-וטריא: לויט'ן חשבון פון סוחר איז אויסגעקומען, אז ער דארף געבען מעשר נור פון די זיבען אוועקגערויבטע און צוריק גע-פינענע זעקלעך מיט גאלד, אבער נישט פון אכטען זעקעל, וואס מען האט איהם לגמרי נישט געטשעפעט, דערויף האבען איהם די גבאים ערקלערט, אז ער האט א טעות, אז אויך דערפון דארף ער אראבגעבען מעשר, מחמת מיט'ן דאזיגען אכטען זעקעל איז געשעהען דאס וויכטיגסטע נס: ווען מען וואלט איהם נישט איבערגעלאזט דאס דאזיגע זעקעל מיט'ן געלד, וואלט ער נישט געהאט די מעגליכקייט צו דינגען מענשען נאכצויאגען די גזלנים און ער וואלט דאן קיין איין גראשען נישט געווען אבגעראטעוועט...

און דאס זעלבע איז אויך מיט'ן פך שמן; ווען נישט דער נס, וואס

די יונים, דורכנישטערענדיג דעם בית-המקדש, האבען פערוסטעט דאס דאזיגע קריגעל בוימאייל און עס נישט אנגעריהרט, וואלט דאן נישט גע-קענט געשעהען דער ווייטערער נס, אז אנשטאט איין טאג זאל דער בוימ-אייל ברענען גאנצע אכט טעג און אט צוליעב'ן דאזיגען נס, וואס האט גורם געווען צו די ווייטערע נסים, ווערט דעריבער געפייערט א בעזונדע-רער טאג חנוכה...

„בהררת זו יון, שהיתה מבהרת בגזירותיה על ישראל ואומרת להן: כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל" (מדרש רבה ויקרא פ' ט"ו).

וואס עפעס „על קרן השור"?

נאר, ווי בעקאנט, איז איינע פון די שארפסטע געגענזאצען צווישען דער אידישער און גריכישער קולטור בעשטאנען דערין, וואס אין דער צייט, ווען ביים אידענטום איז דער עיקר די עטישע השלמה פון מענש, זיין מאראלישע און גייסטיגע דערהויבונג, פערנעהמט ביים העלעניזם דעם ער-שטען פלאץ די עסטעטיק און פיזישע קראפט. דער אקס, דער עגיפטישער „אפיס", איז ביי די גריכען פערהערליכט געווען אלס סימבאל פון שענקייט און גבורה און דאס, אלזא, ווערט געמיינט מיט די ווערטער: „ואומרת להן כתבו על קרן השור"...

(חיים צבי יודקעוויטש)

פונוואנען נעהמט זיך דער מנהג, וואס אום חנוכה ווערען געפראוועט פער-שידענע פערוויילונגען און שפילערייען פאר קינדער?

דאס נעהמט זיך וואהרשיינליך דערפון, וואס, ווי עס איז צו זעהן פון ספר חשמונאים, האבען זיך די מתיונים, די העלעניסטען, געווענדעט צו אנטיכוס'ן מיט א פארשלאג, „להקים בתי משחק בירושלים לחנך בתוכם את הנערים" און מיט זיין הסכמה, ווערט דארט ווייטער דערצעהלט, איז היינ-טער ירושלים אויפגעשטעלט געווארען א גרויסער בית-משחק, א סטאדיאן, און עס איז ארויסגעגעבען געווארען א בעפעהל צו אלע פיזיש-געזונדע אידישע בחורים, זיי זאלען קומען אהין מיט מאסקעס אויף די פנימער און זיך פערנעהמען מיט ספארט און מיט פוטבאל שפיל און זיי זאלען פעכטען צווישען זיך מיט שפיזען און שווערדען...

נאָכ'ן אָבגעהאַלטענעם נצחון, ווען מען האָט זיך בעפרייט פון דער גריכישער הערשאַפט און פון אַלע אויפגעצוואונגענע גריכישע מנהגים, האָט מען דעריבער, אַלס זכר, איינגעפיהרט אין די חנוכה־טעג קינדער־פּערוויי־לונגען, וועלכע זאָלען טראָגען אַ ריין־אידישען כאַראַקטער...
(הרב י, ל. פישמאן)

דער חדושי־הרי״ם האָט זיך אַמאָל פערשפּעטיגט און געצינדען חנוכה־ליכט שפּעט אין דער נאַכט.
— רבי — האָט דערויף עמיצער בעמערקט — די חז״ל זאָגען דאָך: „אין מחמיצין את המצוות״?
— די חז״ל זאָגען אָבער אויך — האָט דער חדושי־הרי״ם אָבגעענט־פערט מיט אַ שמייכעל — „מי שאמר לשמן וידליק, יאמר לחומץ (אַנ'אַנ־דייטונג אויפ'ן „מחמיצין״) וידליק״...

דער ראַדזינער רבי, רבי גרשון העניך, האָט אַמאָל אום חנוכה גע־לאָזט רופען צו זיך אַ דענטיסט, ער זאָל איהם אַרויסרייסען אַ קראַנקען צאָהן. ביים אַוועקגעהן האָט זיך דער דענטיסט אָבגעזאָגט און נישט גע־וואָלט נעהמען דעם דערלאַנגטען האָנאָראַר.
— זאָל דאָס זיין — מאַכט ער — במקום חנוכה־געלד, וואָס איך וואָלט אַלס בעל־הבית געדאַרפט געבען דעם רב.
רופט זיך אָן צו איהם רבי גרשון העניך:
— דערצעהלט עס נאָר נישט, למען־השם, מייגע ראַדזינער בעלי־בתים, ווארום עס קענען זיך געפינען צווישען זיי גאָר אַ סך בעלנים, וואָס אַנ־שטאָט צו געבען חנוכה־געלד, וועט איטליכער פון זיי בעסער וועלען אַרויס־רייסען דעם רב אַ צאָהן...

פֶּסַח

די קעניגסבערגער ראשי־הקהל זענען איינמאָל געקומען נאָך מעות־חטין צו אַ רייכען רוסישען איד, וועלכער האָט געפיהרט אין קעניגסבערג גרויסע געשעפטען און ער פלעגט דאָרט פערברענגען דעם גרעסטען טייל פון יאהר. דערויף האָט זיי דער רוסישער איד ערקלערט, אַז אויף מעות־חטין זענען מחויב צו געבען נאָר די אָרטיגע, שטענדיגע בעלי־בתים, ער אָבער איז נישט קיין היגער בעל־הבית, מחמת פאקטיש וואוינט ער מיט זיין פאמיליע אין רוסלאנד. די ראשי־הקהל האָבען זיך מיט דעם תירוץ נישט בעפרידיגט און זיי האבען איהם גערופען צו אַ דין־תורה צום מלבי"ם, וועלכער איז דאן געווען רב אין קעניגסבערג.

אריינקומענדיג צום מלבי"ם און פאָרלעגענדיג פאר איהם זייערע טענות האָט דער רוסישער איד, וועלכער האָט זיך אַגב גערעכענט צו די משכילים, געשטעלט אַ תנאי, אַז ער איז גרייט מקיים צו זיין דעם פסק, נאָר בתנאי אַז מען זאָל עס איהם בפירוש אנווייזען אין דער תורה און טאַקי דייטליך אין תנ"ך.

גוט — שמייכעלט דער מלבי"ם — און ער נעהמט אַ תנ"כ׳ל, מישט אויף און ווייזט איהם: — איהר זעהט? עס שטעהט אין פסוק: „ואיש במעון ומעשהו בכרמל" (שמואל א׳ כה. ב.), אַז נבל האָט געוואוינט אין דער שטאָט מעון, נאָר די עסקים זיינע האָט ער געפיהרט אין כרמל, און אין אַ ווייטערען פסוק שטעהט: „ואביגיל אשת נבל הכרמלי" (ל. ה.). פארוואָס עפיס וועט ער אָנגערופען נבל הכרמלי, זיין וואוין אָרט איז דאָך געווען אין מעון? איז דערפון צו זעהן, אַז אלס בעל־הבית ווערט מען פאררעכענט צו יענער שטאָדט, וואו מען פיהרט די געשעפטען און — דאָרט דאַרף מען אויך געבען מעות חטין...

(אמרי צדיקים)

רבי אברהם יעקב, דער סאַדיגורער רבי, פלעגט אפט אין דער נאַכט פון בדיקת־חמץ דערצעהלען פאלגענדע געשיכטע:

אין אַ דארף נעבען קולבעסאוו האט געוואהנט א אידישער אַרענדאַר. וועלכער איז געווען שולדיג דעם פריץ עטליכע ראטעס און נישט געהאַט צו בעצאהלען. איינמאל, ווען דער שליח, וואס דער פריץ האט געשיקט צו איהם אויפמאהנען דעם חוב, איז צוריקגעקומען אהן געלד, איז דער פריץ געווארען אין כעס און ער האט געשיקט עטליכע קאזאקען, זיי זאלען דעם איד אנלערנען.

געווען איז דאס אום שבת הגדול. די קאזאקען האבען זיך אריינ־געריסען אינ'ם הויז פון ארימען ארענדאר און פון אלעמען געמאכט א חורבן, צובראכען דאס מעבעל מיט אַלע כלים, צופליקט דאס בעטגעוואנד, און א וויסטען תל געמאכט פון אלעם, וואס ס'איז זיי געקומען אונטער די הענד.

דער איד מיט זיין בני־בית זענען געשטאנען און בעווייגט דעם חורבן און דאן איז ער מלא צער אוועק אין שטאדט און אריינגעגאנגען אין בית־המדרש הערען דעם רב'ס דרשה צו שבת הגדול.

רב אין קולבעסאָוו איז דאַמאָלס געווען רבי יהושע העשיל, דער בעל „אוהב ישראל", וועלכער איז שפעטער נר־פרס געוואָרען אַלס אַפטער צדיק. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טהיר און דאַן האָט ער גע־הערט, ווי דער רב זאָגט אין זיין דרשה:

— צוויי ברכות זענען פאַראַן. איין ברכה ענדיגט זיך (אין די ברכות אַחרונות פון קריאת־שמע און אין דער הגדה של פסח) מיט די ווערטער „גאל ישראל", אַ לשון עבר, און איין ברכה (אין שמונה עשרה)— „גואל ישראל", אַ לשון הוה. „גאל ישראל" געהט אַרויף אויף דער גע־וועזענער גאולה, אויף דער גאולה פון גלות מצרים, און „גואל ישראל", — אויף דער גאולה, וואָס קומט־פאַר מיט אונז שטענדיג און מיט יעדען איד בעזונדער. אַפילו דאַמאָלס, ווען אַ איד זיצט אין אַ דאָרף ביי אַ בייזען פריץ, וועלכען ער האָט נישט צו צאָהלען קיין אַרענדע־געלד און דער פריץ שיקט קאַזאַקען, זיי זאָלען חרוב מאַכען זיין הויז, אַפילו דאַ־מאָלס זאָל זיך אַ איד נישט מייאש זיין און האָבען בטחון צום גואל ישראל, אַז ער וועט איהם אויסלייזען פון זיינע צרות...

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער איז דער אַרענדאַר צוריקגעלאָפען אין דאָרף אַריין און אָוועקגעשטעלט זיך טאַנצען אַרום זיין חרוב־געוואָ־רענער שטוב, געטאַנצט און געזונגען:

— „גואל ישראל"—האָט דער רבי געזאָגט — „גואל ישראל"! גואל ישראל!...

דערזעהענדיג, אַז דער איד טאַנצט אויף זיין חורבה און זינגט, איז זיך דאָס גאַנצע דאָרף צונויפגעלאָפען און אויך דער פריץ איז געקו־

מען און האָט געפּרעגט דעם אַרענדאַר מיט פּערוואונדערונג, וואָס די דאָזיגע ווערטער בעדייטען, און הערענדיג דעם טייטש דערפון, איז דער פּריץ שטאַרק גערירט געוואָרען, ער האָט איהם געשאָנקען דעם חוב און נאָך אויסגעבאָרגט איהם אַ גרעסערען סכום געלד צו האַנדלען און דער אַרענדאַר מיט זיין הויזגעזינד האָבען געפּראַוועט אַ פרעהליכען פּסח...

(ש. י. זעווין „מספורי החסידים")

הא לחמא עניא...

אויפ'ן פּסוק „גלתה יהודה מעוני", ווערט געזאָגט אין מדרש: „על שלא קימו לחם עוני, ואידך, על שבטלו מהעניים הצדקה והמעשרות" (מדרש רבה איכה).

אין דער דאָזיגער נאַכט פון זמן חרותנו, ווען מיר זענען פול מיט בענקשאַפט צו חירות און גאולה, רופען מיר דעריבער אויס און ערקלערען, אַז מיר האָבען זיך די מיה געגעבען צו בעזייטיגען די דאָזיגע ביידע חטאים, צוליעב וועלכע מיר זענען פערטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד: „הא לחמא עניא", אָט זענען מיר אַלע מקיים די מצוה פון לחם-עוני! און גלייכצייטיג זענען מיר אויך מקיים די צווייטע מצוה, די מצוה פון צדקה — „כל דכפין ייתי ויכול"! עס איז, אַלזאָ, שוין די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלען צוריק אומגעקעהרט ווערען אין אונזער לאַנד און — „השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל"...

(שמחת הרגל)

שבכל הלילות אנו אוכלין בין יושבין ובין מסובין...

פאַרוואָס האָט עפּעס דער בעל-הגדה מוסיף געווען די פיערטע קשיא, וועלכע געפינט זיך כלל נישט אי'ן דער משנה פון פּסחים?

האָט געזאָגט דערויף רבי שאול אַמסטערדאַמער:

די משנה האַלט, ווי רבי אלעזר בן עזריה, אַז דער זמן פון אַכילת מצה איז נאָר ביז חצות, און לויט דער משנה איז דעריבער קיין קשיא נישט, פאַרוואָס מען עסט מסובין, מחמת מען טהוט עס דערפאַר, ווייל מען איילט זיך, וועלענדיג פערענדיגען פאַר חצות, און אַז מען איילט זיך עסט מען אַנגעלעהנט, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „הנכנס לבית

המנוגע וכו׳ מסב ואוכל״ (ברכות מ״א) און דערויף זאָגט דאָרט רש״י: „דרך הסבה שהיא נאכלת מהר שאינו פונה אנה ואנה״. דער בעל־הגדה אָבער האַלט, ווי די הלכה איז לויט די חכמים, אַז זמן אכילת מצה איז כל הלילה און אויב אַזוי איז דאָך אַ קשיא, פאַרוואָס עסט מען מסובין...

ואלו לא הוציא וכו׳ הרי אנו בנינו ובני בנינו..

דעריבער איז נויטיג געווען, אַז פרעה זאָל פייניגען די אידען און געגען זיין ווילען זאָל זיי השי״ת אַרויסנעהמען פון דאָרט, ווייל „ואלו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים״, ווען פרעה וואָלט גוט געווען צו די אידען און מען וואָלט זיי נישט געדאַרפט בגוואַלד אַרויסנעהמען פון דאָרט, „הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים״, וואָלטען די אידען נישט געוואָלט זיך פון אָרט ריהרען און עד־היום נאָך וואָלטען מיר געבליבען דארט זיצען...

(רבי אליעזר אשכנזי)

רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית..

צי דען האָבען זיי אַליין נישט געוואוסט, ווען זמן קריאת שמע איז און זיי האָבען געדאַרפט וואַרטען, ביז די תלמידים וועלען קומען און זיי דערמאהנען?

נאר, כידוע, האבען די דאזיגע חכמים געלעבט אין דער צייט פון אדריינוס קיסר ימ״ש, וועלכער האט גוזר געווען אויף אידען גזירת שמד און דאס אבהיטען די אידישע דינים איז געווען פערבינדען מיט מסירת־נפש. עס איז אַלזא העכסט־וואהרשיינליך, אַז דער דאזיגער סדר אין בני־ברק איז אָבגעריכט געוואָרען אין געהיים, ערגיץ אין אַ בעהעלטעניש, אין אַ פערבאָרגענע מערה, וואו עס איז נישט אַריינגעדרינגען קיין שום ליכטי־שיין און זיי האָבען נישט געקענט וויסען, צי עס טאָגט שוין, ערשט די אָנ־געקומענע תלמידים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבען זיי דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט און זיי צוּוויסען געגעבען: „רבותינו, הגיע זמן קריאת שמע של שחרית״...

(ילקוט מנחם)

רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם...

דערויף גיט דער ווילנער גאון פאלגענדע קורצע בעמערקונג: „וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך" (קהלת ב' יג.) וואס ווערט געמיינט דערמיט?

נאר דער גאון איז דערמיט אויסען צו פערענטפערען די בעקאנטע פראגע: מיט וואס אונטערשיידעט זיך די שאלה פון חכם, וועלכער זאגט: „מה העדות וכו' אשר צוה ד' א' אתכם", ביז די שאלה פון רשע: „מה העבודה הזאת לכם"? מיט וואס איז „אתכם" בעסער פון „לכם"? און דערויף בעמערקט דער גאון, אז „יתרון לחכמה מן הסכלות", דער יתרון פון שאלת חכם ביז דער שאלה פון רשע איז „כיתרון האור מן החושך", ביי אור ווערט דערמאהנט דעם אויבערשטנס נאמען: „ויקרא אלקים לאור יום", דאגעגען ביי חושך ווערט געזאגט סתם: „ולחושך קרא לילה", און אין דעם בעשטעהט אויך דער אונטערשיעד פון חכם, וועלכער איז אין זיין שאלה מזכיר דעם שם-שמים, אויסדריקענדיג זיך: „אשר צוה ד' אלקינו אתכם", ביז צום רשע, וועלכער זאגט: „מה העבודה הזאת לכם", נישט דערמאהנענדיג דערביי גאט'ס נאמען...

צו רבי נפתלי ריינהערץ זענען אמאל געקומען צוויי מחברים בעטען ביי איהם הסכמות אויף זייערע ספרים, איינער איז געווען א רב, וועלכער האט פערפאסט א רבניש ספר אויף הלכה, דער צווייטער איז געווען א משכיל און זיין ספר האט געשמעקט מיט מאדערניזם, מיט השכלה.

דעם משכיל האט רבי נפתלי אבגעזאגט צו געבען א הסכמה, געפינענדיג אנ'אויסרייד, באשר איניגע שטעלען אין זיין ספר זענען נישט אויסגעהאלטען עפ"י דקדוק. דאגעגען דעם רב האט ער יא געגעבען א הסכמה.

דער משכיל נעהמט דעם רב'ס חבור אין האנד און זעהט, אז עס איז פול מיט דקדוק-פעהלערען און האט בכלל נישט קיין אויסגעהאלטענעם סטיל, ווי דער שטייגער איז אין די רבנישע חבורים, און ער לויפט אוועק מלא פערדרוס צו רבי נפתלי'ן:

— היתכן — פרעגט ער — ביי מיר האט איר זיך צוגעטשעפעט צו א גרייז פון דקדוק און דא האט איהר געגעבען א הסכמה אויף א ספר וואס איז בלויז גרייזען, אין וועלכען עס איז קיין איין רעכטער גראמאטיקאלישער זאץ נישטא?

— די אייגענע קשיא — ענטפערט איהם דערויף רבי נפתלי —

קאָן מען אויך פרעגען אין דער הגדה, דער חכם מיט׳ן רשע שטעלען דאָך אייגענטליך די זעלבע שאלה און כמעט מיט׳ן זעלבען לשון. דער חכם זאָגט: „מה העבודה הזאת אשר צוה ד׳ א׳ אתכם״, און דער רשע: „מה העבודה הזאת לכם״, טאָ פאַרוואָס ווערט פון רשע׳ס אויסדרוק, „לכם״, געדרינגען: „לכם ולא לו״ און עס קומט איהם דערפאַר אויסצוהאַקען די צייהן, דאַגעגען דעם חכם מאַכט מען נישט קיין פאַרוואורף, אז אויך דער אויסדרוק „אתכם״ איז משמע: „אתכם ולא לו״?

דער תירוץ איז: דער חכם איז אַ פאַרצייטישער איד, מעגליך אַ קליינשטעטדטעלדיגער רב, איז מען אויף איהם נישט מקפיד, וואָס ער זאָגט „אתכם״, און מען איז איהם נישט חושד, אַז ער מיינט דערמיט: „אתכם ולא לו״, דען עס איז מסתמא דערפאַר, ווייל ער קאָן נישט קיין דקדוק... אָבער דו רשע, דו קענסט דאָך יאָ דקדוק, פאַרוואָס זאָגסט דו „לכם״? איז נישט אַנדערש, נאָר ער מיינט דערמיט צו בעטאָנען: „לכם ולא לו״, און דעריבער — „הקהה את שניו״...

רבי צבי הירש קאַלישער האָט אַמאָל געהאַט אַ וכוח מיט אַ דייטשען אַסימילאַטאָר פון גייגערס חדר, וועלכער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אידען דאַרפען נישט שטרעבען צו קיין בעזונדער לאַנד, צו ארץ־ישראל, דען יהדות איז נאָר אַ דבר שבמחשבה, אידענטום איז בלויז אַ אידעאישע בעוועגונג און אונזער אויפגאַבע איז בלויז צו פערשפרייטען איבער דער וועלט דעם אידישען געדאַנק, די אידישע עטיק... — אָט דאָס טאַקי — האָט איהם רבי צבי הירש דערויף געענטפערט — ווערט אָנגעוויזען אין דער הגדה. די טענה פון רשע איז: „מה העבודה הזאת לכם״, וואָס דאַרפט איהר עפּיס אַ ספּעציעלע עבודה פאַר אידישקייט? דאָס אידענטום בעשטעהט דער עיקר פון געדאַנק, פון אידעע... און דערויף פיהרט אויס דער בעל־הגדה: „אילו היה שם לא היה נגאל״, ווען ער וואָלט געווען אין מצרים וואָלט ער נישט געוואָלט פון דאָרט אויסגעלייזט ווערען, האַלטענדיג אַז ס׳איז נישט קיין אומגליק צו זיין אין גלות, פערקנעכטעט ביי די מצריים, דען די הויפּט־זאַך איז צו זיין אַ איד אין געדאַנק און צו פערשפרייטען צווישען די מצריים די אידישע מאָראַל...

יכול מראש חדש...

פאַרוואָס האָט געזאָלט זיין אַ הוה אמינא און ווי אַזוי האָט מען עס געקענט מיינען, אַז פסח זאָל געפייערט ווערען אום ראש-חדש ?

ווייל אין דער גמרא ווערט געדרינגען, אַז מיט'ן וואָרט „הזה" מיינט מען ראש-חדש. „כתיב הכא ביום הזה באו מדבר סיני וכתיב התם החדש הזה לכם ראש חדשים, מאי להלן ראש חדש אף כאן ראש חדש" (שבת פ"ו).

און היות, ווי אויך דאָ שטעהט דאָס וואָרט „הזה", „בעבור זה עשה ד' לי בצאתי ממצרים", איז דעריבער — „יכול מראש חדש"...

(כתנות אור)

ברוך שומר הבטחתו לישראל ברוך הוא שהקדוש ברוך הוא חשב את הקץ לעשות...

„שהקב"ה חשב את הקץ לעשות" ווערט געטייטשט, אַז הגם דער זמן פון גלות מצרים איז בעשטימט געוואָרען אויף גאַנצע פיער הונדערט יאָהר, האָט השי"ת געמאַכט אַ חשבון, אַז צוליעב'ן קושי-השעבוד, צוליעב דעם, וואָס מען האָט מיט די בני-ישראל צו-שווער געאַרבייט, דארף זיי דער זמן פערקירצט ווערען אויף צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר.

איז, אייגענטליך, נאָכוואָס איז נויטיג געווען דער חשבון, און אָהן דעם חשבון וואלט השי"ת נישט געקענט צואיילען דעם זמן ?

נאר — האט געזאגט דערויף רבי יעקב פאליאַק — צוזאמען מיט דעם זמן פון „וענו אותם ארבע מאות שנה" איז אויך געגעבען געווארען די הבטחה : „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", און קוים איז בעשטימט גע-ווארען אַ טערמין, אז מען זאל ביי די מצריים צונעהמען דאס רכוש אין פיער הונדערט יאהר ארום, איז דאך עס נישט קיין יושר און נישט עפ"י דין, אַז דאס זאל געטהון ווערען מיט גאנצע הונדערט און ניינציג יאהר פריהער, און דעריבער איז דערצו נויטיג געווען דער חשבון...

והיא שעמדה לאבותינו ולנו...

„והיא", אָט דער דאָזיגער „רכוש גדול", איז שטענדיג בייגעשטאנען

„לאבותינו ולנו", עס איז דאָס איינציגע מיטעל, מיט וועלכען מיר ראַטע־
ווען זיך אָפט אין גלות בעת פערשיעדענע אומגליקען און גזירות ר"ל...
(דודאי ראובן)

אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו...

אַלע האָבען זיי אונז פיינד תכלית שנאה און אַלע שטרעבען זיי אונז צו פערניכטען, אַפילו די יעניגע, וועלכע דעקלאַרירען זיך מכלומרשט אַלס אונזערע גוטע פריינד און בעלי־טובה... אַלס ביישפיעל וויזט־אָן דער בעל־הגדה אויף לבנ'ען. אויך ער האָט מכלומרשט געשפילט די ראָליע פון יעקב'ס ידיד, צו וועלכען ער האָט כסדר גערעדט מיט די ליבליכסטע ווער־טער: „הכי אחי אתה ועבדתני חנם" און „למה נחבאת לברוח" און „ואשלחך בשמחה ובשירים", און דאָך איז געווען — „ארמי אובד אבי", ביי זיין גאַנ־צער גוטפריינדשאַפט האָט ער געמיינט יעקב'ן אומצוברענגען...

רבבה כצמח השדה נתתיך...

און גראָז האָט די אייגענשאַפט, אַז וואָס מעהר מען שניידט עס, אַלץ גיכער וואַקסט עס צוריק...

ואומר לך בדמיך חיי...

און דאָס איז דער אונטערשיעד פון אונז ביז אַנדערע פעלקער. אַנ־דערע פעלקער לעבען און עקזיסטירען מיט'ן כח פון שפיכת־דמים, פון פער־גיסען יענעמס בלוט. מיר דאַגעגען פערגיסען בלויז אונזער אייגען בלוט — „בדמיך חיי"...

די שרעקליכסטע בלבולים אויף אידען זענען פערבינדען מיט פסח. אין די דאָזיגע טעג זענען טויזענדער, טויזענדער אידען, אין די פערשי־

דענסטע צייטען, אומגעקומען על קידוש השם. אום פסח זענען אויך אומגעקומען, צוליעב א בלבול, די צוויי בעקאנטע לעמבערגער קדושים, די ברידער רבי יהושע און רבי חיים רייצעס.

בשעת מען האט זיי ביידע געפיהרט צו דער עקזעקוציע, האט זיך רבי יהושע געווענדעט צום ברודער און געזאגט:

— חיים! פארוואס ווערט אינ'ם דאזיגען יום-טוב, אין וועלכען השי"ת האט אונז בעוויזען אזויפיעל נסים ונפלאות, אזויפיעל אידיש בלוט פערגאסען?

דערויף האט איהם רבי חיים געענטפערט:

— ליעבער ברודער! אויפ'ן פסוק „ונקדשתי בתוך בני ישראל וכו' המוציא אתכם מארץ מצרים" (ויקרא כב, לב.) ווערט געזאגט אין תורת-כהנים: „על תנאי זה הוצאתי אתכם מארץ מצרים שתמסרו עצמכם לקדש את שמי". אזוי האט מען אויסגענומען מיט אונז און מיר מוזען דעם דאזיגען תנאי מקיים זיין...

ונצעק אל ד' אלקי אבותינו וישמע ד' את קולנו...

פארוואס ווערט אויך נישט אויסגעפיהרט: „וישמע ד' אלקי אבותינו את קולנו"?

נאר די חז"ל זאגען: „כל התולה בזכות עצמו — תולין לו בזכות אחרים, וכל התולה בזכות אחרים — תולין לו בזכות עצמו" (ברכות י'). און דעריבער, ווייל „ונצעק אל ד' אלקי אבותינו", ווייל מיר זענען געווען א תולה בזכות אחרים, איז — „וישמע ד' את קולנו", האט מען אונז געהאלפען אין אייגענעם זכות...

(רבי אברהם'על טאכאטשאווער)

ויירא את עניינו, זו פרישות דרך-ארץ...

אונזער ארימקייט, אונזער עניות בדעת, נעהמט זיך פון „פרישות דרך ארץ", און — „אם אין דרך-ארץ, אין תורה"...

(רבי משה, קאזשעניצער מגיד)

אלו עשר מכות...

דעריבער זענען מיר זיך נוהג אָבצוטריפען פון כוס טראָפענס וויין ביים צעהלען די מכות, צו ווייזען דערמיט, אַז אונזער שמחה, וואָס צוליעב אונז איז אַ גאַנץ פאָלק נענש געוואָרען, איז נישט בשלימות. דעם שונא׳ס מפלה, הגם ער האָט זיך די דאָזיגע מפלה כשר פערדיענט, פערשאַפט אונז נישט קיין אמת׳ע פרייד. מיט יעדע מכה ווערט עטוואָס געמינגערט פון אונזער כוס של שמחה...

(דון יצחק אברבנאל)

און דעריבער ווערט געברויכט דאָס וואָרט שמחה סיי ביי שבועות: „ושמחת לפני ד׳ אלקיך״ (דברים ט״ז. יא.), סיי ביי סוכות: „ושמחתם לפני ד׳ אלקיכם״, „והיית אך שמח״, בלויז ביי פסח ווערט נישט דערמאָהנט קיין שמחה, ווייל אינ׳ם דאָזיגען יום־טוב, ווען אַ גאַנץ פאָלק איז שווער בע־שטראָפט געוואָרען און „מעשי ידי טובעים בים״ — איז די שמחה נישט בשלמות...

(תניא רבתי)

מרור זה שאנו אוכלים...

„מרור בזמן הזה מדרבנן״... אַ גרויסען טייל פונ׳ם מרור, פון אונזער פערביטערט לעבען, האָבען מיר בזמן הזה אויסצושטעהען — „מדרבנן״, פון פערשידענע אונפאַסיגע רבנים און זייער אונפאַסענדער אויפפיהרונג, מיט וועלכע זיי פערשאַפען אונז קיין כבוד נישט...

(תפארת שלמה)

אין איינע פון די אַלטע פערצייטישע הגדות, וועלכע איז געדרוקט אין ליוואָרנו, מיט אַ פירוש פון אַנ׳אונבעקאַנטען מחבר, ווערט אויף די ווערטער „מרור זה״ געזאָגט: „יש מנהג בעולם שכשאומר מרור זה מראה על אשתו ואומר מרור זה״...

בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו...

יעדער מענש איז מחויב זיך אליין צו זעהען, אין זיך אליין אריינ־קוקען, צו וויסען יעדעס מאל, וואו ער האלט און וואס עס פעהלט איהם...

(תפארת שלמה)

לפיכך אנחנו חייבים להודות...

וואס עפעס „לפיכך"?

נאר פריהער פיהרט מען אויס: „למען הביא אותנו לתת לנו את הארץ אשר נשבע לאבותינו", און „לפיכך", קוים האט מען נישט בלויז אונזערע עלטערען אויסגעלייזט, נאר מען האט אויך אונז געגעבען די וועלבע הבטחה, אז אויך מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען, איז דעריבער — „אנחנו חייבים להודות להלל וכו'".

(אמרי חן)

אשר גאלנו וגאל את אבותינו...

לויט'ן סדר וואלט דאך אייגענטליך געדארפט שטעהן פריהער „אשר גאל את אבותינו" און נאכהער — „אשר גאלנו"?

נאר איטליכער דור ווערט וואס ווייטער אלץ שוואכער אין אידיש־קייט, אין איטליכען דור איז נויטיגער פריהער אויסצולייזען די קינדער פאר די טאטעס, וועלכע זענען פרומער און דויערהאפטער אין זייער אמונה און בטחון. דער „אשר גאלנו" איז בילכער און קודמ'ער פאר'ן — „וגאל את אבותינו"...

(דברי שאול)

שפוך חמתך...

אין הויז פון אלכסנדר צעדערבוים, דער רעדאקטאר פון „המליץ". פלעגט זיך פערזאמלען פסח צום סדר די העכסטע אידישע אינטעליגענץ פון פעטער־בורג, די אנגעזעהענסטע שריפטשטעלער, פראפעסארען און פערשיעדענע בעריהמטע געלעהרטע.

דאס יאהר תרמ"א איז געווען אין פעטערבורג א יאהר פון א מורא־

דיגע שמד־ עפידעמיע צווישען דער אַסימילירטער אידישע אינטעליגענץ. ווער — צוליעב וואוינרעכט, ווער — צוליעב קאַריערע. צווישען אַנדערע האָבען זיך דאַן אויך געשמד׳ט: דער בעקאַנטער אידיש־רוסישער דיכטער מינסקי, פּראָפעסאָר ווענגראָוו און לודוויק סלאָנימסקי.

אין דער פּסח־נאַכט פון יענעם יאָהר איז די צאָהל געסט ביי צעדער־בוים׳ן אין הויז געווען גרעסער ווי שטענדיג. עס זענען דאָס מאָל געקו־מען אַזעלכע, וועלכע זענען ביז דאַן געווען שטאַרק דערווייטערט פון אידישקייט און פון אידישע טראַדיציעס און איצט, אינ׳ם שמד־יאָהר, האָבען זיי געהאַלטען פאַר זייער פּליכט צו דעמאָנסטרירען זייער אַנגעהעריגקייט און צוגעבונדענקייט צום אידענטום.

בשעת אַלע זענען שוין געווען אויסגעזעצט אַרום די פייערליך־סערווירטע טישען, פאַר די ערשטע אָנגעגאָסענע כוסות, און צעדערבוים האָט זיך אויפגעשטעלט צו מאַכען קידוש, האָט זיך די טהיר געעפענט און עס האָבען זיך בעוויזען די דריי פרישע משומדים: מינסקי, ווענגראָוו און סלאָנימסקי, וועלכע זענען געווען פון די שטענדיגע סדר־געסט. צעדערבוים ווי אויך די אַרומיגע געסט, האָבען גענומען קוקען איינער אויפ׳ן צווייטען מיט ערשטוינענדע בליקען, און דאַן איז דער דיכטער, שמעון פרוג, פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַ געשריי געטהון מיט כעס:

— וואָס שווייגט איהר? עפענט די טהיר און זאָגט „שפוך חמתך״!

און תוך כדי דבור האָט ער גענומען זאָגען הויך אויפן קול, מיט אַ ריהרענדען צער און צאָרן־ניגון:

— שפוך — חמתך — אל הגוים — אשר לא ידעוך!!...

אַלע געסט האָבען, אַלס ענטפער אויף די דאזיגע ווערטער, הילכיג אַפּלאָדירט, און די אַריינגעקומענע משומדים האבען שעמעוודיג, מיט אַראָב־געלאָזענע קעפּ, פערלאָזען דאס הויז...

(ש. ל. ציטראָן)

ואהיה תמים לו ואשתמרה מעוני...

(הפטרה לשביעי של פסח)

צווישען השי״ת און דעם מענש — האָט געזאָגט דערויף רבי משה לייב סאַסובער — איז עפ״י רוב נישטאָ קיין אחדות: איז השי״ת גוט צום מענש און ער פערזאָרגט אָיהם מיט עושר וכבוד — איז דאַן דער מענש שלעכט צו השי״ת, זינדיגט ער, וישמן ישורון ויבעט... איז ווידער דער מענש

גוט צו השי״ת און ער טהוט מצוות ומעשים טובים — איז דאָן השי״ת נישט שטענדיג אין אַזעלכע פאַלען גוט צו איהם, דען עפ״י רוב איז „צדיק ורע לו״... דוד המלך האָט דעריבער געבעטען ביים אויבערשטען: „ואהיה תמים לו״, זיי זאָלען ביידע זיין גלייך אויף גלייך. איך מצדי וועל זיך בעמיהען צו זיין „ואשתמרה מעוני״, צו היטען זיך פון זינד, און דערפאַר זאָל זיין „וישב ד׳ לי כצדקתי״, זאָל השי״ת אויך איהם גוט בעהאַנדלען...

והריחו ביראת ד׳ ולא למראה עיניו ישפוט...

(הפטרה לאחרון של פסח)

יראת ד׳ — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט דערקענען ביי אַ מענשען. אויפ׳ן „מראה עיניו״ קאָן מען זיך דערביי נישט פערלאָזען. „והריחו ביראת ד׳״, מען דאַרף דערצו האָבען אַ בעזונדערען חוש-הריח, אַשאַרפע נאָז, מען דאַרף קענען דערשמעקען, ווער עס איז טאַקי באמת אַ ירא-שמים...

ושפט בצדק דלים והוכיח במישור לענוי ארץ...

נישט מיט צוואַנג און מיט פיזישע שטראָף-מיטלען וועט דער מלך-המשיח משפט׳ן די מענשען, נאָר — מיט זיין אויפפיהרונג, מיט דעם „צדק״ און „מישור״, מיט וועלכע עס וועלען זיין דורכגעדרינגען אַלע זיינע מעשים און האַנדלונגען, מיט זיין התנהגות וועט ער אַרויסרופען ביי אַלעמען צו-טרוי און געהאַרכזאַמקייט. „והכה ארץ בשבט פיו וברוח שפתיו ימות רשע״, מיט זיינע רייד בלויז וועט ער אַלעמען איבערצייגען און ענדערען זייערע פאַלשע מיינונגען און אויסראָטען פון זיי דאָס רשעות...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד...

דער נודע-ביהודה האָט געהאַט פאַר זיך צוויי בעשטימטע שעה אין טאָג, אין וועלכע ער פלעגט זיצען אָבגעשלאָסען און מען האָט דאַן קיינעם

צו איהם נישט צוגעלאָזען, בכדי מען זאָל איהם נישט מבטל זיין פון לערנען.

האָט עס דער בעקאַנטער געגנער זיינער אין פּראַג, רבי זרח איידליץ, נישט געקענט סובל זיין.

— דאָס איז גאות — האָט ער געטענה׳ט — אָט זיץ איך אויך ב״ה און לערן און איך דאַרף זיך נישט דערביי פערשליסען, עס פעלט גאַר קיינעם נישט איין חלילה מיר צו שטערען...

האָט איהם דער נודע ביהודה דערויף געענטפערט מיט אַ שטאָך.

— וועגען משיח׳ן ווערט געזאָגט אין פסוק: „והיה ביום ההוא וכו׳ אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד״. וואָס איז דער פשט „והיתה מנוחתו כבוד״? נאָר אויב מען זעהט, למשל, אַז אַ רב אין אַ שטאָדט זיצט זיך במנוחה ושלוה און גאַנצע טעג איז איהם קיינער נישט מבטל פון לערנען, איז די דאָזיגע מנוחה נישט קיין סימן פון כבוד, נאָר פערקעהרט, פון בזיון. דאָס בעוויזט, אַז די בעלי־בתים האַלטען איהם נישט, נישט פאַר קיין גרויסען למדן, צו וועלכען מען זאָל קומען שמועסען אין לערנען, נישט פאַר קיין גרויסען חכם, מיט וועלכען מען זאָל זיך אַנ׳עצה האַלטען אין מילי־דעלמא און דערפאַר לאָזט מען איהם צו־רוה און ער האָט מנוחה; אַנדערש אָבער איז ביי אַזעלכען, „אשר עומד לנס עמים, אליו גוים ידרושו״, וועלכער איז מפורסם אין דער וועלט און פון אַלע זייטען קומט מען צו איהם הערען אַ דבר־תורה און פרעגען אַנ׳עצה, אַזעלכער אויב ער בעשטימט פאַר זיך אַ שטיקעל צייט אין טאָג אַלס מנוחה און אָברוה פון דער שווערער אַרבייט, איז עס טאַקי — „מנוחתו כבוד״...

ונשא נס לגוים ואסף נדחי ישראל...

און נאָך אויסדריקליכער ווערט וועגען דעם געזאָגט אין אַ צווייט אָרט: „והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לד׳ בסוסים וברכב ובצבים ובפרדים ובכרכרות״ (ישעי׳ ס״ו).

— איז וועלכע אידען — האָט דערויף געפרעגט רבי משה קאָברי־נער — וועלען עס זיצען און וואַרטען, ביז די גוים וועלען זיי צונויפנעה־מען און ברענגען קיין ירושלים? די גאָר פרומע אידען, ווי נאָר זיי וועלען דערהערען, אַז משיח איז געקומען, וועלען דאָך זיכער אַליין לויפען און קיין איבריגע מינוט נישט בעלמוטשען, די ווייניג־פרומע וועלען אפשר געהן אַביסעל לאַנגזאַמער, אָבער געהען וועלען זיי דאָך זיכער, טאָ וועמען דען

מיינט מען? נאר מוז זיין, אז עס וועלען זיך געפינען דאמאלס אויך אזעל־
כע אידען, וועלכע וועלען זיין אזוי טיעף פערזינקען אינ׳ם טומאת־הגלות,
דאס אפילו דערהערענדיג, אז משיח איז געקומען, וועלען זיי זיך נישט
וועלען ריהרען פון ארט און די גוים וועלען זיי בגוואלד מוזען ארויפזע־
צען אויף פערד און וואגען און אוועקפיהרען זיי אלס מנחה, אלס „מתנה״
קיין ירושלים. אליין וועלען זיי באין־אופן נישט געהן...

פארוואס רופט מען נישט דעם לעצטען טאג פון שבועות און סוכות
מיט׳ן נאמען „אחרון״, נאר דעם לעצטען טאג פסח?

דען דער נביא זאגט: „לכן הנה ימים באים נאום ד׳ לא יאמרו
עוד חי ד׳ אשר העלה את בני ישראל מארץ מצרים״ (ירמי׳ כג, ז.), אז
לעתיד־לבוא וועט מען מעהר נישט דערמאהנען וועגען יציאת־מצרים, און
דעריבער רופען מיר דעם לעצטען טאג: „אחרון של פסח״, אויסדריקענדיג
דערמיט דעם וואונש, אז אינ׳ם נעכסטען יאהר זאל פערווירקליכט ווערען
די גאולה און דאס זאל שוין זיין דער לעצטער פסח. איבעראיאהר זאלען
מיר נישט דארפען מעהר דערמאהנען וועגען יציאת־מצרים...

(מטעמים)

„מפני מה מועדים שבבבל שמחים, מפני שלא היו באותה קללה״
(שבת קמ״ח).

„מועדים שבבבל״ — האט געזאגט דערויף רבי פנחס קארי־
צער — מיינט מען יום־טוב שני של גליות, דען אין ארץ־ישראל ווערט
געפייערט נור איין טאג יו״ט. בשעת דער נביא הושע, וועלכער איז דאך
געוועזען אין א״י, האט אויסגעשריען: „והשבתי כל משושה חגה חדשה וכל
מועדה!״ (הושע ב, יג.), האט ער דערמיט געמיינט אלזא דעם ערשטען
טאג יו״ט, דעם יו״ט פון ארץ־ישראל, און דערפאר זענען די „מועדים
שבבבל״, דער „יום טוב שני של גליות״, פרעהליכע, דען זיי זענען נישט
געוועזען אין כלל פון נביא׳ס קללה...

שָׁבוּעוֹת

די שלשת ימי הגבלה איז מען זיך נוהג צו רופען „די יחוס־טעג". פונוואנען שטאמט דער דאָזיגער נאָמען?

מחמת עס ווערט געזאָגט אין מדרש ילקוט: „בשעה שנתן הקב"ה תורה לישראל נתקנאו בהם אומות־העולם ואמרו, מה ראו אלו להתקרב יותר מאלו, אלא שהוא חונף בהם ונושא להם פנים, סתם ד' את פיהם ואמר להם, הביאו לי ספר יוחסין שלכם, שנאמר הבו לד' משפחות עמים", און דאָס איז דער זין, פארוואָס מען רופט די דאָזיגע טעג פאַר מתן־תורה: די „יחוס־טעג"...

(אזור אליהו)

פון די שבתים פאַר די שלש רגלים – פלעגט זאָגען דער חידושי־הרי"ם – האָבען צוויי שבתים זוכה געווען צו ספעציעלע בעזונדערע נע־מען, דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופען – „שבת הגדול", און דער שבת פאַר סוכות – „שבת שובה", אָבער אויך דער דריטער שבת, פאַר שבועות, האָט געדאַרפט טראָגען אַ ספעציעלען נאָמען; ער האָט געדאַרפט הייסען: „שבת דרך־ארץ", וואָרום – „דרך ארץ קדמה לתורה"...

דעריבער – פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער – ווערט שבועות גערופען „זמן מתן תורתנו" און נישט „זמן קבלת תורתנו", מחמת מתן־תורה, דאָס געבען די תורה, איז געווען צו אַלע גלייך, דאַגעגען קבלת־התורה, דאָס אויפנעמען די תורה, דאָס איז שוין נישט גלייך ביי אַלעמען; יעדער איינער איז מקבל די תורה לויט זיין ערך און לויט זיינע השגות...

בײ יעדען יום־טוב — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — זערט צווישען אַלע קרבנות, וואָס מען דאַרף ברענגען, אויך אויסגערעכענט אַ שעיר חטאת, בלויז בײ שבועות ווערט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „חטאת", ווײל אום שבועות, אין טאָג פון קבלת התורה, איז איטליכער בבחינת גר, וועלכער איז „כקטן שנולד דמי", ווי אַ נײ־געבוירענע קינד, וואָס איז ריין פון זינד...

שבועות איז פון לשון „שבועה". אינ'ם טאָג פון מתן־תורה האט השי"ת און די כנסת־ישראל זיך אַ געגענזײטיגע שבועה געגעבען; מיר האָבען צו־געשוואוירען דעם אויבערשטען, אַז מיר וועלען איהם חלילה נישט פערבײ־טען אויף אַן אַנדערען גאָט, און ער אונז — אַז ער וועט אונז נישט פער־בײטען אויף אַן אַנדער פאָלק...

(„טור ברקת" פון אור החיים)

מתן־תורה — פלעגט זאָגען רבי יעקב אהרן וואָלאָזשינער — איז געווען אונזער חיתון און שידוך מיט השי"ת. און א שידוך פאָדערט גלײכע פליכ־טען פון בײדע צדדים, מיר האָבען דעריבער דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון אויבערשטען, אַז פונקט אַזוי, ווי מיר האָבען געהאַט צו איהם צוטרוי און זיך מקדים געווען און געזאָגט „נעשה" פאַר „נשמע", זאָל ער אויך אונז אָבצאָהלען מיט דער זעלבער מדה און אויך בנוגע צו אונז מקיים זײן דעם „נעשה" און שיקען אונז די הילף פאַר'ן „נשמע", נאָך אײדער ער הערט פון אונז די פערזיכערונג, אַז מיר וועלען זײן גוט און פרום...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט אײנמאָל, אום שבועות, זיך אויס־געשמועסט אויף זײן שטײגער מיט'ן רבונו של עולם און געזאָגט:

רבונו של עולם! ראש־השנה ביזטו בבחינת מלך ושופט, און ווען אפילו דו ווילסט מוחל זײן אויף דײן כבוד, איז „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול", הײנט אָבער, אום שבועות, ווען דו האָסט אונז געגעבען די תורה, ביזטו בבחינת רב און הײנט קענסטו אונז מוחל זײן אַלע חטאים ועוונות, דען — „רב שמחל על כבודו, כבודו מחול"...

רבי ברוך מעזשיבוזשער איז אמאל געקומען אין א שטעדטעל, וואו דער אָרטיגער רב איז געווען א שאַרפער מתנגד און ער איז נישט געקומען געבען רבי ברוך'ן שלום. פערפיהרענדיג נאַכהער א שמועס מיט עטליכע מקורבים און אויספרעגענדיג זיי, ווער דער רב איז און פון וואַנען ער שטאַמט, האָט מען איהם אינפאָרמירט, אַז דער דאָזיגער רב איז א גרויסער למדן, ער האָט זאָגאַר געמאַכט עטליכע ספרים, נישט מעהר, מען מורמעלט אויף איהם, אַז א סך פון די חדושי־תורה אין זיינע ספרים זענען נישט זיינע...

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן רבי ברוך — איז מיר שוין אַלעס פערענטפערט. לעולם דאַרף אַ רב צוליעב כבוד התורה נישט געהן מקבל פנים זיין אַן אורח, נאָר דער היתר איז: „הרב שמחל על כבודו כבודו מחול", און דאָס איז דערפאַר, ערקלערט די גמרא אויפ'ן אָרט, ווייל „תורה דיליה היא דכתיב ובתורתו יהגה יומם ולילה" (קידושין ל"ב), עס איז זיין תורה און ער קען דעריבער מוחל זיין אויף איהר כבוד. קוים אָבער בענוצט זיך דער דאָזיגער רב מיט פרעמדע תורה און זי איז נישט זיינע, האָט ער טאַקי קיין רעכט נישט מוחל צו זיין אויף איהר כבוד...

בשעת רבי אייזיל חריף האָט אַרויסגעגעבען זיין ספר „עמק יהושע" און עס אַרומגעשיקט מיט'ן משמש צו פערשידענע בעלי־בתים, האָט איינער פון די סלאָנימער בעלי־בתים, פון זיינע געגנער, איהם צוריקגעשיקט דאָס ספר צוזאַמען מיט פינף רובל... אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך רבי אייזיל געטראָפען מיט'ן דאָזיגען בעל־הבית אויף אַ ברית און איהם וואַרים געדרוקט די האַנד און זיך געפרעהט מיט איהם: גוט מאָרגען, ר' חיים! וואָס מאַכט איהר ר' חיים! זיצט, ר' חיים... יענער איז געבליבען שטעהן ערשטוינט, ערוואַרטענדיג, אַז רבי אייזיל וועט אוודאי זיין ברוגז אויף איהם פאַר דער בעליידיגונג, ולסוף בעגעגענט ער איהם מיט אַזאַ פנים שוחקות און פרעהט זיך גאָר מיט איהם אַזוי שטאַרק!... רבי אייזיל פערפיהרט מיט איהם אַ געמיטליכען שמועס און דאַן מאַכט ער צו איהם: בשעת הקב"ה, דערצעהלען אונז די חז"ל, האָט געוואָלט געבען די תורה, האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט איהר צו אַלע אומות און זיי האָבען זי נישט געוואָלט מקבל זיין, פאַרוואָס האָבען זיי נישט געוואָלט? ווייל די אידישע תורה איז א תורת אמת און זיי קענען נישט פערטראָגען און האָבען פיינד דעם אמת... אויך איך, וועהט איהר, האָב זיך פאַר'ן ספר מיינעם שטאַרק געשראָקען. בשעת איך בין צוגעטראָטען צו דרוקען דאס ספר, האב איך פון אַלע

זייטען, פון פערשידענע רבנים און לומדי-תורה, בעקומען בריעף, אין וועל-כע זיי האבען מיר געשריבען, אז זיי ווארטען אויפ'ן דאזיגען ספר מיט גרויס אונגעדולד, האט עס מיר פערשאפט א ביסעל חולשת-הדעת און איך האב אנגעהויבען מהרהר זיין: ווער ווייסט, אויב דער עולם ווייזט ארויס אזא שטארקען חשק צו מיין ספר, מוז דאך זיין, אז עס איז נישט קיין תורת-אמת, ווארום אנדערש וואלט דאך דער חשק נישט געווען אזוי גרויס... איצט אבער, או עס האט זיך עגדליך געפונען א סלאנימער בעל-הבית, וועלכער האט דאס ספר נישט געוואלט נעהמען און עס מיר צו-ריק-געשיקט, איז דאך א סימן, אז די תורה פונ'ם ספר איז אנ'אמת, און אויב אזוי קומט איהם טאקי א ווארימען יישר-כח...

„אם אתם מקבלים התורה — מוטב, ואם לאו, שם תהא קבורתכם" (דארט).

די אמונה און דער קיום-התורה גיט דעם איד כח אויסצוהאלטען די שווערסטע צייטען, איבערצוטראגען די שווערסטע נסיונות און זיך נישט מייאש צו זיין. מיט'ן מאמענט אבער ווען דער איד פערלירט חלילה די אמונה און ער פערלאזט דעם דרך-התורה, דאן ווערט דאס לעבען פאר איהם פוסט, אהן א שום צוועק און אינהאלט. ער זעהט נישט מעהר קיין שום זין אין די אומזיסטע ליידען און דאס טרייבט איהם צו דער שרעקליכסטער פערצווייפלונג, אזש ביז צום „ושם תהא קבורתכם", ווי מיר זעהען עס בעוה"ר אין די לעצטע יאהרען, ווען פון טאג צו טאג פערגרעסערט זיך ביי אידען די צאהל פון זעלבסמארדען ר"ל...

(פרדס יוסף)

פִּרְקֵי אָבוֹת

פֶּרֶק רִאשׁוֹן.

יהי ביתך פתוח לרוחה... (משנה ה.)

אַ איד אַ סוחר איז אַמאָל געקומען קיין גאָסטינין שפּעט בייַנאַכט און נישט וויסענדיג אין דער פינסטער, וואו צו גֵיהן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען. געווען איז דאָס גראָד די טיר פון גאָסטינינער רבי׳ן, רבי יחיאל מאיר.

רבי יחיאל מאיר האָט איהם געגעבען שלום, געשטעלט אַ שטוהל און פערבעטען צום עסען. די רביצין איז שוין דאַן געשלאָפען, האָט איהם רבי יחיאל מאיר אַליין משמש געווען און אונטערגעטראָגען איהם וואַסער צו וואַשען, דער אורח האָט אויפגעגעסען די דערלאַנגטע מאַכלים און זיך געזשאַלעוועט אז ער איז נאָך הונגעריג; איז רבי יחיאל מאיר אריין אין קיך און דערזעהענדיג שטעהן אַ טעפּעל קאַשע, האָט ער אַוייגעטהון דערין שמאַלץ, צוגעשטעלט עס צום קאָכען און אַריינדערלאַנגט דעם איד, ביז ער האָט איהם זאַט געמאַכט.

נאָכ׳ן עסען האָט ער איהם אָנגעוויזען אַ צימער מיט אַ בעט. דאָס בעט איז געווען דעם גאָסטינינער רבינ׳ס און ער האָט גערעכענט צו שלאָ־פען מיט איהם צוזאַמען, אָבער דער איד האָט פון גרויס מידקייט צולעגט זיך אויפ׳ן בעט אין די שטיוועל און גלייך איינגעשלאָפען. רבי יחיאל מאיר האָט איהם נישט געוואָלט אויפוועקען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען אַ גאַנצע נאַכט, אויסגעטהון די שטיוועל און ארומגעגאַנגען אין די זאָקען, כדי ער זאָל חלילה נישט אויפוועקען דעם אורח.

צומאָרגענס אין דער פריה, ווען דער יוד איז אַוועק אין בית־המדרש אריין, האָט ער זיך דערוואוסט, וואו ער האָט גענעכטיגט, מיט וועמען ער האָט זיך בעדיענט און וועמען ער האָט דאָס בעט צוגענומען, און מלא־צער איז ער גיך אַוועקגעלאָפען צו רבי יחיאל מאיר׳ן, איהם מפייס זיין, בעטענדיג, ער זאָל איהם מוחל זיין דעם כבוד התורה, וואָס ער האָט אונגערן פוגע בכבוד געווען.

דערויף האָט איהם רבי יחיאל מאיר געענטפערט, אַז ער וועט אָנ־נעהמען פון איהם דעם פּיוס נור בתנאי זה, אויב ער וועט איהם צוזאָגען מקיים צו זיין דאָס, וואָס ער וועט פערלאַנגען פון איהם.

דער איד האָט זיך אַפילו אין תחלת געקווענקעלט: מי יודע וואָס דער רבי וועט דאָ פון איהם פערלאַנגען? אָבער באין־ברירה האָט ער איהם צוגעזאָגט.

— איך פערלאַנג פון אייך — מאַכט צו איהם דער גאָסטינינער רבי — אַז ווען איהר וועט דורכפאָהרען גאָסטינין, זאָלט איהר איינשטעהן ביי מיר, זאָלט איהר האַלטען ביי מיר אכסניא!

און דער איד האָט נעביך געמוזט מבטיח זיין...

דער מאָהרער רב, רבי עמרם, פלעגט זיך נוהג זיין מיטצוברענגען אַהיים יעדען שבת פון שוהל צוויי אורחים. איינמאָל איז אין שוהל איבער־געבליבען א דריטער אורח, וועלכער האָט נישט געהאַט צו וועמען צו געהן. רבי עמרם האָט איהם מיטגענומען מיט זיך, אָבער מורא האָבענדיג, אַז די רביצין וועט תרעומות האָבען, הלמאי ער ברענגט איהר אַזויפיל אורחים, האָט ער דעם דריטען אורח געלאָזט שטעהן אין דרויסען פאַר דער טהיר און דאַן מאַכט ער צו דער רביצין:

— וואָס זאָגסטו דערצו? אַהיימגעהענדיג פון דאַווגען איז מיר אַנט־קעגענגעקומען דער בעל־שם. דו האָסט דאָך אַוודאי געהערט פון בעל־שם!... טאָ שטעל דיר פאָר, אַז דער בעל־שם דרעהט זיך אַרום איבער׳ן שטאָדט און ער האָט נישט וואו צו עסען...

דער בעל־שם?! — ווערט די רביצין דערציטערט — וואָס־זשע שטעהסטו? לויף שוין אַרויס און בעט איהם אַריין אין שטוב!...

דער רב האָט גלייך אַריינגעפיהרט דעם דריטען אורח, אַוועקגעזעצט איהם אויבענאָן און די רביצין האָט איהם מאכיל ומשקה געווען פון שענס־טען און פון בעסטען.

דער דאָזיגער אורח איז גראָד געווען אַ פּראָסטער מענש, און זיין התנהגות האָט אַרויסגערופען ביי דער רביצין גרויס פערוואונדערונג און נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעגעסען און איז אוועק, רופט זי זיך אָן צום רב:

— עפּיס האָב איך אַ חשד, אַז דו האָסט מיך אָבגענאַרט. זאָג מיר דעם אמת, איז טאַקי דער דאָזיגער פּראָסטער איד געווען דער בעל־שם?

— חלילה — ענטפערט איהר דער רב — כ׳האָב דיך נישט אָבגע־

נאַרט. יעדער אורח איז אַ בעל־שם. ער האָט אַ ברירה צו מאַכען דער בעל־הבית׳טע אַ גוטען אָדער אַ שלעכטען שם, עס ווענדעט זיך ווי אַזוי מען בעהאַנדעלט איהם...

„צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר" (משלי יג, כה).

א צדיק, אַז ער בעט אַהיים אַנ׳אורח צום טיש, בעמיהט ער זיך צו עסען וואָס מעהר, כדי דער אורח זאָל זיך נישט שעמען און אויך עסען. דער רשע דאַגעגען, דער קמצן און צר־עין, עסט וואָס וועניגער און געהט אַוועק פון טיש מיט אַ לעדיגען בויך, כדי אויך דער אורח, פערקוקענדיג זיך אויפ׳ן בעל־הבית, זאָל חלילה נישט עסען צופיעל...

(דברי חפץ)

רבי ישראל ריזשינער איז אַמאָל געקומען צו גאַסט צו רבי העשיל אַפטער. דער ריזשינער איז געווען אַ קנאַפּער עסער, דער אַפטער דאַגעגען האָט געקענט אַ סך עסען. דאָס מאָל, אַז זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש, האָט דער ריזשינער בעמערקט, אַז דער אַפּטער עסט זעהר וועניג, קוים וואָס ער איז טועם. וואָס איז די מעשה, אַפטער רב — פרעגט ער איהם — וואָס איהר עסט עפּעס היינט נישט?

ענטפערט איהם דער אַפטער: לגבי די ששת ימי המעשה איז שבת אַנ׳אורח, און אַז דער אורח קומט פאַרעט מען זיך פאַר זיינעטוועגען און מען גרייט צו פאַר איהם עטליכע סעודות מיט בשר ודגים וכל מטעמים. יום־טוב ווידער, וועלכער קומט נאָר עטליכע מאָל אין יאָהר, איז לגבי דעם שבת אַנ׳אורח און אויב דער יום־טוב קומט צוזאַמען מיט׳ן שבת איז מען מוסיף פאַר זיין כבוד נאָך עטליכע מאכלים. ווי איז אָבער אַז עס קומט אַזאַ וויכטיגער אורח, וועלכער האָט אָבער אַ טבע נישט צו עסען, ווי יום־כפור למשל? דאַמאָלס, אויב ער קומט מיט׳ן שבת צוזאַמען, איז דאַן דער שבת מותר אויף זיין געוואוינהייט און לכבוד איהם עסט ער אויך נישט...

ויהיו עניים בני ביתך...

דער אבן עזרא, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און האָט שטאַרק געליטען און קיין הצלחה נישט געהאַט אין זיין לעבען, איז איינ־

מאָל אויף זיין וואַנדער-וועג אָנגעקומען אין אַ שטאָדט, וואו עס האָט געוואוינט איינער פון די אָנגעזעהענסטע רייכע יודען אין יענער צייט. דער אבן-עזרא האָט זיך געוואָלט מיט איהם בעקענען, אָבער די טהירען פונ׳ם רייכען הויז זענען געווען פאר איהם געשלאָסען; יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען אַהין האָט איהם די דינערשאַפט פערשטעלט דעם וועג און יעדעס מאָל מיט אַנ׳אַנדערען תירוץ. אַ פערביטערטער האָט דאַן דער אבן-עזרא אָנגעשריבען אויף דער וואַנד פון הויז פאָלגענדען עפיגראַם:

„אשכים לבית-השר, אומרים: כבר רכב;
אבוא לעת-ערב, אומרים: כבר שכב;
או יעלה מרכב, או יעלה משכב;
אויה לאיש עני — נולד בלי כוכב״...

עשה לך רב... (משנה ו׳)

אַ רעפאָרם-ראַבינער האָט אַמאָל געפרעגט אַנ׳אָרטאָדאָקסישען רב:

— וואָס איז די מעשה, וואָס אייך, פרומע רבנים, גיט מען אַזעלכע קאַרגע שכירות און דער רוב פון אייך ליידט ממש דחקות, ווצהרענד מיר, מאָדערנע ראַבינער, בעקומען ריעזען-פענסיעס און ווערען אויסגעהאַלטען בכבוד-גדול?

— כ׳וועל אייך געבען אַ משל — האָט איהם דער רב געענטפערט — בשעת אַ סוחר פאָהרט קיין לייפּציג אויפ׳ן יריד, איז אויב ער טרעפט גראָד אַ פוהר, וועלכע פאָהרט סיי-ווי קיין לייפּציג און האט אַ חוץ איהם נאָך גענוג אַנדערע פּאַסאַזשירען, דאַרף איהם די נסיעה קיין סך נישט קאָסטען. ווען אבער די פוהר מוז פאָהרען ספּעציעל מיט איהם, מוז ער שוין דאַן בעצאָהלען אַ גרעסערע סומע.

דאס זעלבע איז אויך מיט אונז. מיר אָרטאָדאָקסישע רבנים, ווען מען זאָל אונז אפילו נישט דינגען אַלס פיהרער און וועג-ווייזער פון די קהלות, וואָלטען מיר סיי ווי אויך אהן זיי געפאָהרען אויפ׳ן זעלבען וועג, אויפ׳ן דרך-התורה, און דערפאַר איז מען לגבי אונז יוצא מיט קאַרגע שכירות. איהר דאַגעגען ווען מען זאָל אייך נישט דינגען אַלס ראַבינער, וואָלט איהר דאָך קיין „לייפּציג״ אינגאַנצען נישט געפאָהרען, מוז מען אייך דעריבער צאָהלען ספּעציעל...

רבי נתן אדלער האט אמאל אויף דער זעלבער פראגע אנ'אנדערע תשובה געגעבען.

פאר א בילד פון א קינסטליך-געמאלטען אקס — האט ער געענטפערט — צאהלט מען א סך, א סך מעהר, ווי פאר א נאטירליכען און לעבעדיגען...

ואל תתיאש מן הפורעניות... (משנה ז')

דעריבער, פלעגט זאגען רבי יצחק אייזיק זידיטשעווער, איז דער דין, אז א גנב איז קונה מיט יאוש בעלים, אז אויב דער בעל-הבית האט זיך מייאש געווען פון דער גנבה, איז דער גנב נישט מחויב מעהר אומצו-קעהרען איהם דאס חפץ, נאר ער האט דאס רעכט צו בעצאהלען דערפאר, ווייל א מענש טאר זיך קיינמאל, אפילו אין די האפנונגסלאזע מאמענטען, נישט מייאש זיין, און אויב איינער איז זיך מייאש, דארף מען איהם דערי-פאר קנס'נען און בעשטראפען, אז צוליעב זיין יאוש זאל יענער די זאך קונה זיין...

שמעון בן שטח אומר הוי מרבה לחקור את העדים..

(משנה ט')

דער זוהן פון שמעון בן שטח, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער גמרא (ירושלמי סנהדרין פ"ו), איז פערמשפט געווארען צום טויט צוליעב א בלבול פון עדי-שקר, און דעריבער האט שמעון בן שטח געהאלטען פאר זיין חוב צו ווארענען און אנצוזאגען: „הוי מרבה לחקור את העדים״.

(אבות דר' אלעזר)

אהוב את המלאכה... (משנה י.)

צו רבי יהושע'לע קוטנער איז אמאל געקומען אנ'ארימער בעל-מלאכה און געבעטען, ער זאל איהם געבען א בריוועל צו א אידישען פאבריקאנט צו בעקומען ביי איהם ארבייט.

ארייגלאזענדיג זיך מיט'ן בעל-מלאכה אין א שמועס, האט רבי יהושע'לע

דערזעהן, אז ער האט פאר זיך א איד א למדן, א גרויסער תלמיד־חכם, ער האט איהם גלייך אנגעשריבען דעם פערלאנגטען בריעף און דער־ביי האט ער איהם געווארענט:

— למען־השם ר' איד, איהר זאלט זיך נישט אמאל ארויסכאפען פאר'ן פאבריקאנט, דאס איהר זענט א בן־תורה, דאס וועט אייך ברענגען די גרעסטע ריעותא. פאר אונזערע פאבריקאנטען איז א רעליגיעזער איד און דערצו א בן־תורה גאר נישט קיין גרויסע מעלה...

— און דאס — האט רבי יהושע'לע צוגעגעבען — איז דער פשט פון דער גמרא: „פשוט נבילתא בשוק ושקיל אגרא, ולא תימא כהנא אנא גברא רבה אנא" (פסחים קי"ג), וארום אויב דו וועסט זאגען, אז דו ביסט א כהנא, א גברא רבה, א איד א תלמיד־חכם, מעגסטו שוין דאן זיין אנ'ערשט־קלאסיגער ארבייטער, וועט מען דיך האלטען פאר א טויגעניכטס, א בטלן, און דיר קיין ארבייט נישט געבען...

רשנא את הרבנות... (משנה י.)

רבי ישראל סאלאנטער פלעגט זאגען: א רב, וואס די קהלה האט איהם נאך נישט ארויסגעטריבען פון שטאדט, איז ער קיין רב נישט, און אויב מען האט איהם ארויסגעטריבען און ער האט זיך געלאזט ארויסטרייבען - איז ער קיין מענש נישט...

וואס איז דער חילוק — פלעגט ער אויך זאגען — פון אמאליגע רבנים ביז היינטיגע? אמאל האט די שטאדט געדארפט א רב, היינט דארף דער רב א שטאדט...

צו רבי יוסף שאול נאטאנזאהן, דעם לעמבערגער רב — דערצעהלט מען — איז אמאל אריינגעקומען א איד אנגעטהון אין א „חלוקא דרבנן" בעטען א נדבה. ער איז נישט חלילה קיין פראפעסיאנעלער מחזיר על הפתחים — פערענטפערט ער זיך — נאר גראד האט זיך אזוי געמאכט, אז ער דארף צוליב א דבר נחוץ קומען בעצייטענס אין דעם און דעם שטעד־טעל און עס פעהלט איהם פונקט אויס אויף הוצאות.

גיט איהם רבי יוסף שאול נאטאנזאהן א נדבה און אגב פערפיהרט

ער מיט איהם אַ שמועס, וועגען וואס פאַר אַ דבר נחוץ עס האַנדעלט זיך, אויף וואס דער איד אינ׳ם חלוקא דרבנן ערקלערט איהם, אַז היות ווי דאס דאזיגע שטעדטעל נויטיגט זיך אין אַ רב און ער איז ל״ע אַ מחוסר פרנסה, האט דער רבי זיינער איהם געגעבען אַ בריעף צו די דאר־טיגע חסידים און אָט פאָהרט ער אַהין מיט דעם בריעף פועל׳ן ביי דער שטאָדט, מען זאָל איהם אויפנעהמען אַלס רב.

— נו, און וואָס איז מכח לערנען? — פרעגט איהם רבי יוסף שאול — זענט איהר כאטש קלאר אין אורח־חיים?

— ניין, אין אורח חיים — ענטפערט יענער — האב איך גראד ווע־ניג עוסק געווען. דאס איז פאַר אַ רב נישט אַזוי שטאַרק נויטיג. די דינים פון ציצית, תפילין וכדומה געהט מען נישט פרעגען צו קיין רב.

— נו, און חושן משפט?

— חושן משפט? ערשטענס איז היינט על פי רוב, בעוונותינו הרבים, בעת אידען האבען צווישען זיך אַ סכסוך אין דיני ממונות, געהט מען אין געריכט. צווייטענס, ווער פסקנ׳ט דען היינט אַ ריינע דין־תורה לויט׳ן חושן משפט? געוועהנליך קומט מען אויס מיט אַ פשרה...

— און אבן העזר?

— פאַר דעם דאָזיגען שטעדטעל איז דאס גראָד איבריג, מחמת דאס דאזיגע שטעדטעל זיצט נישט אויף קיין טייך און קיין גיטין ווערען דארט נישט געמאַכט...

— אבער יורה־דעה? יורה־דעה, דאס האט איהר דאך שוין זיכער געלערענט.

— איהר מאַכט חוזק פון מיר? — שמייכעלט דאס רב׳ל — ווען איך וואלט געלערענט יורה־דעה, וואלט איך דאך נישט געדאַרפט האבען קיין בריעף פון רבי׳ן זאל לעבען...

רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעדטעל און, כנהוג, האָט ער געמאַכט אַ וויזיט ביים רב. פערפיהרענדיג מיט איהם אַ שמועס אין לערנען דערזעהט רבי אייזיל, אַז דער רב יכולט נעבעך נישט, נישט אין הלכה, נישט אין אַגדה, נישט אין הוראה, מאַכט ער צו איהם:

— זאָלט איהר געזונד זיין, רב, עס איז מיר אַ חידוש אויף אייך, ווי אַזוי איהר וואוינט אין דעם דאָזיגען שטעדטעל. מילא די אַלע שטאָד־טישע בעלי־בתים וואוינען דאָ, ווייל זיי זענען זיך סומך אויף אייך און זיי מיינען, אַז זיי האָבען אַ רב, איהר אָבער ווייסט דאָך יאָ, אז דאָ איז

קיין רב נישטאָ, טאָ ווי אַזוי מעג אַ איד וואוינען אין אַ שטאָדט, וואָס האָט נישט קיין רב ?...

מיט אַ עהנליכע שאלה האָט זיך אַמאָל ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער געווענדעט צו אַ דאָקטאָר. רבי איצעלע אַליין האָט געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין מעדיצין, מען האָט זאָגאַר געזאָגט אויף איהם, אַז ער האָט געקענט לאַטיין און געשריבען רעצעפּטען. ויהי היום איז איינער פון זיינע בני־בית קראַנק געוואָרען און מען האָט געשיקט נאָכ׳ן דאָקטאָר, וואָס האט געוואוינט אין נאָהנטען שטעדטעל, איוואניץ. אַז דער דאקטאר איז גע־קומען און רבי איצעלע האָט זיך מיט איהם פונאַנדערגעשמועסט, האָט ער דערזעהען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסען עם־הארץ, מאַכט ער צו איהם:

— חעדליג כ׳האָט געהערט, זענט איהר אַ אידישער מענש און עס איז מיר דעריבער אַ גרויס חידוש אויף אייך, הלמאי איהר זיצט אין איוואַניץ. מילא, די אַנדערע אידען דאָרט זענען זיכער, אַז זיי האָבען אַ דאָקטאָר אין שטאָדט און זיי מעגען דאָרט וואוינען, איהר אָבער ווייסט דאָך יאָ, אַז איוואַניץ האָט נישט קיין דאָקטאָר, טאָ ווי אַזוי מעגט איהר דאָרט זיצען, עס איז דאָך אַ בפירוש׳ע גמרא: „כל עיר שאין בה רופא אין תלמיד־חכם רשאי לדור בתוכה״ (סנהדרין יז) ?...

רבי יעקב עמדין, ווי בעקאַנט, האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעה־מען קיין רבנות, און אין איינעם פון זיינע בריעף דריקט ער זיך אויס אַז יעדען טאָג מאַכט ער אַ ברכה: „שלא עשני אב״ד״ („אב בית דין״).

רבי יאָשע בער פלעגט זאָגען:

אַמאָל האָט זיך די רבנים אונטערגעשריבען „הקטן״ און די וועלט האָט זיי נישט געגלויבט און זיי דוקא געהאַלטען פאַר גדולים, היינט ווי־דער חתמ׳עט זיך יעדער איינער מיט׳ן טיטול „הרב״ און די וועלט גלויבט זיי ווייטער נישט און מען האַלט זיי דוקא פאַר קטנים...

מען האָט אַמאָל דערצעהלט פאר'ן ווארשאווער ראש בית דין, רבי זיינוועלע קלעפפיש, וועגען איינעם אַ יונגען רב'ל, וועלכער וויל זיך אריינ־רייסען בגוואַלד אין אַ געוויסע שטאדט, וואו עס איז פריי געוואָרען דאס כסא־רבנות, בענוצענדיג זיך דערביי מיט זעהר נישט קיין שענע דרכים.

האט רבי זיינוועלע געשיקט נאך איהם, איהם שטאַרק אויסגעמוסר'ט, און צווישען אַנדערען מאַכט ער צו איהם:

— דו ווייסט דאך אוודאי, יונגערמאַן, וואס די גמרא זאגט: „אוי לה לרבנות שמקברת את בעליה" (פסחים פ"ז), רבנות איז געגליכן צו קבורה, און אויף אַ בית־הקברות, בשעת מען „פיהרט" ווענען אהין — בלייבט ער דארט, ווען מען געהט אבער אַליין — קומט מען צוריק...

בשעת דער „נודע ביהודה" איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין פראג, האט ער דארט נעהאט זעהר אַ סך געגנער, וועלכע האבען איהם שטאַרק מצער געווען.

איינמאָל האבען זיי איהם שרעקליך בעליידיגט, און פון גרויס עגמת־נפש איז דער „נודע ביהודה" אַוועק אהיים, אריין צו זיך אין בית־המדרש און זיך פונאַנדערגעוויינט.

געהט גראָד פערביי איינער פון זיינע מתנגדים און דערהערענדיג אַז דער רב וויינט, שטעלט ער זיך אַוועק און קלאַפט אריין צו איהם אין פענסטער:

— רבי, רבי! דאָס פראַגער רבנות קויפט מען נישט מיט טרעהרען...

אוהב שלום ורודף שלום... (משנה יב.)

ורודף שלום, דעם שלום מוז מען שטאַרק נאָכיאָגען און איהם פיל־נעווען, נישט אַראַבלאָזען פון איהם קיין אויג, דען ער האָט אַ טבע אַרויסצוגליטשען זיך זעהר לייכט פון די הענד און צו אַנטלויפען...

(אמרי אבות)

אוהב את הבריות ומקרבן לתורה...

נור דורך אהבת-הבריות, מיט גוטען, מיט מתינות, קאן מען די מענשען מחזיר למוטב זיין און זיי מקרב זיין צו דער תורה.
(בית מאיר

פון דער דאזיגער משנה — פלעגט זאגען דער נצי"ב פון וואלאזשין — איז צו זעהען, אז עס איז א מצוה צו לעבען בשלום און ליעב צו האבען אויך די נישט-פרומע אידען, וועלכע פיהרען זיך נישט עפ"י רוח התורה, ווארום קוים ווערט צוגעגעבען: „ומקרבן לתורה" אז מען דארף זיך בעמיהען זיי מקרב צו זיין צו דער תורה, הייסט דאך עס, אז ביז איצט זענען זיי ווייט פון איהר...

והוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות... (משנה ט"ו)

„בסבר" — פלעגט זאגען רבי יצחק ווארקער — אפילו ווען יענער בלויז מיינט, אז דו ביזט איהם מקבל מיט פנים-יפות, אפילו ווען באמת קענסטו איהם נישט סובל זיין און דו ביזט נישט גערן, אז ער קומט צו דיר, אויך אזעלכען זאלסטו גוט אויפנעהמען...

לא עליך המלאכה לגמור... (משנה כא)

עס האט זיך אמאל א חסיד מתנצל געווען פאר'ן קאצקער רבי'ן, אז ער וואלט מיט אלע כחות וועלען זיין א למדן און קענען גוט לערנען, נאר ליידער קומט עס איהם נעביך זעהר שווער אן... האט איהם דערויף דער קאצקער געענטפערט, אז אין דער גאנצער תורה געפינען מיר נישט אזא מצוה, אז מען איז מחויב צו זיין א למדן און צו קענען גוט לערנען, בלויז אין איין ארט ווערט געזאגט: „למדו היטב" (ישעי' א'), מאכט דארט רש"י גלייך אויפ'ן ארט: „היטב — להיטיב", אז די כוונה איז נישט, צו קענען גוט לערנען, נאר צו קענען גוטס טהון...

על שלשה דברים העולם קים על האמת ועל הדין ועל השלום... (משנה יח.)

די אַלע דריי זאַכען זענען צווישען זיך ענג געבינדען: נור אַ דין של אמת ברענגט צו שלום, אַ דין של שקר אָבער איז נישט־נור, וואָס ער בערוהיגט נישט די צדדים, נור ער איז גורם צו נאָכמעהר מחלוקת און קריגערייען.

(הון עשיר)

פ ר ק ש נ י.

והוה זהיר במצוה קלה כבחמורה... (משנה א׳)

דער אונגארישער רב, אהרן חארין, איז געווען איינער פון די ערשטע רעפארם-ראבינער, וועלכע האבען זיך געשטעלט בראש פון דער בערלינער און האמבורגער רעפארם-בעוועגונג. די ערשטע „תיקונים בדת״, וואס דער דאזיגער ראבינער האט דורכגעפיהרט, זענען בעשטאנען פון קלייניגקייטען. מען האט זיך אין תחלת בעגנוגענט דערמיט, וואס מען האט אבגעשאפט דעם צווייטען „יקום-פורקן״, אויפגעהערט צו זאגען פרייטאג-צו-נאכטס „במה מדליקין״, מבטל געמאכט דעם „יהי-רצון״ביים בלאזען שופר, דאס קלאפען המנ׳ען ביים לייענען די מגילה, דעם מנהג פון שלאגען כפרות, דאס אויס-שפייען ביי „עלינו״, דאס אויפקלעבען „שיר-המעלות״-קוויטלעך אין הויז פון א קינפעטארען, מתיר געמאכט צו שטעלען א חופה אין שוהל, נישט אונ-טער׳ן פרייען הימעל, וכדומה אזעלכע אין פלוג אונבעדייטענדע „רעפאר-מען״. ביסלעכווייז אבער, מיט דער צייט, איז דער זעלבער ראבינער חארין אזוי ווייט דערגאנגען, אז ער האט מתיר געמאכט צו פאהרען שבת מיט דער באהן, איינגעפיהרט צו דאווענען אויף דייטש, אריינגעשטעלט אין דער שוהל אנ׳ארגעל, אויף וועלכען מען האט געשפיעלט אום שבת, בעזייטיגט פון די תפלות אלע שטעלען, אין וועלכע מען איז מתפלל אויף דער אויפ-ריכטונג פון ציון וירושלים, ביז ער האט אנגעהויבען ארויסצוטרעטען עפענט-ליך מיט שארפע אנפאלען געגען תלמוד און ענדליך האט ער ארויסגע-געבען אנ׳„ערלויבניש״ צו ענדערען די „תורה-שבכתב״ און צו בעזייטיגען פון איהר פערשידענע מצוות, וועלכע זענען ניעט צוגעפאסט צו די מא-דערנע לעבענס-בעדינגונגען...

(דור דעה)

צום בריסקער רב, רבי יאשע בער, זענען אמאל געקומען איניגע אנגעזעהענע משכילים און פערפיהרט מיט איהם א שמועס וועגען דער

נויטיגקייט צו פערלייכטערען אַ ביסעל דאָס אידישקייט און אָבצושאַפען פערשידענע חומרות, וועלכע עס איז שווער איעערצוטראָגען. בשעת זיי האָבען גערעדט האָט רבי יאָשע בער כסדר צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אַלס צייכען פון הסכמה און דאַן האָט ער זיי ערקלערט, אַז אויך ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיט׳ן דאָזיגען געדאַנק און אַז אין זיינע ספרים, וועלכע זענען בכתב־יד, בעמיהט ער זיך מקיל צו זיין אין אַ גאַנצע רייה דינים און הלכות. די משכילים זענען פונ׳ם דאָזיגען אונערוואַרטעטען ענט־פער שטאַרק איבערראַשט און דערפרעהט געווארען און זיי האבען דערביי אויסגעדריקט זייער בקשה, צי וואלט ער נישט געוואלט זיין אַזוי פריינדליך און זיי בעקענען כאטש מיט אַ טייל פון די דאזיגע היתרים און קולא׳ס, וואס ער האט בדעה דורכצופיהרען.

— אדרבה!—מאַכט צו זיי רבי יאשע בער - אט זענען איינינע ביי־שפּיעלען: א) כידוע זענען פאַרהאַן איינינע פוסקים, וועלכע זענען מחמיר אַז מעריב טאר מען נישט דאַוונען לענגער ווי ביז חצות, איך אבער האב איינגעפונען, אַז דאס איז אַ מאַ־שווערע חומרא און האב בעשלאסען מקיל צו זיין, אַז מען זאל מעגען דאַוונען אַ גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאג! ב) פאַר־האַן מחמירים, וואס האַלטען אַז רבינו תם׳ס תפילין מעגען לעגען נור יחידי סגולה, אנערקענטע תלמידי־חכמים, איך אָבער האָב בעשלאָסען מקיל צו זיין און אַרויסגעבען אַ היתר, אַז יעדער איינער איד, אָהן אויסנאַהם, מעג לעגען צוויי פּאָר תפילין! ג) פאַרהאַן אַ חומרא, אַז מען טאָר נישט זאָגען קיין פּיט אין מיטען דאַוונען, ווייל דאָס איז אַ הפסק בתפלה, איך האָב בעשלאָסען אָבצושאַפען די דאָזיגע חומרא און מתיר מאכען צו זאָגען פייט וויפיעל מען וויל, מחמרת איך געפין, אַז דאָס איז כלל נישט קיין הפסק! ד) אַ טייל פוסקים זענען מהמיר, אַז אויב מען פערגעסט איין נאַכט צו צעהלען ספירה טאָר מען שוין אין די ווייטערע נעכט נישט צעהלען קיין ספירה מיט אַ ברכה, איך האַלט אַז דאָס איז אַ צו שווערע גזירה און איך האָב דעריבער בעשלאָסען מתיר צו מאַכען, אַז מען זאָל יאָ מעגען צעהלען מיט אַ ברכה! ה) טייל זענען מחמיר, אַז מען טאָר ערב תשעה באב נישט לערנען אפילו ווען דער דאָזיגער טאָג געפאַלט אום שבת, האָב איך זיך בעמיהט מתיר צו מאַכען, אַז אויב ערב תשעה באב געפאַלט אום שבת זאָל מען אינ׳ם דאָזיגען טאָג יאָ מעגען לערנען! ו) פאַרהאַן מחמירים וואָס פסק׳נען, אַז מען טאָר נישט פאַסטען אום ראש־השנה, איך אָבער בעמיה זיך אויפצווייזען אויפ׳ן גרונד פון פערשידענע מקורים, אַז מען מעג יאָ, אַז ווער נור עס וויל האָט דאָס רעכט צו פאַסטען אום ראש־השנה זאָגאָר ביידע טעג!...

(מקור ברוך)

רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא אומר יפה תלמוד תורה עם דרך־ארץ... (משנה ב׳)

אומעטום, אין גאנץ ש״ס, וואו עס ווערט דערמאהנט דער נאמען פון רבי גמליאל, ווערט ער אדער אנגערופען סתם „רבן גמליאל״, אדער „רבן גמליאל בר רבי״. בלויז דא, אין דער דאזיגער משנה, ווערט ער טיטולירט באריכות: „רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא״. דערמיט האט דער מסדר המשנה געוואלט בעטאנען, אז כאטש ער האט געשטאמט פון אזא אריסטאקראטיש און יחוס׳דיג הויז, א זוהן פון אידישען נשיא, וועלכער איז דערצו געווען איינער פון די גרעסטע עשירים ביי אידען, איז ער דאך געווען אנ׳אנהענגער פון „יפה תורה עם דרך־ארץ״, האלטענדיג, אז אויסער תורה דארף זיך יעדער איד אויסלערנען א מלאכה...

(פרדס יוסף)

צו רבי הלל אייבעשיץ איז אמאל א שווער מיט אנ׳איידעם געקומען האבען א דין־תורה. דער איידעם האט געטענה׳ט, אז דער שווער האט איהם פאר דער חתונה צוגעזאגט צעהן יאהר קעסט, בכדי ער זאל זיצען און לערנען און איצט וויל ער נישט האלטען די התחייבות און ער הייסט איהם געהן האנדלען. דערויף האט דער שווער געענטפערט, אז אמת טאקי, ער האט איהם צוגעזאגט, עס איז אבער א בפירושע משנה, אז א מענש דארף נישט זיצען בלויז און לערנען, נאר „יפה תורה עם דרך־ארץ״.

אויסהערענדיג די טענות האט רבי הלל גע׳פסק׳נט, אז דער שווער מוז האלטען די התחייבות און איהם געבען די צוגעזאגטע קעסט.

— און וואס ס׳איז שייך — האט ער אויסגעפיהרט — צום „תורה עם דרך־ארץ״, איז א סך גלייכער, אז דיין איידעם זאל לערנען און מקיים זיין די גאנצע תורה א חוץ די איינע משנה, איידער ער זאל מקיים זיין די איינע משנה און זיך אבזאגען פון דער גאנצער תורה...

וכל העוסקים עם הצבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים...

פריהער פאַר דעם ווערט געזאָגט: „וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" און אַלס המשך דערצו ווערט צוגעגעבען, אַז דאָס בעציהט זיך אויף די „עוסקים עם הצבור", אויך זיי דאַרפען זיך פערנעהמען מיט אַ מלאכה, אַדער מיט מסחר, און נישט לעבען פון כלל־טהועריי, וואָס דאַרף געטהון ווערען לשם־שמים, אָהן אַ מתן שכרה בצדה...

(רבי אלעזר הכ״ן)

ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה...

דעם שכר פאַר אייער אַרבייט זאָלט איהר, עוסקים בצרכי צבור, וואַרטען ביז א י ך וועל אייך געבען, אַליין זאָלט איהר נישט נעהמען...

(מעשי אבות)

הוו זהירים ברשות.. (משנה ג׳)

דער דאָזיגער מאמר קומט אַלס צוגאָב צום פריהערדיגען מאמר: „וכל העוסקים עם הצבור וכו׳". די „עוסקים עם הצבור", די כלל־טהוער און שתדלנים קומט אויס אַממעהרסטען צו האָבען צו טהוען מיט פערשיעדענע מלוכה־בעאַמטע, און צו זיי איז אַלזאָ געווענדעט די וואָרנונג: „הוו זהירים ברשות!" זייט פאָרזיכטיג מיט די דאָזיגע לייט, פערלאָזט זיך נישט צופיעל אויף זייערע הבטחות, וואָרום — „שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן וכו׳"...

(מהר״ם שיק)

אל תפרוש מן הצבור... (משנה ה.)

„פניו כלפי העם סימן יפה לו, פניו כלפי כותל סימן רע לו" (כתובות ק״ג).

אויב דער מענש איז אין זיין לעבען געווענדעט געהען מיט׳ן פנים צום פאָלק, אַבגעבענדיג זיך מיט צרכי צבור, דאַן איז „סימן יפה לו",

צבער אויב „פניו כלפי כותל”, ווען ער איז אלע זיינע יאהרען געווען אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו דער וואנד, לעבענדיג בלויז פאר זיך – סימן רע לו”...

(בית יצחק)

ולא עם הארץ חסיד... (משנה ו).

דער ראדאמסקער רבי, דער „תפארת שלמה”, איז אמאל געווען אין ברעסלוי, צוריקקומענדיג פון דארט האבען איהם די מקורבים געפרעגט, ווי אזוי עס זעהט אויס דארט דאס אידישקייט.

– וואס זאל איך אייך זאגען – עגטפערט זיי דער „תפארת שלמה”
– די אידען פון יענער געגענד זענען אזוי פרום, אז אויב א האן, למשל, איז מחלל-שבת און קרעהט אום פרייטאג-צו-נאכטס טראגט מען איהם גלייך אוועק שבת אין דער פריה, אלס עונש, צום שוחט...

אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך...

(משנה ט.)

רבי חיים בריסקער האט געהאט א ברודער, וועלכער איז מיט עטליכע יאהר געווען עלטער פון איהם. איינמאל האט דער פאטער, רבי יאשע בער, זיך געווענדעט צום צעהן-יעהריגען חיים'קען און איהם געפרעגט: ווער פון זיי עס קאן בעסער לערנען, ער צי דער ברודער?

– עס איז מיר שווער צו זאגען–האט דערויף חיים'קע געענטפערט– ווארום זאל איך זאגען, אז ער קען בעסער, וועט עס דאך זיין א ליגען, זאל איך ווידער זאגען, אז איך קאן בעסער – וועט עס דאך הייסען גאות...

– וואס האסטו דא אויפגעטהון? – ענטפערט איהם דער פאטער – איצט ביזטו געבליבען אי א ליגנער, אי א בעל-גאוה...

רבי מענדיל וויטעבסקער האט אלס אינגעל געלערנט ביים מעזריטשער מגיד, וועלכער האט איהם פאר זיינע גאונישע פעהיגקייטען שטארק ליעב געהאט. איינמאל, פארנאכט נאכ'ן לערנען, בעמערקט דער מגיד, ווי מענדעלי

לויפט אַרום אויפ'ן הויף, דאָס היטעל פעררוקט אן אַ זייט, לאַכט און שטיפט און איז גאָר שטאַרק אויפגערוימט. שטעלט ער איהם אָב און פרעגט איהם: וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי גרויס, וויפיעל בלאַט גמרא האָסטו עס היינט געלערנט?

— זעקס בלאַט גמרא! — ענטפערט מענדעלי מיט גדלות.

— אַזוי? — שאָקעלט דער מגיד מיט'ן קאָפּ — אויב נאָך זעקס בלאַט גמרא טראָגט מען שוין דאָס היטעל פעררוקט אָן אַ זייט, טאָ וויפיעל בלאַט גמרא דאַרף מען לערנען, מען זאָ, שוין אינגאַנצען געהן אָהן אַ היטעל?

מענדעלי האָט פערשטאַנען די איידעלע אנצוהערעניש פון די דאָזיגע ווערטער און ער איז אַוועק אין אַ ווינקעל און זיך פונאַנדערגעוויינט...

בור סיד שאינו מאבד טפה... (משנה י"א)

רבי יאָשע דינאַבורגער, דער „ראָגאַטשאָווער עלוי", איז איינמאָל, אַלט געווען איז ער דעמאָלט אַ יאָהר זיבעצעהן, אַרויסגעפאָהרען אַביסעל איבער דער מדינה, זעהען — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — „צי די וועלט קאָן עפּיס לערנען"... געקומען איז ער פריהער קיין וואַרשא, וואו ער האָט געשמועסט אין לערנען מיט אַלע וואַרשאָווער בני-תורה און ער האָט ערקלערט, אַז אין וואַרשא איז דאָ סך-הכל איין יונגערמאַן (קיין נאָמען האָט ער נישט אָנגערופען), וואָס קאָן אַביסעל לערנען... פון וואַרשא איז ער געפאָהרען קיין לובלין, וואו ער איז אַוועק ריידען אין לערנען מיט'ן „תורת חסד". אַריינקומענדיג האָט איהם דער „תורת חסד" דערלאַנגט שלום און געזאָגט: „שב בני", האָט דער ראָגאַטשאָווער עלוי, נישט זעצענדיג זיך, אָנגעהויבען אויסרעכענען, וויפיעל מאָל עס געפינט זיך דער אויסדרוק „שב בני" אין גאַנץ ש"ס בבלי, וויפיעל מאָל אין ירושלמי, אין מדרש א.אַז.וו. און אַזוי שטעהענדיגערהייט האָט זיך צווישען זיי פערוויקעלט אַ פּלפּול פון היבשע עטליכע שעה. אַרויסגעהענדיג פון דאָרט איז דער ראָגאַטשאָווער געלאָפען איבער דער גאַס און געהאַלטען אין איין ריידען צו זיך: „ס'איז זיך זעהר שען, זעהר שען, דער אַלטיטשקער קען זיך לערנען"... פון „תורת חסד" איז ער אַוועק צום „כהן", רבי צדוק. אָנהויבענדיג מיט איהם צו שמועסען אין לערנען מאַכט צו איהם רבי צדוק: גלויבט מיר, יונגערמאַן, מיר זענען אויך אַמאָל געווען יונגעלייט און מיר האָבען זיך אויך אַמאָל נאַריש געמאַכט, אָבער די חז"ל זאָגען אונז: „יראת ד' היא אוצרו, אין לו להקב"ה בבית גנזיו אלא אוצר של יראת

שמים בלבד" (ברכות ל"ה). נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער ראָ־גאַטשאָווער עלוי געזעגענט און איז אַוועק און אויפ'ן וועג האָט ער זיך יעדעס מאָל אָבגעשטעלט און געזאָגט: „ווער, ווער, דעם אַלטיטשקענס ווער־טער קריכען טיעף אריין אין די ביינער"...

איזה היא דרך טובה שידבק בה האדם... (משנה י"ג)

דערויף זאָגט רבי אליעזר: „עין טובה", רבי יהושע זאָגט: „חבר טוב", רבי יוסי: „שכן טוב" א. א. וו. דאַגעגען ווידער אויף „איזוהי דרך רעה שיתרחק ממנה האדם" ווייזט יעדער פון זיי אָן אויפ'ן געגענזאַץ: „עין רעה", „חבר רע", „שכן רע" א. אַז. וו. בלויז רבי שמעון, ביים אָנווייזען אויפ'ן דרך־טובה, ערקלערט ער: „הרואה את הנולד", דאָגעגען אויף דרך־רעה זאָגט ער: „הלוה ואינו משלם". פאַרוואָס זאָגט ער אויך נישט דעם היפוך, דעם געגענזאַץ: „שאינו רואה את הנולד"?

באמת אָבער מיינט אויך רבי שמעון צו זאָגען דאָס זעלבע, נאָר ער אילוסטרירט עס בלויז מיט אַ קאָנקרעטען ביישפּיעל. דער היפוך פון אַ „רואה את הנולד" איז אַ „לוה ואינו משלם", וועלכער באָרגט לכתחילה מיט דער דעה נישט צו בעצאָהלען, נישט פאָראויסזעהענדיג די פאָלגען און קאָנסעקווענצען, אַז באַנקראָט־געלד האָט קיין קיום נישט און עס האָט זיך נאָך קיינער דערמיט אויף די פיס נישט געשטעלט...

(ר' ברוך פרענקעל)

כל שרוח הבריות נוחה הימנו — רוח המקום נוחה הימנו... (משנה י"ב)

דערפון וואָס מען גיט אייגעם אָב כבוד און מען זאָגט איהם שבחים אין די אויגען, איז נאָך קיין בעווייז נישט אַז מען האַלט טאַקי פון איהם, דען עפ"י רוב איז עס נישט מעהר ווי געוועהנליכע חניפה, ווייל מען דאַרף צו איהם אנקומען, אָדער מען האָט פאַר איהם מורא. דער עיקר איז, צי עס איז — „רוח הבריות נוחה הימנו", וואָס מען טראַכט און ווי אַזוי מען רעדט וועגען איהם הינטער די פּלייצעס...

(מדרש שמואל)

רבי יוסי אומר, יהי ממון חברך חביב עליך כשלך..

(משנה י"ז)

אין אַ פריהערדיגע משנה (משנה ח׳), אויסרעכענדיג די מעלות פון רבי יוחנן בן זכאי׳ס תלמידים, ווערט וועגען רבי יוסי׳ן געזאָגט: „רבי יוסי הכהן — חסיד״, און איצט ווערט ערקלערט: מיט וואָס איז ער געווען אַ חסיד? „רבי יוסי אומר, יהי ממון חברך חביב עליך כשלך״ — אָט דאָס האָט ער געהאַלטען אַלס איינע פון די גרעסטע מדות פון חסידות!...

(רבי אברהם אזולאי)

אין קיעלץ איז אַמאָל געשטאָרבען דער גרעסטער גביר פון שטאָדט, אָבער אַ זעהר פראָסטער מענש און אַ גרויסער קמצן. צו דער לויה איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע שטאָדט און די קרובים פון פערשטאָרבענעם זענען דאַן אַוועק צום רב, רבי משה נחום ירושלימסקי, און פערלאַנגט, ער זאָל דעם נפטר מספיד זיין. רופט זיך אָן צו זיי דער קיעלצער רב: אין פרק שטעהט „יהי ממון חברך חביב עליך כשלך״, איז מה-דאך איך האָב מיין אייגען געלד נישט מספיד געווען (דער קיעלצער רב האָט געשטאַמט פון אַ רייכער פאַמיליע און איז אין דער יוגענד אויך אַליין געווען זעהר רייך), זאָל איך זיך אַוועקשטעלען מספיד זיין פרעמד געלד?..

אל תעש תפלתך קבע... (משנה יח)

עס האָט אַמאָל איינער געפרעגט דעם חדושי הרי״ם אויפ׳ן פסוק אין תהלים: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת״, פאַר-וואָס ווערט נישט דערמאָהנט אויך די זון, נאָר בלויז ירח וכוכבים, די לבנה מיט די שטערען?

האָט איהם דער חדושי הרי״ם דערויף געענטפערט:

איהר האָט אַ טעות, ליעבער איד, אויב איהר מיינט, אַז דוד המלך האָט געזאָגט די קאַפּיטלעך תהלים פון אַ תהלים׳ל אַרויס... עס איז גראַד געווען ביינאַכט, דוד המלך איז געזעסען מיט אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל און דערזעהענדיג די לבנה מיט די שטערען און פערטיפענדיג זיך אין די געטליכע וואונדער פון מעשה בראשית, איז ער אַריין אין התלהבות

און ער האט אויסגערופען: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך — ירח וכוכבים אשר כוננת" ו...

אנמערקונג פון זאמלער:

אזוי ווערט טאקי אויפ'ן דערמאהנטען פסוק אין תהלים דייטליך געזאגט אין רד"ק: „ולא זכר השמש, יש אומרים כי בלילה אמר זה המזמור בעת שהי' מסתכל בירח וכוכבים"...

פֶּרֶק שְׁלִישִׁי.

כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו... (משנה יא.)

אין תהלים (קכ"ה) ווערען אויסגערעכענט אַ רייה ברכות, צו וועלכע עס איז זוכה אַ ירא-שמים: „אַשרי כל ירא ד' ההולך בדרכיו וכו' אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, בניך כשתילי זיתים", און דאַן ווערט אויסגע-פיהרט: „הנה כי כן יבורך גבר ירא ד'". צוליעב וואָס זענען נויטיג די דאָזיגע ווערטער, נאָכדעם ווי עס איז שוין בפרטות אויסגערעכענט, מיט וועלכע ברכות דער ירא ד' ווערט געבענשט?

נאָר דער פשט — האָט דערויף געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער — איז אַזוי: „הנה כי כן", אויב עס איז יאָ אַזוי, אויב אַ ירא ד' ווערט געבענשט מיט אַלעם גוטען, „יברך גבר ירא ד'", איז גענוג, אַז בשעת איין מענש בענשט דעם צווייטען זאָל ער איהם בלויז זאָגען די צוויי ווערטער: „ירא ד'!" זאָלסט זוכה זיין צו זיין אַ ירא-שמים, וועט ער שוין ממילא האָבען כל טוב...

כל שרוח הבריות נוחה הימנו וכו'... (משנה י"ב.)

רב הונא ורב חסדא — ווערט דערצעהלט אין דער גמרא — זענען געזעסען צוזאַמען און זיי האָבען געזעהען פערבייגעהן גניבא'ן, רופט זיך איינער אָן צום צווייטען: „ניקום מקמיה דבר אוריין הוא", דערויף ענט-פערט דער צווייטער: „מקמי פלגאה ניקום"? דערווייל איז גניבא צוגעקו-מען און ער האָט זיי געפרעגט, אין וואָס זיי זענען עוסק, האָבען זיי איהם געענטפערט: „ברוחות", האָט ער געזאָגט צו זיי: „הכי אמר רב חנן וכו' ד' רוחות מנשבות בכל יום" (גטין ל"א).

איז דאָך אַ פלא, ווי געשיקט זיך עס, זיי זאָלען איהם זאָגען אַ ליגען, אַז זיי האָבען עוסק געווען „ברוחות", אין דער צייט, וואָס זיי

האָבען דאָך גאָר עוסק געהען אין עפיס אַנדערש, אין דער פראַגע, צי זיי זאָלען זיך אויפשטעלען פאַר איהם, אָדער נישט?

נאָר — האָט דערויף ערקלערט רבי שמשון שעפּעטיווקער — אין אבות ווערט געזאָגט: „כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו וכל שאין רוח הבריות נ״ח הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו". דאַגעגען אין ירושלמי איז דער נוסח פערקעהרט: „כל שרוח המקום נוחה הימנו רוח הבריות נוחה הימנו וכו׳", און דערין אייגענטליך איז אויך בעשטאַנען די חילוקי דעות צווישען ר׳ב הונא ורב חסדא. איינער פון זיי האָט געהאַלטען, אַז מען דאַרף זיך אויפשטעלען פאַר איהם, ווייל ער איז אַ „בר אוריין", ס׳איז „רוח המקום נוחה הימנו" און לויט׳ן נוסח אין ירושלמי איז „כל שרוח המקום נוחה הימנו — רוח הבריות נוחה הימנו" — דאַגעגען דער צווייטער איז געווען אין דער מיינונג, אַז מען דאַרף זיך פאַר איהם נישט אויפשטעלען, ווייל ער איז אַ „פלגאה", אַ בעל־מחלוקת, ס׳איז נישט „רוח חבריות נוחה הימנו" און ריכטיגער איז דער צווייטער נוסח, אין אבות, אַז „כל שרוח הבריות נוחה הימנו — רוח המקום נוחה הימנו"... אויף זיין פראַגע, אַלזאָ, אין וואָס זיי האָבען עוסק געווען, האָבען זיי איהם זעהר ריכטיג געענטפערט: „ברוחות", אין דער פראַגע פון „רוח המקום און רוח הבריות", ער אָבער האָט עס אָנגענומען גאַנץ פשוט, אַז דאָס מיינען זיי רוחות — ווינטען, און ער האָט זיך דעריבער אָנגערופען בתמימות: „הכי אמר רב חנן וכו׳ ד׳ רוחות מנשבות בכל יום"...

צווישען די מעלות, וואָס רבי נחוניא בן הקנה רעכענט אויס, צוליעב וועלכע ער האָט זוכה געווען צו אַריכת־ימים, געפינט זיך אויך: „ולא ששתי בתקלת חברי", ער האָט זיך נישט געפרעהט, ווען זיין חבר איז געשטרויכעלט געוואָרען. איז אין פלוג: וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסע מעלה, דאָס קאָן דאָך אויך אַ געוועהנליכער מענש בעווייזען?

נאָר דער פשט איז: עס האָט געמעגט בײַ מיר אין שטוב זיין די גרעסטע שמחה, עס האָט מיר געמעגט געשעהען דאָס גרעסטע גליק, האָב איך נישט געקענט געניסען דערפון, האָב איך זיך נישט געקענט משמח זיין, אויב כ׳האָב געוואוסט, אַז מיין חבר האָט אין דער זעלבער צייט עגמת־נפש צוליעב עפּיס אַ תקלה, אַנ׳אומגליק חלילה...

(רבי יצחק וואַרקער)

ר׳ מרדכי נאַדבורגער האָט געטייטשט: „שבטי ד׳ לישראל עדות, בצרתם לו צר בסבלות ובעבדות״ (זמירות לשבת). דער סימן, וואָס זאָגט עדות אויף אַ איד, אַז ער איז פון די „שבטי ד׳״, איז דאָס, ווען ס׳איז „בצרתם לו צר״, ווען ער פיהלט דעם צווייטען איד׳ס צער, ווען ער איז זיך משתתף אין אידישע צרות.

והוה מקבל את כל אדם בשמחה... (משנה ט״ז)

רבי אברהם יצחק קוק, דער הרב הראשי פון ארץ־ישראל, האָט זיך אויסגעצייכענט, כידוע, מיט אונגעוועהנליכער אהבת ישראל, אויפנעהמענדיג בסבר פנים יפות איטליכען איד, אַפילו דעם קל שבקלים.

— ווי אַזוי, רבי — האָט מען איהם איינמאָל געפרעגט — קענט איהר ליעב האָבען אַזעלכע, וועלכע זענען ידוע אַלס פושעים און עוברים על הדת?

— בעסער — האָט זיי הרב קוק אָבגעענטפערט מיט אַ שמייכעל — כ׳זאָל נכשל ווערען אין אהבת־חנם, איידער חלילה נכשל צו ווערען אין שנאת־חנם...

אַן׳עהנליכע שאלה האָט מען אַמאָל געשטעלט דעם גאָוואָרדאָקער רב, רבי יחיאל מיכל עפשטיין, דער מחבר פון „ערוך השלחן״. צווישען זיינע ידידים האָט זיך געפינען איינער פון די שטאָדטישע משכילים, אַ בעקאַנ־טער אַפיקורס, וועלכער איז געווען אַ יוצא ונכנס אין זיין שטוב און רבי יחיאל מיכל האָט מיט איהם אָפט פערברענגט.

— כ׳בין אייך מודה — ענטפערט זיי ר׳ יחיאל מיכל מיט אַ זיפץ — איהר האָט פולקאָם רעכט, אָבער וואָס זאָל איך טהון... גלויבט מיר, אַז כ׳קאָן נישט, ס׳איז מיר אונמעגליך פיינד צו האָבען אַ איד...

שחוק וקלות ראש וכו׳... (משנה י״ז)

ר׳ דוד׳ל דינאָווער איז אַמאָל געפאָהרען זומער אין אַ קור־אָרט און ער האָט געזעהען, מיט וואָס פאַר אַ הוללות און פריקת־עול דער עולם פערברענגט דאָרט די טעג און אַז זאָגאַר אַזעלכע אידען, וואָס אין דער

חיים פיהרען זיי א בעשיידען, צניעות'דיג לעבען, ווארפען דארט אראב פון זיך יעדע בושה און טהוען אב כל דאס בייז, האט ער זיך דאן אויסגע־דריקט פאר זיינע מקורבים, אז איצט איז איהם פערשטענדליך די גמרא, וואו עס ווערט געזאגט, אז „חמי טבריא נשארו מן המבול" (סנהדרין ק"ח). אין פלוג: צו וואס האט מען געדארפט איבערלאזען א זכר פון מבול? נאר ווי עס ווייזט אויס, איז דאס נויטיג געווען צוליעב דעם, ווייל טאמער וועט ווער פון די שפעטערדיגע דורות מתרעם זיין, הלמאי השי"ת האט בעשטראפט דעם דור המבול מיט אזא שווערען עונש, זענען דעריבער איבערגעלאזען געווארען די חמי־טבריא, פון וואנען עס נעהמען זיך די אלע ווארימע בעדער און קור־ערטער, ווי מיר געפינען אין פסחים: „פסח שבשלו בחמי טבריא" (פסחים מ"א), זאגט רש"י: „בחמי טבריא — מעינות רותחין", אז אלע הייסע קוואלען הייסען „חמי טבריא", און בשעת מען קומט אין די דאזיגע ערטער און מען זעהט, וואסערע מעשים תעתועים דא ווערען אבגעטהון, הויבט מען אן צו פערשטעהן, פארוואס דער דור המבול איז אזוי שווער געשטראפט געווארען...

אגב איז עס טאקי א בפירוש'ע גמרא: „במה דברים אמורים במומין שבסתר, אבל לא במומין שבגלוי, ואם יש מרחץ אפילו מומין שבסתר בודק" (כתובות ע"ה), אין מרחץ, אין די בעדער, אין די קור־ערטער, שווימען ארויס אלע מומין שבסתר, דארט גיט זיך יעדער צו דערקענען לויט זיין ריכטיגען פרצוף...

(פרדס יוסף)

סיג לחכמה שתיקה...

בשעת דער גערער רבי איז צוריקגעקומען פון זיין ערשטע רייזע נאך ארץ־ישראל, האט דאן דער קאלישער רב, רבי יחזקאל ליפשיץ, איהם א פרעג געטהון:

— ווי פיהלט איהר זיך, רבי, נאכ'ן בעזוך אין ארץ־ישראל? די חז"ל זאגען דאך, אז „אוירא דארץ־ישראל מחכים".

— אמת — האט איהם דער גערער רבי געענטפערט מיט א שמייכעל — אבער די חז"ל זאגען אויך, אז „סיג לחכמה שתיקה"...

– שווייגען – האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט דער קאָצקער רבי – איז דאָס העכסטע געשריי פון דער וועלט...

רבי אלעזר בן עזריה אומר אם אין תורה אין דרך־ארץ... (משנה כ״א)

רבי אלעזר בן עזריה איז, ווי בעקאַנט, געווען איינער פון די גרעסטע עשירים אין זיין צייט, אַזוי ווייט, אז „הרואה רבי אלעזר בן עזריה בחלום יצפה לעשירות״ (ברכות נ״ז), און די עשירים זענען עפ״י רוב גאָר קנאַפּע בעלי דרך־ארץ, „ועשיר יענה עזות״. רבי אלעזר בן עזריה, דער גרויסער עושר, וואָס מיט זיין וואָרט וועלען זיך די עשירים אודאי רעכענען, האָט דעריבער געפינען פאַר נויטיג זיי אויפמערקזאַם צו מאַכען און צו ערקלע־רען: „אם אין תורה, אין דרך־ארץ, אם אין דרך־ארץ אין תורה״...

(רבי אליעזר הכהן)

אם אין קמח אין תורה...

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען: „שלום רב לאוהבי תורתך״, עס וואָלט געווען, רבונו של עולם, אַ סך שלום צווישען דיינע תורה־אידען, דאָס אומגליק איז בלויז, וואָס „ואין למו״, וואָס זיי האָבען נעביך קיין פרנסה נישט, און דאָס איז, ליידער, דער „מכשול״, די איינציגע שטערונג און די איינציגע סיבה, וועלכע איז גורם צו די אַלע מחלוקות און אַרומ־רייסעגישען...

רבי יעקב יוזפא, דער ווילנער שטאָדט־מגיד, האָט איינמאָל — און געווען איז דאַמאָלס אַ ביטערע צייט פאַר אידען — אָוועקגעשטעלט זיך אין אַ שבת־מברכים אויף דער בימה און געזאָגט:

אינ׳ם יהי רצון פאַר ראש חדש בעטשען זענען מיר מתפלל: „ותתן לנו חיים של שלום, חיים של טובה, חיים של ברכה, חיים של פרנסה וכו׳״ און צום סוף ווערט אויסגעפיהרט: חיים שתהא בנו אהבה תורה ויראת שמים״. פאַרוואָס ווערט די תפלה אויף אהבת התורה איבערגעלאָזט אויפ׳ן

סוף ? נאָר — האָט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום ארון-קודש, אַרויפגעלעגט די הענד אויפ'ן פרוכת און זיך צעוויינט און אויסגעשריען: תורה! תורה! דו ווייסט דאָך, אַז אָהן אידען קאָן קיין תורה נישט זיין און אַז אָהן אַ חיים של שלום, חיים של טובה, חיים של ברכה און חיים של פרנסה איז נישט מעגליך קיין אהבת תורה ויראת שמים...

רבי אלעזר בן חסמא אומר וכו׳ תקופות וגמטריאות פרפראות לחכמה... (משנה כב)

רבי אלעזר בן חסמא איז געווען בעריהמט אין זיין דור אַלס גרויסער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, אַזוי ווייט, דאָס מען האָט געזאָגט אויף איהם, אַז ער האָט געקענט אויסרעכענען „כמה טפין יש בים”, דערביי אָבער איז ער אויך געווען אַ גרויסער אָרימאַן, אַ מחוסר-לחם, ווי עס איז צו זעהן פונ'ם געשפרעך צווישען רבן גמליאל און רבי יהושע: „תמה אני על שני תלמידים שיש לך ביבשה, רבי אלעזר בן חסמא ורבי יוחנן בן גודגדה, שיודעין לשער כמה טפין יש בים ואין להם פת לאכול ולא בגד ללבוש” (הוריות י׳).

רבי אלעזר בן חסמא האָט זיך דעריבער אויסגעדריקט, אַז צו דער תורה און וויסענשאַפט, צו די „קינין ופתחי נדה, תקופות וגמטריאות”, זענען אונבעדינגט נויטיג און געוואונשען — „פרפראות לחכמה”, צו האָבען דערביי אויך אַביסעל איינפּאַכע „פרפראות”, וואָס אין מויל אַריין צו נעמען...

(ר׳ ברוך פרענקעל)

פֶּרֶק רְבִיעִי.

בן זומא אומר איזהו חכם הלומד מכל אדם... (משנה א)

דעריבער — ווי עס ערקלערט דער ברטנורא — האָט מען איהם גע־רופען „בן־זומא", אויפ'ן פאָטער'ס נאָמען, ווייל ער איז געווען זעהר יונג און מען האָט איהם נאָכנישט געהאָט מסמיך געווען.

און דערפאַר, ווייזט אויס, האָט ער געהאַלטען פאַר נויטיג אָנצוהויבען זיינע מאמרים מיט דער דאָזיגער הקדמה: מען זאָל נישט קוקען דערויף, וואָס ער איז יונג און מען זאָל זיך צוהערען צו זיינע ווערטער, וואָרום — „איזהו חכם הלומד מכל אדם"...

איזהו חכם הלומד מכל אדם...

און דערפאַר, פלעגט זאָגען דער רבי ר' בונם, ווערט אַ למדן און אַ עוסק בתורה אָנגערופען מיט'ן נאָמען „תלמיד חכם". דען דער אמת'ער חכם איז נור אַזעלכער, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבען אַ תלמיד, אַ לומד מכל אדם...

אין דער הקדמה צו זיין ספר, איז זיך דער של"ה מתנצל, פאַרוואָס דאָס ספר ענטהאַלט בלויז אַ ליקוט פון פערשידענע מקורים. אַלס משל ווייזט ער דערביי אָן אויף אַ ביהן און אַ שפין. די שפין איז אָריגינעל, זי שפינט איהרע פעדים פון זיך זעלבסט, דאַגעגען די ביהן קלויבט צונויף איהר מאַטעריאַל פון דער פרעמד, אויסזויגענדיג דעם זאַפט פון פערשידענע בלומען און געוויקסען, און דאָך איז די אַרבייט פון דער ביהן נוצליך און פון דער שפין — שעדליך...

איזהו גבור הכובש את יצרו...

דער יצר־טוב — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראַצלאַווער — איז ביי אַלעמען גלייך, דאַגעגען דער יצר-הרע איז — „כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו", האָט יעדער לויט זיין ערך גאָך...

איזהו עשיר — השמח בחלקו...

און דאָס — ווערט געזאָגט דערויף בדרך־הלצה — איז דער פשט פון פסוק „ראש ועושר אל תתן לי" (משלי ל. ח), דו זאָלסט מיר נישט געבען דאָס עשירות פון „איזהו עשיר השמח בחלקו", וואָס לויט דער משנה איז מען אַנ׳עושר און באמת — אַנ׳אָרימאַן...

(זכרון מנחם)

אין ילקוט משלי ווערט דערצעהלט, אַז מען האָט איינמאָל אויפגע־גראָבען אַ הייל פון מוראַשקעס האָט מען דאָרט געפונען דריי הונדערט קערץ מיט ווייץ, וועלכע זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען דורך די מוראַש־קעס במשך פון דורות. הגם די מוראַשקע לעבט נישט מעהר ווי זעקס חדשים און אויף איהר בעשפייזונג האָט זי גענוג אַנדערהאַלבען ווייץ אַ טאָג, ווערט זי דאָך נישט מיעד צו זאַמלען און צוצוגרייטען, אויס מורא, טאָמער וועט פלוצים געשעהען אַ נס און זי וועט לעבען אונענדליך לאַנג...

און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט אין פסוק: „לך אל נמלה, עצל, ראה דרכיה וחכם" — פון דער נמלה זאָלסטו זיך לערנען אַרבייטסזאַמקייט, נישט צו זיין פויל, אָבער — „ראה דרכיה וחכם", דו זאָלסט אָבער גלייכצייטיג זיין קלוגער פון איהר און נישט איינרייסען צופיעל די וועלט...

(בני נפתלי)

הוי רץ למצוה קלה כבחמורה ובורח מן העבירה...

(משנה ב)

פאַרוואָס שטעהט נישט אויך: „ובורח מן עבירה קלה כבחמורה"?

נאָר „קלות וחמורות" מיינט מען, אַזעלכע מצוות, וואָס עס איז לייכט מקיים צו זיין, און אַזעלכע, וועלכע קומען־אָן שווער, און דאָס איז ביי עבירות נישט שייך. אין דער הינזיכט זענען אַלע גלייך — נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי צו טהוען אַ־עבירה...

(מהר"ל מפ־אג)

מאד מאד הוי שפל רוח שתקות אנוש רמה... (משנה ד.)

„מאד" איז די בעצייכנונג פון עשירות, ווי די חז"ל זאָגען: „ובכל מאדך — בכל ממונך". די ווערטער דאָ פון דער משנה זענען אַלזאָ גע־ווענדעט צום עושר, צום בעזיצער פון „מאָד מאד". אפילו ווען דו האָסט אַ סך געלד זאָלסטו זיך נישט גרויס האַלטען און זיין אַ שפל־רוח, ווייל — „שתקות אנוש רמה" אין מען קאָן זיך דאָס געלד אַהין נישט מיטנעהמען...

(פתח עינים)

ואל תעשה עטרה להתגדל בה ולא קרדום לחפר בה...

(משנה ז.)

און דאָס איז דער פשט: „גדול הנהגה מיגיע כפו יותר מיראת שמים" (ברכות ח׳), דער וואָס איז נהנה פון יגיע כפו שטעהט אַ סך העכער פון דעם, וועלכער איז נהנה און לעבט פון יראת שמים...

(רוח חכמים)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט רבי אייזיל סלאָנימער, אַז אַ געוויסער גדול ריהמט זיך, אַז וואָס אָנבעלאַנגט בקיאות, איז ער אַ פיעל גרעסערער בקי פון איהם.

— עס איז אמת — האָט רבי אייזיל דערויף געענטפערט — נאָר דער חילוק פון איהם ביז מיר איז דאָס, וואָס ער ווייסט, וואו עס שטעהט און איך ווייס, וואָס עס שטעהט...

רבי אייזיל פלעגט טייטשען: „סעפים שנאתי" (תהלים קי"ט. קי״ג.) — איך האב פיינד די סעיפים־קענער, די וואס ווייסען בלויז, אין וועלכען סימן און אין וועלכען סעיף די הלכה געפינט זיך...

———

רבי חיים צאנזער האט אמאל דערצעהלט, אז ער האט איינמאל דערהאלטען פון א געוויסען רב א לאנגע שאלה פול מיט פלפולים, אבער דורכקוקענדיג די שאלה, האט ער גלייך אין תחילת דערזעהען, אז דער דאזיגער רב האט פשוט נישט פערשטאנען דעם פשט פון אנ'איינפאך שטי־קעל רש״י. אבשרייבענדיג שפעטער דעם רב א תשובה איז ער געווען אין א פערלעגענהייט און נישט געוואוסט, וואס פאר א טיטול ער זאל איהם שרייבען: „הרב הגאון"? איז דאך עס א ליגען, ווי אזוי קאן מען שריי־בען אזא שבח אויף א איד, וואס קען קיין שטיקעל רש״י נישט? נישט שרייבען? — איז אבער דער דאזיגער רב געוועהנט, אז אלע זאלען איהם אין זייערע בריף טיטולירען מיט „גאון" און ער וועט האבען חולשת הדעת... לסוף אבער האט ער בעשלאסען, אז ער זאל איהם יא שרייבען „הרב הגאון" און עס וועט נישט זיין קיין שקר, מחמת אין די ימי הגאונים האט מען נאך רשי"ן נישט געקענט...

———

ולא קרדום לחפור בה...

און דאס — פלעגט זאגען רבי יאשע בער בריסקער — איז דער פשט פון דער גמרא: „אם הרב דומה למלאך ד' צבאות תבקש תורה מפיו" (מועד קטן י"ז). ווי אזוי קענען מיר דאס אייגענטליך וויסען, צי ער איז עהנליך צו א מלאך, האט דען שוין ווער פון אונז אמאל געזעהען ווי אזוי מלאכים קוקען אויס? נאר מען דערקענט עס פון זיין התנהגות. אויב ער איז נישט קיין „דורש דמים", ער דרשנ'ט נישט פאר זיך, צוליעב געלד, אויב ער איז דערביי ריין ווי א מלאך, נישט אויסען זייענדיג קיין שום פערזענליכע נוצען, דאן — „תבקש תורה מפיו"...

———

רבי זושא האניפאלער פלעגט טייטשען: „אל תתן לחית נפש תורך"

(תהלים ע״ד), דו זאָלסט נישט אוועקגעבען „תורך״, די תורה דיינע, צוליעב „חית נפש״, צוליעב פרנסה...

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי אלימלך ביכאָוועך: היתכן, ווי געשיקט זיך עס און ווי פּאַסט עס פאַר צדיקים, אַז פאַר מתפלל זיין אויף אידען זאָלען זיי נעהמען געלד, פּדיונות? האָט ער דערויף געענטפערט: פערשטעהט איהר מיך, אויב איך וועל זיך סתם אַוועקשטעלען מתפלל זיין פאַר א צווייטען, ווילד-פרעמדען אידען, וועט מיך דער מקטרג אָבשטעלען און אַ פרעג טהון: וואָס בעט דיך צו זיין אַ מעקלער און צו מישען זיך אין פרעמדע געשעפטען? קאָן דען נישט יענער איד אַליין פאַר זיך מתפלל זיין, אדער האַלטסטו זיך אפשר העכער פון יענעם? — בעת אבער איך ענטפער איהם, אַז כ'בין אַ געדונגענער שליח און איך בעקום בעצאהלט פאַר דער טרחא, ווערט דאַן דער מקטרג ווייכער, דאס פערשטעהט ער, איז שוין גאר עפּיס אנדערש...

דערויף, אַגב, פלעגען זאָגען די אַמאָליגע משכילים, אַז דער בעקאַנטער מאמר „המתפלל בעד חבירו וכו׳ הוא נענה תחלה״, איז דורך די צדיקים געענדערט געוואָרען אויף — „הוא נ ה נ ה תחלה״...

כל המבטל את התורה מעושר סופו לבטלה מעוני...

(משנה ט.)

דער דרך-העולם איז, אַז אויב איינער איז אַ גרויסער עושר, שרייבט מען איהם שוין צו, אַגב, אויך אַנדערע מעלות, ער ווערט שוין ממילא אויך אַ חכם און זאָגאַר אַ למדן.

און דערפאַר, „כל המבטל את התורה מעושר״, אויב איינער איז מבטל פון לערנען תורה כאָטש ער איז רייך, איז דער עונש זיינער: „סופו לבטלה מעושר״, מען נעהמט איהם צו דאָס געלד און דאַמאָלס ווערט ער מיט איינמאָל נישט-נור אויס עושר, נאָר אויך אויס למדן...

ליידער – פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער – ווערט דער מענש קאַליע נישט נאָר ערשט דאַן, ווען ער בעקומט דאָס אמת'ע עשירות, נאָר זאָגאַר ביים ספק־ספיקא פון עשירות. אויף דער בלויזער הוה־אמינא, ווען עס הויבט זיך איהם נאָר אָן צו דוכטען, אַז ער ווערט אַ נגיד, וואַרפט ער שוין אַראָב פון זיך דעם עול תורה מיט'ן ביסעל אידישקייט, און דאָס זאָגט דער פסוק: „פּן אשבע וכחשתי וכו׳ ופן אורש וגנבתי״ (משלי ל׳ ט׳), אויפ'ן בלויזען „פּן״, אויפן בלויזען טאָמער, אַז ער ווערט זאַט, איז שוין – „וכחשתי״, און דאָס זעלבע אוז אויך אין צווייטען פאַל: „פּן אורש וגנבתי״, הגם איצט פערמאָגט ער נאָך געגוג, נאָר עס דוכט זיך איהם בלויז און ער האָט מורא, „פּן אורש״, טאָמער וועט ער ווערען אַנ׳־אָרימאַן, איז שוין – „וגנבתי״, איז ער זיך שוין מתיר צו באַנקראָטירען, צו גנב'נען און ראַבעווען...

ועסוק בתורה והוה שפל רוח בפני כל אדם... (משנה יב.)

דאָס איז אַ זיכער מיטעל – פלעגט דערויף זאָגען רבי אלי׳ חיים מייזעל – דאָס איז אַ סגולה בדוקה ומנוסה. אַז דו וועסט עוסק זיין בתורה, וועסטו דאַן זיין זיכער אַ שפל־רוח. „מלמד״ און „ישיבה בחור״, דאָס זענען, ליידער, די סאַמע שפלות'דיגע און בזיונ'דיגסטע נעמען אין אונזער היינטיגער צייט...

אין בידינו לא משלות הרשעים וכו׳... (משנה יט.)

רבי נחמן בראַצלאַווער פלעגט זאָגען: „וצדיק באמונתו יחי׳״, בעקבתא דמשיחא וועט דער הסתר זיין אַזוי גרויס, אַז אויך דער צדיק וועט נישט אָנהויבען צו פערשטעהן קיין זאַך, הלמאי און פאַרוואָס... און ער וועט מוזען לעבען בלויז מיט דער אמונה.

אויף אַנ'עהנליכען אופן פלעגט רבי זישא האַניפּאָלער טייטשען: „שלשה באין בהיסח הדעת ואלו הן משיח וכו׳״ (סנהדרין צ״ז). בעקבתא דמשיחא וועט אינגאַנצען אַוועקגענומען ווערען דער דעת, עס וועט נישט מעגליך זיין צו פערשטעהן דעם אויבערשטענס דרכים...

העולם הזה דומה לפרוזדור.. (משנה כא.)

אַ דאָרפסמאַן איז אַמאָל געקומען אין אַ גרויסע שטאָדט אַריין, געהט ער איינמאָל פאַרביי אַ הויז און ער זעהט, אַז עס איז דאָרט זעהר ליכטיג און מען איז פרעהליך, מען זינגט און מען שפּיעלט און מען טאַנצט. שטויסט ער זיך אָן, אַז דאָס פראַוועט אַוודאי דער בעל-הבית פון הויז אַ חתונה. צומאָרגענס געהט ער ווידער פאַרביי פאַר'ן זעלבען הויז און ווידער זעהט ער, ווי עס איז דאָרט זעהר פרעהליך, מען שפּיעלט און מען טאַנצט. וואונדערט ער זיך, דער דאָרפסמאַן: דער בעל-הבית מאַכט שוין ווידער חתונה? איין נאַכט נאָך דער צווייטער? אין אַ טאָג אַרום — ווידער דאָס זעלבע: מען זינגט און מען שפּיעלט און מען טאַנצט! קאָן ער עס שוין מעהר נישט פערשטעהן: איז עס מעגליך, אַז איין בעל-הבית זאָל פראַוועז אַזוי פיעל חתונות, נאַכט נאָך נאַכט?... ער ווענדעט זיך מיט דער האַרבער פראַגע צו די דורכגעהער, צולאַכען זיי זיך און ערקלערען איהם: דאָס איז, ליעבער איד, אַ חתונה-זאַל, וועלכע ווערט יעדעס מאָל פערדינגען צו אַנדערע מחותנים, נעכטען האָבען געטאַנצט אַנדערע געסט און היינט — אַנדערע, און דער וואָס טאַנצט היינט — וועט נישט טאַנצען מאָרגען...

און דאָס איז דער פשט: „האי עלמא כבי הלולי דמיא" (אַזוי איז די גירסאָ אין עין יעקב עירובין נ"ד), עס שטעהט נישט „כהלולי", נאָר „כבי הלולי", די וועלט איז גלייך נישט צו אַ חתונה, נור צו אַ חתונה-זאַל, וואו עס בייטען זיך כסדר די טאַנצענדיגע געסט, נעכטען האָבען גע-טאַנצט אַנדערע געסט און היינט — אַנדערע, און די וואָס טאַנצען היינט, וועלען מאָרגען מעהר נישט טאַנצען...

(רבי העניך מאַלעקסאַנדער)

„חטוף ואכול חטוף ואישתי דעלמא דאזלינן מניה כהלולא דמי" (עירובין נ"ד), און אויף אַ חתונה האָבען די מחותנים קיין צייט נישט אָוועקצוזעצען זיך צום טיש און זיי זעגען טועם בלויז כאַפּענדיג, וואָס עס איז. די סעודה פראַוועז זיי ערשט שפּעטער צום סאַמע סוף, נאָכ'ן איבער-קומען דעם יריד...

(יד יוסף)

דער עיקר, צוליב וועלכען עס ווערט געפּראַוועט אַ חתונה, זענען די קידושין, און אַלס טפל דערצו ווערט אויך איינגעאָרדענט אַ סעודה און עס שפּילען כלי־זמרים, ולסוף זענען אַלע פערנומען מיט'ן טפל, מיט דער אכילה ושתיה, מיט'ן בדחן און כלי־זמרים, און דער עיקר ליגט קיינעם פון די געסט נישט אין זינען, עס אינטערעסירט זיי נישט, צי זענען די קידושין פאָרגעקומען עפ"י דין, צי זענען געווען דערביי עדות, צי האָט נישט דער חתן אַמאָל מקדש געווען די כלה מיט אַ געבאָרגט רינגעל וכדומה.

דער מענש ווערט דעריבער געוואָרענט: „חטוף ואכול"! עסען דאַרף מען טאַקי, אָבער פערגעס נישט, אַז דאָס איז בלויז אַ טפל, וואָס מען דאַרף אָבפּטר'ן בקיצור, על רגל אחת, דען „דעלמא דאזלינן מיניה כהלולא דמי", די וועלט איז געגליכען צו אַ חתונה און דער עיקר דאַרף מען אויף איהר אין זינען האָבען און אכטונג געבען, אַז די „קידושין" זאָלען זיין אין אָרדנונג...

(נודע ביהודה)

דאָס לעבען — פלעגט זאָגען רבי יחזקאל קוזמירער — איז ווי דאָס אַריבערגעהן איבער אַ געפּרוירענעם טייך: שטעהן צו לאַנג אויף אַנ'אָרט טאָר מען נישט — דאָס אייז קאָן זיך נאָך איינברעכען, טאַנצען — אודאי נישט, מען דאַרף נור שנעל אַריבערלויפען...

יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה...

(משנה כב)

דערפאַר — פלעגט זאָגען דער רבי ר' בונם — זאָגען די חז"ל, אַז אַ בעל־תשובה שטעהט העכער פון אַ צדיק, מחמת דער בעל תשובה האָט געגאָסען פון די תענוגי עולם־הזה, און עס איז דעריבער אַ גרויסער כח פון זיין זייט, ווען ער קאָן ביי זיך פועל'ן אָבצוזאָגען זיך פון די אַלע תענוגים און צו פיהרען אַ בעשיידען, פרום לעבען, דער צדיק אָבער ווייסט דאָך כלל נישט, וואָס עולם הזה איז, טאַ פונוואַנען קענען מיר האָבען די זיכער־קייט, אַז ווען ער וואָלט חלילה אַריינגעצויגען געוואָרען אין די דאָזיגע הבלי עולם הזה און טועם געווען פון איהרע תענוגים, צי וואָלט ער דאַן אומשטאַנד געווען זיך געגענצושטעלען און גובר צו זיין דעם יצר־הרע...

דער „תולדות יעקב יוסף" פלעגט זאָגען, אַז דעריבער שטעהט אַ בעל-תשובה העכער פון אַ צדיק און „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמור שם", ווייל די מצוות ווערען עפ"י רוב געטהון מיט פערשידענע ניט גאַנץ ריינע כוונות און זייטיגע פניות, דאַגעגען די עבירות טהוט מען בשלימות, און היות ווי בעת א מענש טהוט תשובה איז דאַן „זדונות נעשו לו כזכיות", נמצא. קומט אַלזאָ אויס, אַז די זכיות פון אַ בעל תשובה זענען חשוב'ער און מעהר בתכלית השלימות, ווי די זכיות פון צדיק...

רבי מאיר אומר אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו..

(משנה כז)

רבי מאיר איז מחולק מיט'ן תנא פון דער פריהערדיגער משנה, מיט רבי יוסי בר יהודה, וועלכער מאַכט אַן אונטערשיעד פון וועמען מען לערענט, צי מען איז אַ „לומד מן הקטנים", אָדער אַ „לומד מן הזקנים", און דערויף זאָגט רבי מאיר, אַז מען דאַרף אויף דעם נישט קוקען און — „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו"..

(שער בת רבים)

הקנאה והתאוה והכבוד מוציאים את האדם מן העולם...

(משנה כח)

פאַרהאַן אַ וואונדערליכער ילקוט, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט:

אַ קמצן האָט בעהאַלטען אין די טיפעניישען פון דער ערד אַ קרוג מיט רענדלעך. אין אַ צייט אַרום האָט ער צו זיין גרויס אומגליק דערזעהען, אַז גנבים האָבען אַרויסגעגנב'עט די רענדלעך פון דער קרוג, וועלכע זיי האָבען אָנגעפולט מיט שטיינער און דער קמצן האָט פון גרויס צער פערבראָכען די הענד און געריסען זיך די האָר פון קאָפּ. האָט איהם דער פריינד געפרובט טרייסטען: נאַכוואָס זאָלסטו זיך אַזוי שטאַרק מצער זיין? אַזוי לאַנג, ווי איך קען דיך, האָסטו דאָך קיין איין מאָל פון דיין עשירות נישט נהנה געווען און נישט בדעה געהאַט נהנה צו זיין, טאָ וואָס אַהרט עס דיך, אַז מען האָט זיי צוגעגנב'עט? ענטפערט איהם מיט אַ געוויין דער קמצן: מיר אַליין איז טאַקי קיין נפקא-מינה נישט, צי עס ליגען

אין דער קרוג רענדלעך, אָדער שטיינער, איך אַליין האָב טאַקי פון זיי קיין הנאה נישט געהאַט, אָבער איצט וועט דאָך אַנ׳אַנדערער פון זיי הנאה האָבען און אויף דעם טהוט מיר מיין האַרץ וועה!...

דער מהר״ם שיף טייטשט: „אמרו עליו על מלאך-המות שכולו מלא עינים״ (ע״ז כ׳), דער מלאך-המות ליגט ביים מענש אין די אויגען. אַמ-מעהרסטען זעגען דעם מענש מקצר די יאָהרען די „גרויסע אויגען״, די קנאה, דאָס נישט פערגינען יענעם...

ועל כרחך אתה חי וכו׳ ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון... (משנה כט)

וואָס איז „דין״ און וואָס איז „חשבון״?

נאָר דין וועט מען דאַרפען אָבגעבען אויף דער עצם עבירה, וואָס מען האָט געטהון, און חשבון — אויף דער צייט, וואָס מען האָט אויף דער עבירה געפטר׳ט, אויף דער צייט, אין וועלכער מען האָט בעסער געקענט טהון אַ מצוה...

(ווילנער גאון)

פֶּרֶק חֲמִישִׁי.

שבעה דברים בגולם... (משנה י.)

דער בעריהמטער שקלאָווער גביר און למדן ר׳ יהושע צייטלין האָט אַמאָל געלאָזט רופען צו זיך איינעם פון די שקלאָווער בעלי-בתים און איהם פאָרגעלעגט עפּיס אַנ׳ענין, אויף וואָס יענער האָט איהם געענטפערט, אַז ער קאָן איהם גלייך קיין תשובה נישט געבען, ער מוז זיך פריהער מיישב זיין.

צייטלינ׳ען, וועלכער איז געוועהנט געווען, אַז מיט זיינס אַ וואָרט, און ווער שמועסט מיט זיינס אַ סוחרישען פאָרשלאַג זאָל מען זיך שטאַרק רעכענען, האָט פערדראָסען די דאָזיגע אויסמיידענדע תשובה און ער האָט איהם דערויף געענטפערט:

אין דער משנה אין אבות ווערט געזאָגט: „שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם״, און נאָכדעם, ווי די משנה רעכענט אויס די שבעה דברים, פיהרט זי נאָכאַמאָל אויס: „וחלופיהם בגולם״, צוליעב וואָס ווערט עס נאָכאַמאָל איבערגעחז׳רט, עס שטעהט דאָך שוין פריהער „שבעה דברים בגולם״?

נאָר דער „וחלופיהם בגולם״ איז אַנ׳אָנזאָג, אַ געבאָט, אַז בנוגע די פערשיעדענע אויסגערעכענטע זאַכען זאָל זיך דער גולם פיהרען פער-קעהרט ווי דער חכם, מחמת נישט אַלץ, וואָס עס איז גוט פאַר׳ן חכם איז אויך גוט פאַר׳ן גולם. אָט למשל די מידה פון „ואינו נבהל להשיב״, פאַר׳ן חכם איז עס זעהר אַ נויטיגע זאַך, דען „זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם״, איז וואָס לענגער ער וואָרט אַלץ על-טער ווערט ער און אַלץ קלוגער וועט די תשובה אַרויסקומען, דאַגעגען דער גולם, דער שוטה, דאַרף זיך צוואַיילען מיט׳ן ענטפער, וואָרום „זקני עם הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מטורפת עליהם״ און ס׳איז דעריבער אַנ׳עבירה יעדע מינוט...

אַ בראָדער איד, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ תלמיד־חכם, איז עטליכע מאָל אַריינגעקומען צו רבי שלמה קלוגער שמועסען מיט איהם אין לערנען. ר׳ שלמה קלוגער האָט אָבער דערזעהן, אַז דאָס איז אַ איד אַ שוטה, וועלכער פערדרעהט איהם אַ קאָפּ מיט נאַרישע קשיות, איז ער געוואָרען בייז און איהם געהייסען מוחל זיין, ער האט נישט קיין צייט צו זיינע שטותים. אויף דער פערוואונדערונג פון די מקורבים, הלמאי ער וויל איהם נישט ענטפערען אויף זיינע שאלות אין לערנען, האט זיי רבי שלמה קלוגער געענטפערט:

אין דער גמרא ווערט געפרעגט: „כתיב אל תען כסיל כאולתו וכתיב ענה כסיל באולתו? — לא קשיא, הא בדברי תורה, הא במילי דעלמא" (שבת ל׳). געוועהנליך טייטשט די וועלט אַז דער „אל תען כסיל" געהט אויף מילי דעלמא און „ענה כסיל" — אויף דברי תורה, באמת אבער בע־ציהען זיךביידע זאַכען אויף דברי תורה און דער פשט איז פערקעהרט: „כאן במילי דעלמא", אויב ער איז נור אַ שוטה אין מילי דעלמא, אין וועלט זאַכען, דאַגעגען אין דברי תורה איז ער יא א בעל־שכל, דאן „ענה כסיל", זאָלסטו איהם יאָ ענטפערען, און „כאן בדברי תורה", אויב ער איז אויך אַ שוטה אין דברי תורה, דאַן „אל תען כסיל", זאָלסטו איהם נישט ענטפערען און נישט אויסהערען זיינע נאַרישקייטען, אַ שאָד די צייט...

שואל כענין ומשיב כהלכה...

רבי חיים בריסקער איז אַלס קינד, ווי דאָס רוב שאַרפזיניגע, עלוי־שע קינדער, געווען אַ גרויסער שטיפער. איינמאָל האָט דער אַלטער דיין, וועלכער פלעגט זיצען ביי ר׳ יאָשע בער׳ן אין דער בית־דין־שטוב, איהם געזאָגט מוסר:

— איי — מאַכט ער — חיים׳קע, חיים׳קע, אַט זעהסטו, דיין טאַטע זאָל געזונד זיין איז געזעסען טאָג און נאַכט און געלערענט איז פון איהם אַרויסגעוואַקסען אַ גדול בישראל, אַ גאון הדור, דו אָבער, אַז גאַנצע טעג שטיפסטו אַרום און לערנסט נישט, וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסען?

— אַ דיין — ענטפערט איהם חיים׳קע מניה וביה...

געהאַט האָט חיים׳קע אַ מלמד אַ סלאָנימער חסיד. איינמאָל איז דער

סלאָנימער רבי, רבי אברהם׳לע, געקומען צו פאָהרען קיין סלוצק (חיים׳קעס פאָטער, רבי יאָשע בער, איז דאַן געווען סלוצקער רב) און דער מלמד, געהענדיג מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן זיינעם, האָט ער אויך מיטגענומען דעם תלמיד מיט זיך. דער סלאָנימער רבי, דערהערענדיג וועמענס קינד דאָס איז, האָט ער זיך מיט איהם משתעשע געווען און איהם מכבד געווען מיט אַן׳עפּעל. חיים׳קע האָט געכאַפּט דעם עפּעל און גלייך גענומען עסען.

— האַ? — גיט דער מלמד אויף איהם אַ געשריי — אָהן אַ ברכה?

— דאָס ביזט דו שולדיג — מאַכט דער סלאָנימער רבי צום מלמד — דו ביזט זיין רבי און דו האָסט איהם בעסער נישט מדריך געווען...

— ניין — רופט זיך אָן חיים׳קע צום סלאָנימער רבי׳ן — איהר זענט שולדיג, איהר זענט דאָך מיין רבי׳נס רבי און איהר האָט איהם בעסער נישט מדריך געווען...

ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי...

רבי אברהם׳לע סאָכאַטשעווער, דער „אבני נזר", האָט אַלס יונגעל געלערענט ביים פאָטער, דער ביאַלער רב, וועלכער פלעגט זיך בטולדיג בעציהען צו זיינע חדושים, ווי צו יונגלערישע פּשטלעך, וועלכע עס איז גישט כדאי אויסצוהערען.

איינמאָל ביים לערנען האָט ער ערקלערט דעם פאָטער, אַז ער וויל נאָכזאָגען אַ חדוש, וואָס ער האָט געזעהן אין רשב״א. דער פאָטער האָט אויסגעהערט און איז שטאַרק נתפעל געוואָרען פון שאַרפזיניגען אויפטהו. שפּעטער האָט ער שמייכעלדיג מודה געווען, אַז באמת איז דאָס גאָר זיין אייגענער חדוש.

— ד׳היתכן — פרעגט איהם דער פאָטער — מעג מען דען אָבנאַרען?

דערויף האָט איהם רבי אברהם׳לע (וועלכער איז דאַן נאָך קיין גאַנצע אַכט יאָהר נישט אַלט געווען) אָנגעוויזען פון אַ גמרא אין פסחים, אַז אין אַזעלכע פאַלען מעג מען זיך בענוצען מיט אַ ליגען, דען די גמרא זאָגט דאָרט: „אם בקשת ליחנק היתלה באילן גדול" און דערויף זאָגט רש״י: „אם בקשת לומר דבר שישמעו לבריות ויקבלו ממך וכו׳ למוד בפני רב ואמור שמועותיו משמו". (פסחים קי״ב)...

ארבע מדות בנותני צדקה... (משנה טז)

פארהאן אזעלכע נותנים, וואס צדקה געבען זיי נאר אויפ'ן בית עולם, בעת א לויה, א יאהרצייט, אדער בשעת זיי ווערען ל"ע קראנק און עס בעפאלט זיי א פחד פאר'ן טויט· און וועגען אזעלכע ווערט געזאגט: „עני חשוב כמת", דער עני, דער ארימאן, ווערט נאך דעמאלס ביי זיי א חשוב און זיי דערמאהנען זיך אין איהם נאר דעמאלס, ווען זיי טראכטען וועגען מת...

(שער בת רבים)

צום „נודע ביהודה" זענען אמאל אריינגעגאנגען צוויי בעלי-בתים און געבעטען ביי איהם א נדבה פאר אנ'איש נכבד. דער נודע-ביהודה האט זיך געפרעגט, אין וואס פאר א סומע געלד יענער נויטיגט זיך און הערענדיג פון זיי א תשובה, האט ער פון זיין אייגענער טאש געגעבען זיי דאס גאנצע געלד, בלויז מיט עטליכע גילדען ווייניגער.

די בעלי-בתים זענען געבליבען שטארק פערוואונדערט, דאפעלט פערוואונדערט: ערשטענס, פון זיין פזרנות, צווייטענס, אויב איהר קענט פועל'ן ביי זיך, רבי — האבען זיי איהם געפרעגט — צו געבען אלס נדבה אזא היבשע סומע געלד, טא פארוואס גיט איהר שוין נישט די גאנצע סומע, צו וועלכער עס פעהלט בלויז בס"ה עטליכע גילדען ?

— איהר האט פארגעסען, ווי עס ווייזט אויס — ענטפערט זיי דער נודע-ביהודה — אין א בפירושער משנה: „הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים — עינו רעה בשל אחרים", מען דארף לאזען פלאץ, אז א צווייטער זאל אויך עפעס געבען...

אין בערדיטשעוו איז געשטארבען א גביר, וועלכער האט גע'שמ'ט ביים לעבען אלס גרויסער קמצן און די חברה-קדישא, ווי מען איז זיך נוהג אין אזעלכע פאלען, האט בעשלאסען זיך נוקם צו זיין אין די יורשים און זי האט געפאדערט פון זיי א גרויסע סומע געלד פאר דער קבורה. די יורשים האבען נישט געוואלט געבען און עס איז געבליבען מען זאל געהן צו א דין-תורה צום בערדיטשעווער רב. בשעת דער רב, רבי לוי יצחק, האט דערהערט וועגען וואס עס האנדעלט זיך, האט ער פערלאנגט פון דער חברה-קדישא, אז זי זאל נישט פאדערען פון די יורשים קיין איין פרוטה, נאר נעהמען אזויפיעל, וויפיעל זיי אליין זענען מרוצה צו געבען. די חברה-

קדישא לייט האבען, פערשטעהט זיך, געמוזט פאלגען, זייענדיג ערשטוינט פונ'ם דאזיגען אויסטערלישען פסק און נאך גרעסער איז געווען זייער פערוואונדערונג, בשעת זיי האבען שפעטער דערזעהן, אז רבי לוי יצחק אליין איז געקומען צו דער לויה, וממילא, פערקוקענדיג זיך אויפ'ן רב, האט זיך שוין די גאנצע שטאדט בעטייליגט אין דער לויה.

אויף דער פראגע פון די פערוואונדערטע בעלי-בתים, פארוואס עס קומט דעם פערשטארבענעם קמצן אזא גרויסען כבוד און מיט וואס ער האט זיך פערדינט, מען זאל איהם זאגאר געבען אנ'אומזיסטע קרקע, האט רבי לוי יצחק ערקלערט:

— ער האט זיך עס פערדינט דערמיט, וואס ביים לעבען האט ער געהאט ביי מיר דריי דיני-תורות און יעדעס מאל האט ער די דין-תורה געוואונען.

ובכן, די ערשטע דין-תורה. עס איז געווען אמאל א מעשה מיט א קאמיסיאנער פון א נאהנטע שטאדט, וועלכער פלעגט פאר די וויין-סוחרים פון זיין שטעדטעל צושטעלען וויין פון בערדיטשעוו און זיי פלעגען איהם יעדעס מאל געבען פאראויס געלד איינצוקויפען די סחורה. ויהי היום, קומט איינמאל דער קאמיסיאנער קיין בערדיטשעוו און מאכט ביים וויין-פאבריקאנט א גרויסע בעשטעלונג און בשעת עס קומט צום בעצאהלען טהוט ער א קוק — ער האט נישט דאס געלד, מען האט איהם דאס געלד, פרעמד געלד, ארויסגעגנב'עט, אדער ער האט עס פערלוירען! פון גרויס צער האט נעביך דער איד אנגעהויבען צו חלש'ן און ס'איז אונמעגליך געווען איהם אבצוראטעווען. יעדעס מאל ווען עס געלינגט אויף א ווײלע איהם צו דערמינטערען און ער עפענט די אויגען און דערמאהנט זיך אין זיין אומגליק פאלט ער צוריק אין חלשות. די דאקטוירים האבען זיך נישט געקענט קיין עצה געבען און זיי האבען ערקלערט, אז כל זמן דער איד וועט נישט צוריק געפינען זיין שאדען, איז קיין האפנונג נישטא צו קענען איהם דערהאלטען ביים לעבען. — צווישען די אידען, וואס זענען זיך צונויפגעלאפען פון גאס ארום דעם אויסטערלישען געשעהעניש האט זיך אויך געפינען דער פערשטארבענער גביר און דערהערענדיג וועגען וואס דא האנדעלט זיך און ווי גרויס עס איז דער סכום פון דעם שאדען, האט ער ערקלערט, אז ער האט דאס געלד געפינען, און בשעת דער פערחלשטער איד האט אויף א ווײלע געעפענט די אויגען האט ער איהם תיכף אונטערגעטראגען די גאנצע סומע, וואס איהם פעהלט און פון גרויס שמחה איז דער איד מאמענטאל צוריקגעקומען צו די כוחות.

צווישען פערזאמעלטען עולם האט זיך אבער געפינען דער אמר׳ן׳ער גנב און דערזעהענדיג דעם גביר׳ס שענע האנדלונג, האט איהם דאס גע-וויסען געגומען פייניגען און אין עטליכע טעג ארום האט ער זיך נישט געקענט מעהר איינהאלטען און ער איז אוועק צום גביר אהיים און איהם פערטרויט, אז באמת געפינט זיך דאס דאזיגע געלד ביי איהם, ער האט עס געפינען, איז ער דעריבער געקומען אומקעהרען איהם דאס געלד, וואס ער, דער גביר, האט שוין יענעם אויסגעצאהלט פון זיין אייגענער טאש. דער גביר האט אבער דאס געלד נישט געוואלט נעהמען און נאך לאנגע טענות האט ער מסכים געווען צו געהן מיט איהם צו א דין-תורה, צום בערדיטשעווער רב.

יענער האט ביי דער דין-תורה געטענה׳ט, אז באמת האט ער געפי-נען דעם איד׳ס געלד און דער גביר איז דעריבער מחויב צוצונעהמען עס פון איהם. דאגעגען האט געטענה׳ט דער גביר, אז ער האט עס געדארפט אבגעבען צו דער צייט און נישט לאזען, אז דער אומגליקליכער איד זאל זיך אזוי פייניגען און אז ער וועט אוף דער דאזיגער מצוה, צו וועלכער ער האט זוכה געווען, מציל צו זיין א נפש-מישראל, באין אופן נישט מוותר זיין... און ער האט די דין תורה געוואונען.

די צווייטע דין תורה. אנ׳ארימער בערדיטשעווער איד, וועלכער האט נישט געהאט קיין פרנסה, האט בעשלאסען אוועקצולאזען זיך פרובען זיין מזל אין מרחקים, אבער היות ווי דאס ווייב, וועלכע האט מורא געהאט, אז נאך זיין אוועקפאהרען וועט זי איינגאנצען בלייבען אהן ברויט, האט דערויף נישט געוואלט מסכים זיין, איז ער געפאלען אויף א עצה און איינמאל איז ער אהיימגעקומען און געבראכט דעם ווייב א פרעהליכע בשורה, אז ער האט בעקומען א פאסטען ביי איינעם פון די בערדיטשעווער גבירים, טאקי ביים דערמאהנטען פערשטארבענעם גביר, אלס רייזענדער, ארומצופאהרען אין די שטעדט מאכען בעשטעלונגען, מיט א שטענדיגע וועכענטליכע פענסיע, און אז יעדע וואך, יעדען דאנערשטאג, וועט דאס ווייב בעקומען אויסגעצאהלט די פענסיע אין גביר׳ס קאנטאר. דאס ווייב האט זיך דערפרעהט און דער מאן האט זיך געזעגענט און זיך אוועקגע-לאזט אין וועג אריין, אבער בשעת די פרוי איז דעם ערשטען דאנערשטאג אהועק אין קאנטאר און זיך געווענדעט צום קאסירער נאך דער פענסיע, האט ער געהויבען מיט די פלייצעס און ערקלערט, אז ער ווייסט נישט פון וואס צו זאגען, אז דער מאן האט דא נישט קיין שום פאסטען און עס קומט איהר קיין שום געלד נישט. די אידענע האט אנגעהויבען שרייען, אז איהר מאן איז נישט קיין ליגנער און אז זי פערלאנגט, מען זאל איהר

אויסצאָהלען די פענסיע, וואָס מען האָט איהם צוגעזאָגט. דער קאַסירער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ משוגענע און בעפויהלען, מען זאָל איהר אַרויסוואַרפען. עס איז געוואָרען אַ מהומה און עס איז אָנגעלאָפען דער בעל-הבית און דערהערענדיג, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער גלייך פערשטאַנען, וואָס דאָ איז און ער האָט ערקלערט דעם קאַסירער, אַז די אידענע האָט רעכט, ער האָט דעם מאַן איהרען טאַקי צוגענומען אויף אַ פאָסטען פאַר אַזאַ און אַזאַ פענסיע און אַז יעדע יאָך זאָל מען איהר די דאָזיגע פענסיע פינקטליך אויסצאָהלען...

במשך פון דער צייט איז דער אַנטלאָפענער מאַן נתעשר געוואָרען און ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, וואו ער האָט זיך צו זיין גרויס פערוואונדערונג דערוואוסט פון ווייב, אַז דער גביר, ביי וועלכען ער האָט מכלומרשט אָנגענומען דעם פאָסטען, האָט איהר יעדע וואָך רעגולער געצאָהלט די פענסיע... ער איז תיכף אַוועק צום גביר, וועלכען ער האָט הייס געדאַנקט פאַר'ן חסד, וואָס ער האָט מיט איהם געטהון און איהם אויסגעצאָהלט דאָס געלד, וואָס ער האָט במשך הזמן געגעבען זיין ווייב, אָבער דער גביר האָט דאָס געלד נישט געוואָלט נעהמען און איהם געענטפערט: „לאו בעל דברים דידי את". עס איז געבליבען מען זאָל געהן צום בערדיטשעווער רב צו אַ דין-תורה, און ווידעראַמאָל האָט דער גביר די דין-תורה געוואונען...

די דריטע דין-תורה. אַ בערדיטשעווער בעל-הבית איז געוואָרען ל"ע אַ יורד. ויהי היום איז איהם אונטערגעקומען אַ משא-ומתן, אין וועלכען ער האָט געדאַרפט אַריינלעגען אַ סומע געלד און ער איז אַוועק צום פערשטאָרבענעם גביר מיט אַ בקשה, ער זאָל איהם ראַטעווען און אויסלייהען דעם נויטיגען סכום. וואָס הייסט, כ'זאל דיר לייהען? — מאַכט צו איהם דער גביר — דו ביזט דאך אַ איד אַנ'ארימאַן, ווער וועט מיר גאַראַנטירען פאַר דעם געלד? דער רבונו של עולם — ענטפערט דער איד — ער איז אַ גוטער בעל-בטחון.. דער גביר האט מסכים געווען אויף דער דאזיגער גאַראַנטיע און ער האט איהם געגעבען די נויטיגע סומע געלד. דער איד האָט מצליח געווען און אין אַ צייט אַרום איז ער געקומען אָבגעבען איהם דעם חוב. כ'האָב שוין אָבגענומען — ענטפערט דער גביר.. וואָס הייסט? — חידושט זיך דער איד — כ'האָב דאָך אייך די גאַנצע צייט קיין איין פרוטה נישט געגעבען?.. געבארגט האב איך אייך דאס געלד — מאַכט צו איהם דער גביר — אויף דער בטיחות פון רבונו של עולם און אט האט מיר דער בעל-בטחון במשך פון דער צייט געסילוקט דעם גאַנצען חוב, נאך מיט נאר אַ כך פראצענט און איהר זענט מיר שוין לגמרי גארנישט שולדיג..

דער איד איז פון דעם אויסטערלישען ענטפער נישט געבליבען צופרידען, ער האט איהם אויסגעפאדערט צו א דין-תורה צום בערדיטשעווער רב, און אויך דאס מאל האט דער גביר געוואונען די דין-תורה...

— און אזא איד — האט דער בערדיטשעווער פערענדיגט — וואס האט געוואונען אזעלכע דריי דיני-תורות, האט כשר פערדינט, מען זאל איהם געבען אן'אומזיסטע קרקע און איינארדנען א שעהנע לויה...

(ש. י. זעווין: מספורי החסידים)

עין טובה ורוח נמוכה ונפש שפלה.. (משנה כב)

קיין לעמבערג איז אמאל געקומען א געוויסער חסידישער רבי, וועלכער האט צריבערגעשיקט דעם משמש צום לעמבערגער רב, אז היות ווי ער דארף איהם עפעס איבערפרעגען, זאל ער מוחל זיין און תיכף קומען צו איהם.

רב אין לעמבערג איז דאן געווען דער „ישועות יעקב", רבי יעקב ארנשטיין, וועלכער איז אויסער א גרויסער גאון בתורה אויך געווען א בעריהמטער יחסן און דערצו אויך א גרויסער עושר און אין אלע קרייזען האט מען זיך דעריבער בעצויגען צו איהם מיט אן'אויסערגעוועהנליכען דרך-ארץ. דערהערענדיג פון שמש, אז עפעס א רבי האט געשיקט נאך איהם, האט עס איהם פערדראסען און ער האט געענטפערט קורץ, אז ער האט קיין צייט נישט.

— אויב אזוי — האט אויסגערופען דער רבי, דערהערענדיג דעם ענטפער — איז ער דאך א בעל-גאוה, מילא וועל איך געהן צו איהם.

דער רבי איז אוועק צו איהם און ווי נאר ער איז אריינגעקומען און איהם דערלאנגט שלום האט ער איהם גלייך א פרעג געטהון: זאגט מיר, לעמבערגער רב, וואס איז דער פשט פון פסוק אין משלי: „תועבת ד' כל גבה לב"? (אן'אנצוהערעניש, אז דער רב איז א גבה-לב, א בעל-גאוה).

— דער פשט — האט איהם דער לעמבערגער רב געענטפערט — איז אזוי: אויף יעדע זאך מיט וועלכער א מענש שטאלצירט, איז דא אן'עצה, אז מען זאל פון איהם בעזייטיגען די שטאלצקייט, אויב א מענש גרויסט זיך מיט זיין עשירות, ווייזט מען איהם אן, אז פלוני בן פלוני איז א פיעל גרעסערער עושר פון איהם און ער דארף זיך נישט אזוי שטארק

איבערנעהמען. שטאָלצירט איינער מיט זיין חכמה — ווייזט מען איהם, אַז יענער און יענער זענען פיעל גרעסערע חכמים, און אַזוי ביי יעדע זאַך... ווי איז אָבער, אַז איינער רעדט זיך איין, אַז ער האָט אַ גרויס האַרץ, אַ לב טהור, אַ הויכע נשמה — מיט אַזעלכען איז זעהר שווער עפּעס צו מאַכען און צו איבערצייגען איהם, אַז ער האָט זיך נישט מיט וואָס גרויס צו האַלטען, וואָרום הערצער און נשמות לאָזען זיך נישט מעסטען, וועמענס עס איז גרעסער און הייליגער... און אָט דאָס מיינט דער פּסוק: „תועבת ד׳ כל גבה לב״, אָט די, וואָס טראָגען זיך אַרום מיט דער איינרעדעניש, אַז זיי האָבען הויכע הערצער און גרויסע נשמות...

מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע...

וואָס פרעגט עפּעס די משנה: „מה בין״? מען קאָן זיי דאָך דער־קענען לויט׳ן הילוך, לויט׳ן אויסזעהן, די תלמידים פון אַברהם אבינו טראָ־גען דאָך אַוודאי באָרד און פּיאות, דאַגעגען די תלמידים פון בלעם הרשע זעהען אויס ווי די גוים און געהען געקליידט ווי די גוים. וואָס איז די שאלה?

נאר מוז זיין, אַז ס׳איז זיי אויסערליך שווער צו דערקענען, אַז אויך בלעמ׳ס תלמידים, קאָן אמאל טרעפען, זאלען טראגען ספּאדקעס...

(„נוצר חסד״ אין נאמען פון בעש״ט)

ווער פערשטעהט עס נישט, אַז עס דאַרף זיין אַ גרויסער אונטער־שיד פון אברהם אבינו׳ס תלמידים, ביז די תלמידים פון בלעם הרשע? צווייטענס, וואָס פאר אַנ׳ענטפער איז דערויף: „תלמידיו של אברהם אבינו אוכלים בעולם הזה וכו׳״?

דער פשט איז — האט געזאגט דערויף דער רבי ר׳ בונם — אז דעם חילוק צווישען אברהמ׳ס און להבדיל, בלעמ׳ס תלמידים, קען מען דערקענען נישט בלויז אין זייערע מעשים, נאר אפילו אין עסען...

עז פנים לגיהנם וכו׳ ותן חלקנו בתורתך... (משנה כג)

די מידה פון עזות קאָן אויסגענוצט ווערען נישט נאָר צום שלעכטען נאָר אויך צום גוטען, ווי עס ווערט געזאָגט טאַקי אין אָנהויב פון דער זעלבער משנה: „הוי עז כנמר". בעטען מיר דעריבער: „ותן חלקנו בתורתך", אויב ס'איז אונז בעשערט צו האָבען אין זיך אַביסעל עזות, זאָל דאָס פערווענדעט ווערען אויף דער תורה, דאָ איז גראָד נויטיג אַבי־סעל עזות, ווי די חז"ל זאָגען: „מפני מה ניתנה תורה לישראל מפני שהן עזין" (ביצה כ"ה).

אין די ברכות־השחר זענען מיר מתפלל יעדען טאָג: „יהי רצון מלפניך וכו׳ שתצילנו היום ובכל יום מעזי פנים ומעזות פנים". וואָס עפּיס צוויי מאָל: „מעזי פנים ומעזות פנים"? נאָר „מעזי פנים", יענער זאָל נישט זיין קיין עזות־פנים געגען מיר און „מעזות פנים", איך זאָל נישט אַרויסגעפיהרט ווערען פון געדולד און כ'זאָל נישט זיין קיין עזות־פנים געגען יענעם...

(אבודרהם)

יהודה בן תימא אומר, הוי עז כנמר ורץ כצבי... (משנה כה)

די דאָזיגע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען אין דער צייט, ווען די רוימער האָבען גוזר געווען אויף די אידען, נישט עוסק צו זיין בתורה און נישט מקיים צו זיין די מצוות. יהודה בן תימא האָט דאַן אויפגעפאָ־דערט דאָס פאָלק און אַגיטירט, נישט צו קאַפּיטולירען פאַר'ן רוימישען רשעות, נאָר זיך מוסר נפש צו זיין און אַרויסווייזען די געהעריגע עזות און ווידערשטאַנד, אויסרופענדיג: „הוי עז כנמר ורץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים!" דערביי אָבער „הוא היה אומר עז פנים לגיהנם", האָט ער געפינען פאַר נויטיג צוצוגעבען און צו וואָרענען, אַז בענוצען זאָל מען זיך מיט דער מדה פון עזות נאָר ביים מקיים זיין די מצוות השם, אין אַנדערע פאַלען אָבער, אין געוועהנליכען טאָג־טעגלי־כען לעבען בין אדם לחבירו, איז עזות איינע פון די סאַמע העסליכסטע מדות, און ער האָט אויסגעפיהרט: „יהי רצון מלפניך וכו׳ שיבנה בית

המקדש במהרה בימינו״, אַז מיר זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון דער פרעמדער דעספאָטישער הערשאַפט און צוריק בעקומען אונזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט און דעמאָלס ווען מיר אַפילו אין עבודת־השם זיך נישט דאַרפען מעהר בענוצען מיט דער מדה פון עזות...

(הרב דר. וואלף פישעל)

פֶּרֶק שִׁשִּׁי.

שנו חכמים בלשון המשנה, ברוך שבחר בהם ובמשנתם.

(משנה א)

געוועהנליך זשאלעוועט מען נישט קיין תלמיד־חכם קיין כבוד, אָבער נאָר דאָרט וואו דער כבוד קאָסט קיין געלד נישט. מען איז איהם מכבד מיט'ן בענשען, מיט סנדקאות, מיט אַ פּלאַץ אין בית־המדרש אויף דער מזרח־וואַנד, מיט אַ שענע עליה וכדומה, צו נעהמען איהם אָבער אַלס שותף צו אַ שטיקעל מסחר, ווער שמועסט נאָך, נעהמען איהם אַלס איידעם פאַר דער טאָכטער — דערויף איז מען נישט קיין גרויסע בעלנים, בפירוש דעריבער דער תנא: „ברוך שבחר בהם ובמשנתם", געבענשט זאָל זיין דער, וועלכער איז אַ בעלן נישט־נאָר „במשנתם", נאָר אויך „בהם", אין זיי אַליין...

(פרדס יוסף)

כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה...

דער „שאגת אריה" האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט די תלמידים פון זיין ישיבה, וועלענדיג אין זיי מעורר זיין דעם חשק צו לערנען, געשילדערט פאַר זיי, ווי ווייט דער תלמיד־חכם שטעהט העכער פון עם־הארץ, לגבי וועלכען ער געניסט פון פערשידענע פריווילעגיעס.

אָט למשל — האָט ער גענומען פאַר זיי אויסרעכענען — אין דער תורה שטעהט בפירוש: „לא תקום ולא תטור", דאָך פאַר אַ תלמיד־חכם האָט מען געמאַכט אַ שטיקעל אויסנאַהם: „תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם"...

השבת־אבידה איז אַ מצוות־עשה מן התורה, דאָך פאַר אַ תלמיד חכם, אויב ס'איז נישט לפי כבודו, האָט מען געפונען אַ היתר: „פעמים

שאתה מתעלם" און מען האָט איהם בעפרייט פון צו בעשעפטיגען זיך דערמיט...

אַנ׳עם-הארץ, אויב ער קומט אָבנעהמען אַנ׳אבידה, מוז ער אָבגעבען סימנים, אַ תלמיד-חכם דאַגעגען איז בעגלויבט און ס׳איז גענוג פאַר איהם דער בלויזער טביעת-עין...

אַנ׳עם-הארץ טאָר נישט זאָגען קיין ליגען, אין קיין פאַל נישט, בשום אופן נישט, פאַר אַ תלמיד-חכם האָט מען געמאַכט אַנ׳אויסנאַהם, אַז מפני דרכי שלום און מפני בושה מעג ער אַמאָל זאָגען אַ שטיקעל ליגען...

אַנ׳עם הארץ, אויב ער וויל זיך צוריקציהען פון אַ נדר, מוז ער זיך לאָזען דעם נדר מתיר מאַכען, פאַר אַ תלמיד חכם דאַגעגען זענען אויס-גערעכענט צעהן מיני נדרים, אויף וועלכע ער דאַרף אינגאַנצען קיין התרה נישט האָבען...

אַנ׳עם-הארץ טאָר זיך נישט לאָזען משמש זיין דורך אַ כהן — אַ תלמיד חכם מעג יאָ...

אַנ׳עם-הארץ, נאָכדעם ווי ער האָט שוין אפילו מקיים געווען די מצוה פון פריה ורביה, טאָר ער נישט טרינקען קיין „כוס של עיקרין" (אַ מיטעל, נישט צו האָבען מעהר קיין קינדער), אַ תלמיד-חכם מעג עס עפ״י דין יאָ טהון.

אַ תלמיד-חכם, אַז ער האָט מיט וועמען אַ סכסוך, האָט ער דאָס רעכט צו זאָגען: „צורבא מרבנן אנא, שרי לי תיגראי ברישא", צו פאָדערן פון דיין, ער זאָל איהם ערלעדיגען זיין ענין פריהער פון אַנדערע, אויסער דער רייה — אַנ׳עם-הארץ קאָן דאָס נישט פערלאַנגען...

אַ תלמיד-חכם האָט דאָס רעכט צו זאָגען: „לא יהיבנא אכרגא", צו פאָדערן, מען זאָל איהם בעפרייען פון צאָהלען שטייערען — אַנ׳עם-הארץ האָט נישט אַזאַ רעכט.

„עם הארץ אסור לאכול בשר", אַנ׳עם הארץ טאָר לויט׳ן דין קיין פלייש נישט עסען — פאַר אַ תלמיד-חכם איז נישטאָ דערביי קיין שום בעגרענצונג...

כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל וכו׳... (משנה ד.)

בשעת דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא, האָט געבויט די לובלי-נער ישיבה, האָט איהם איינער, אַ גביר, געפרעגט: היתכן, רבי, נאָכוואָס

דאַרף אַ ישיבה האָבען אַזאַ גרויסאַרטיגען בנין, מיט אַזוי פיעל קאָמפאָרט און בעקוועמליכקייטען און דערויף אַזוי פיעל געלד צו פערוועגדען? עס שטעהט דאָך בפירוש: „כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל"?

האָט איהם דער לובלינער רב געענטפערט:

— וועגען אַ לוה, ווי איהר ווייסט, ווערט געזאָגט אין איין פסוק: „עבד לוה לאיש מלוה", דאַגעגען ווערט געזאָגט אין אַ צווייטען פסוק: „כי תשה ברעך משאת מאומה לא תבוא אל ביתו לעבוט עבוטו" און „ואם איש עני הוא לא תשכב בעבוטו", אַז מען זאָל זיך בעציהען צו איהם מענשליך און נישט דערוועגען חלילה צו בעהאַנדלען איהם ווי אַן עבד, איז עס דאָך אַ בפירושע סתירה? נאָר דער תירוץ איז: פאַר יעדען איז געגעבען געוואָרען אַ בעזונדער פסוק, דער ערשטער פסוק איז געזאָגט געוואָרען צום לוה, דער צווייטער פסוק — צום מלוה, און דאָס זעלבע איז אויך דאָ: דעם מאמר „פת במלח תאכל וכו'" דאַרף געדענקען דער ישיבה-בחור, ער זאָל גרייט זיין ביים עוסק זיין בתורה אויף אַלע בעדינגונגען, דאַגעגען פאַר די, וועלכע דאַרפען שטיצען די ישיבה, זיי דאַרפען געדענקען אין אַן אַנדערען פסוק, אין פסוק — „עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר"...

די וואָלאָזשינער רביצין פלעגט טרייסטען די אָרימע ישיבה-בחורים, וועלכע האָבען געלעבט אין דחקות און זי פלעגט זאָגען צו זיי: נישט שטענדיג, קינדערלעך, וועט איהר דאַרפען אַזוי ליידען. די חכמים אונזערע האָבען נישט געזאָגט, אַז אַ בן-תורה דאַרף דעם גאַנצען לעבען אָבקומען מיט „פת במלח ומים במשורה", עס שטעהט בלויז: „כך היא דרכה של תורה", דאָס איז דער וועג צו דער תורה, נור אַ קליין שטיקעל וועג דאַרף מען פערשוואַרצט ווערען, ביז איהר וועט אי"ה ווערען לומדים און דאַן וועט איהר טהוען גוטע שידוכים, איינער וועט ווערען אַ סוחר, דער צווייטער אַ רב... נישט געזאָרגט, קינדערלעך!

רבי נחום טשערנאָבילער האָט כל ימיו געלעבט אין גרויס אָרימקייט, געוואוינט האָט ער אין אַ שטיבעל ד' על ד' און פערמאָגט האָט ער נישט

מעהר ווי אַנ'אַלטען צעריסענעם פעלץ. אין דער פריה פלעגט דאָס חייב אָנטהון דעם פעלץ און ליפען אין מאַרק אַריין און אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך איינגעהילט אי'נ'ם פעלץ און איז אוועק אין בית־המדרש. חיפיעל זיינע רייכע מקורבים האָבען נישט איינגעטענה'ט מיט איהם און חיפיעל מאָל זיי האָבען איהם נישט פאָרגעלעגט, אַז זיי זענען גרייט צו פערשאַפען איהם אַ לייטישע דירה מיט מעבעל, מיט בכבוד'יגע מלבושים, און אויסצוהאַלטען איהם בהרחבה מיט אַלע הצטרכות'ן האָט ער נישט געוואָלט דערפון הערען און זיי געענטפערט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזען, זיי זאָלען איהם מאַכען פאַר אויס חסיד.

— וואָס האָט דאָס, רבי, — האבען זיי איהם געפרעגט — צו חסידות?

— אַודאי האט עס. די חז"ל זאגען אונז, „האי מאן דבעי למהוי חסידא לקיים מילי דאבות" (ב"ק ל') און אין אבות שטעהט דאָך בפירוש: „כך דרכה של תורה פת במלח תאכל וכו'". עס שטעהט נישט „דרכיה", נאר „דרכה", דאס איז דער איינציגער וועג, קיין אַנדערע וועגען זענען נישטא...

מען איז אַמאָל אַריינגעקומען צו רבי עקיבא אייגער און איהם דערצעהלט, אַז איינער פון זיינע ישיבה־בחורים לעבט אין גרויס אָרימקייט און ס'איז אַ גרויס רחמנות אויף איהם, יעדע נאַכט צו וועטשערע עסט ער אַ שטיקעל טרוקען ברויט און ער לייענט קריאת־שמע און לעגט זיך שלאָפען...

— אַז מען עסט טרוקען ברויט — ענטפערט רבי עקיבא אייגער — און מען לייענט קריאת־שמע און מען לעגט זיך שלאָפען, איז נישט קיין רחמנות, מעהר רחמנות איז אויף אַזעלכען וואָס עסט צו וועטשערע געבראָטענע הוהן און ער געהט שלאָפען אָהן קריאת־שמע!...

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם כעלמער רבי'ן, רבי נטע: וואָס איז די מעשה, וואָס אין די אַמאָליגע דורות, האָבען די צדיקים זיך מתבודד געווען אין די וועלדער, ווייט פון מענשען און האָבען עוסק געווען אין סיגופים און געלעבט אַ חיי צער, דאַגעגען די היינטיגע צדיקים זיצען זיך אין בהרחבה'דיגע דירות און לעבען ווי די גרעסטע נגידים?

האָט ער דערויף געענטפערט: „זה לעומת זה עשה אלקים", דער צדיק, וועלכער דאַרף דינען אַלס שמירה געגען רשע, דאַרף זיך תמיד געפינען געגענאיבער איהם, בכדי ער זאָל היטען זיינע טריט און נישט אַראָב-

לאָזען איהם פון אויג, איז דעריבער אין די פריהערדיגע דורות, ווען דער רשע, דער גזלן, האָט זיך געפינען אין וואַלד און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסען און געלאָקערט גאַנצע טעג אויף אַ געלעגענהייט צו קענען ווענען בערויבען, האָט אויך דער צדיק געמוזט זיצען אין וואַלד, הײַנט אָבער, אַז די גזלנים זיצען אין שטאָדט און וואוינען אין פאַלאַצען, מוז אויך דער צדיק טהון דאָס זעלבע...

ועל הארץ תישן...

כידוע, איז אין די לעצטע יאָהרען געוואָרען אַ „מנהג", אַז אין די גרעסערע שטעדט, וואו עס זענען פאַראַן ישיבות, „בעווילינען" די סוחרים צו לאָזען נעכטיגען די ישיבה-בחורים אין די געוועלבער, ווערענדיג דאַדורך אָבגעהיטען פון גנבות.

די ישיבה-בחורים — האָט דערויף בעמערקט דער לובלינער רב, רבי מאיר שפּירא — דאַרפען פאַר זייער לימוד-התורה שטאַרק דאַנקבאַר זיין די גנבים און בעטען פאַר זייער געזונד, מחמת ווען נישט זיי, וואָלטען זיי נישט געהאַט וואו אַ נאַכט איבערצונעכטיגען...

והתורה נקנית בארבעים ושמונה דברים וכו' בפלפול התלמידים. (משנה ו)

געמיינט ווערט דערמיט דער לאָגישער זאַכליכער פלפול, וועלכער אַנאַליזירט און איז מברר די הלכה, אָבער נישט די סאָפיסטישע, כאַאָטישע פשט'לעך, וועלכע זענען געבויט אויף פאַלשע הנחות און זיי פערקרימען בלויז דעם שכל. אַנטקעגען דעם דאָזיגען מין פלפול זענען שאַרף אַרויס-געטרעטען פערשידענע ראשונים און אחרונים.

אין איינע פון זיינע בריעף דריקט זיך אויס דער רמב"ם וועגען די דאָזיגע פלפולים: „מהם אבוד הזמן ומעט התועלת". און רש"י זאָגט אין אַן אָרט: „פירוש משובש מאדם חריף ומפולפל" (חולין פ"א).

„די יעניגע — שרייבט דער מהר"ל מפּראָג אין „דרך-חיים" — וועלכע שטעלען אַוועק דעם עיקר הלימוד אויף פלפולים און „מעשה חדודים",

פערברענגען דעם זמן מיט שקר, און עס וואָלט אַ סך בעסער געווען פאַר זיי, זיי זאָלן זיך אויסלערנען סטאָלעריי, אָדער אַן אַנדערע מלאכה...

און דער של״ה (אין מס׳ שבועות) שרייבט: „חבל על דאבד׳ן מה שהוצאתי רוב ימי בחלוקים גדולים ונפלאים, חטאתי, עויתי, פשעתי, על כן באתי להזהיר הדורות הבאים״...

מען האָט געהאַט געפרעגט דעם „חות דעת״, פאַרוואָס זיינע חדושים סיי אין „חוות דעת״, סיי אין „נתיבות המשפט״ זענען געשריבען אַזוי בקיצור, האָט ער דערויף געענטפערט: „כל אמתא בריבוע, אמתא ותרי חומשי באלכסונא״ (עירובין נ״ז). גלייכע זאַכען, וואס זענען געבויט אויפ׳ן שכל הישר, נויטיגען זיך נישט אין קיין אריכות און פערנעהמען ווייניגער אָרט, ווי זאַכען, וואָס ווערען געזאָגט אין דער קרום, באלכסון...

אַ ביישפיעל, צו וועלכע משונה׳דיגע אויספיהרונגען מען קאָן קומען דורך סאָפיסטישע פשט׳לעך, ווערט אונז אָנגעוויזען אין דער גמרא (מס׳ דרך-ארץ פרק א׳) און נעמליך: „שאלה זו שאל ר׳ יוסי בן תדאי איש טבריא את רבן גמליאל: מה אשתי שאני מותר בה, אני אסור בבתה, אשת-איש שאני אסור בה — אינו דין שאני אסור בבתה״!?...

בעקאַנט איז אויך, אַגב, דער ביישפיעל, וואָס ווערט געגעבען וועגען גריכישען סאָפיזם, וועלכער איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט אין דער צייט פון סאָקראַטעס׳ן. איינער פון די סאָפיסטען האָט זיך דאַן אויסגעשטעלט און ערקלערט, אַז ער שטאַמט פון דער אינזעל קרעטאַ און אַז אַלע איינוואוינער פון קרעטאַ זענען ליגנער. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען דער פלפול: ווייבאַלד ער שטאַמט פון קרעטאַ, איז ער דאָך אַליין, אויב אַזוי, אויך אַ ליגנער, וממילא דאַרף מען דאָך איהם נישט גלויבען. וואָס ער זאָגט, אַז אַלע איינוואוינער פון קרעטאַ זענען ליגנער, און אויב אַזוי איז ער דאָך אויך נישט קיין ליגנער, קאָן מען דאָך איהם ווידער יאָ גלויבען,

וואָס ער זאָגט, אַז די איינוואוינער פון קרעטאַ זענען ליגנער און אַזוי חייטער...

דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא, האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשיד צווישען אַ פוילישען און אַ ליטווישען ישיבה-בחור. צוויי אַזעלכע בחורים זענען אַמאָל געזעסען אין דער ישיבה און געלערנט בבא-בתרא און צוגעקומען צום מאמר: „אָמרו עליו על רבי יונתן בן עוזיאל בשעה שיושב ועוסק בתורה כל עוף שפורח עליו נשרף" (ב"ב קל"ד),ביידע בחורים זענען דאַן געבליבען זיצען פערטראַכט. פרעגט מען דעם פוילישען ישיבה-בחור: וואָס טראַכט ער? ענטפערט ער, אַז ער איז נתפעל פון דעם מורא'דיגען, הייליגען התלהבות, מיט וועלכען רבי יונתן האָט געלערנט תורה, אַז די פויגעל אין דער לופט זענען אַזש פערברענט געוואָרען... דאַן פרעגט מען דעם ליטווישען ישיבה בחור, וואָס ער האט זיך דערביי אַזוי פערמוח'ט? ענטפערט ער, אַז ער קלערט אַריין, צי עפ"י דין, אויב דער עוף וואס איז דורכגעפלויגען און פערברענט געוואָרען, האט געהערט צו אַ בעל-הבית, איז רבי יונתן בן עוזיאל מחויב געווען צו בעצאהלען דעם בעל-הבית פאַר'ן שאדען, אדער נישט?..